STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11368

FUN EYBIKN KVAL

Eliezer Aronowski

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אליעזר אַראָנאָווסקי

★

פון אייביקן קוואַל

אליעזר אַראָנאָווסקי

אליעזר אַראָנאָווסקי

פון אייביקן קוואַל

דערציילונגען און בילדער

פאַרלאַג "ניי־לעבן"

ELIEZER ARONOWSKI
FUN EIBIKN KWAL

אליעזר אַראָנאָווסקי
פון אייביקן קוואַל

Copyright 1986 by
Eliezer Aronowski

פאַרלאַג "נײַ־לעבן"

נדפס בישראל תשמ"ו

©

Printed in Israel, 1986

דפוס ניב בע"מ, תל־אביב

רחלען
מרדכין
און
דזשעניפערן
געווידמעט

פון אייביקן קוואַל
וואָס פון טיפעניש שלאָגט
פון גלויבן די שיין
שעפּט דאָס האַרץ
וואָס אַלע שאָטנס
פון ייאוש פאַריאָגט.

פון אייביקן קוואַל
טרינקען מיר
דעם באַלעבנדיק־
ווונדערלעכן זאַפט,
וואָס שטאַרקט אונדז
און גיט אונדז
אויסדויער־קראַפט...

פוילן

דאָס אייביקע ליכט

אין ווייסן פאַרצויגן, איינגעקלאַמערט אין קרעפטיקן פראָסט האָט געפּערלט די שטאָט סובאַלק.

די שוואַרצע אַנשע, אַ פאַרפרוירענע איז געלעגן פאַרגליווערט, געשמידט אין אייזערנע קייטן.

בלויז דער אַספּעקט אין דער אַרקאַדיע, האָט אונטערן גלאָז געלאָזט בליִען און וואַקסן בלומען און פלאַנצן.

צוזאַמען מיטן פראָסט האָט אויך די נויט און דער הונגער געבאַלע־באַטעוועט אין שטאָט.

די דייטשן האָבן נישט געלאָזט אַריינפירן קיין תבואה און עסנוואַרג. זיי האָבן אַלץ קאָנפיסקירט.

המן, אַ הויכער, ברייט־פּלייציקער דייטש, איז געווען באַרימט מיטן אונטערזוכן, ביים אַריינגאַנג אין שטאָט. די פויערטעס, צי זיי פירן נישט אין פאַרבאַהאַלטענע ערטער קיין פוטער און קעז.

טייל אַרבעטסלאָזע האָבן זיך דערנערט מיטן פאַרקויפן סיגאַרעטן צו די דייטשע חיילות. פאַרטאָג האָבן זיך געצויגן איבער די גאַסן שוואַרצע פלעקן איבערן ווייסן שניי פון די הונדערטער, וואָס זענען געשטאַנען אַ גאַנצע נאַכט נעבן די בעקערייען, אויף צו קויפן ראָזעווע ברויט, געמישט מיט פּלעווס, געמאַלענע קאַשטאַנען און אַנדערע ערזאַצן, וואָס האָט אויסגעזען און געווען שווער ווי ליים, מיט אַ ביטערלעכן נאָכטעם.

דאָס בייטן זיך פון די רעזשימען פון צאַר אויפן קייזער האָט אויפן רעליגיעזן און גייסטיקן לעבן כמעט ווי זיך נישט אָנגעזען. די שולן, בתי־מדרשים און קלויזן זענען געווען פול מיט מתפללים און לערנער.

אין די חדרים און אין תלמוד־תורה האָט מען געלערנט ווי שטענדיק, אויסער די ערשטע וואָכן פון דער אָקופּאַציע, ווען עס איז געווען אויסנאַם־צושטאַנד, און מען האָט נאָך אַכט אַזייגער אָוונט זיך נישט געטאָרט ווייזן איבער די גאַסן. דעמאָלט האָבן זיך אַלע פאַרמאַכט אונטער די טויערן, פאַררוקט די ריגלען און די שטאָט האָט אויסגעזען ווי אַן אויסגעליידיקטע פון מענטשן — אַ טויטע שטאָט.

פון צייט צו צייט האָט זיך בלויז געהערט דאָס סקריפּען פון די שווערע סאָלדאַטסקע שטיוול איבער דעם שניי, וועלכע האָבן זיך באַוועגט ווי שוואַרצע גייסטער פון דער נאַכט און אַנגעוואָרפן אַן אימה אויפן אַרום.

צו יענער צייט האָבן די תלמידים פון דער תלמוד־תורה אין דעם איינשטאָקיקן, ציגעלנעם הויז פאַרקלונגען מיט זייערע געזאַנגען פון אַלע ניין קלאַסן יעדע כיתה, פון די נידעריקסטע קלאַסן, האָט פאַר זיך, מיט אַ באַזונדערן ניגון, אויסגעזונגען אַ פּסוק חומש, יעדעס וואָרט, צוערשט אין העברעיִש, דערנאָך פאַרטייטשט אויף יידיש: — ויאמר, האָט געזאָגט, אדושם, גאָט, למשה, צו משהן, לאמר, אַזוי צו זאָגן... און די אַלע פּישטשענדיקע שטימעלעך, ווי פון פויגלען האָבן זיך געקוילערט אין דער לופט און איינגעהילט דעם אַרום מיט כוואַליעס פון געזאַנג וואָס האָבן זיך געטראָגן צו די הימלען...

צוליב דעם, וואָס עס האָט אויסגעפעלט געלט אויף צו קויפן האָלץ, האָט מען אָנגעזאָגט יעדן תלמיד, אַז ער זאָל ברענגען איין מאָל אין וואָך אַ פּאָר העלצער פון שטוב און פון דעם האָט זיך אָנגעקליבן גענוג האָלץ אויף צו הייצן טעגלעך די אויוונס פון די חדרים.

אין אָוונט האָבן בלויז געלערנט די העכערע כיתות. קיין נאַפט איז נישט געווען, קיין ליכט אויך נישט.

אין „צווייטן", דאָס הייסט, אין לעצטן קלאַס פאַר דער ישיבה, האָט געלערנט דער רבי ווייל — אַ דאַרער, אַ גרויער, אַ קליין־געוויקסיקער, כאָטש די דאַרקייט האָט אים געמאַכט אויסזען אַ ביסל העכער, מיט אַ קורץ בערדל, ווי זילבערנע ספּרונזשינעס, ביי די זייטן פון די באַקן, מיט אַ פּאָר שוואַרצע, טיפע אויגן, וואָס האָבן אַרויסגערופן דרך־ארץ צו זיך. אַ שוואַרצער כאַלאַט האָט איינגעהילט זיין דינעם קערפּער,

וועלכער האָט זיך געבויגן ווי אַ ריטל און איז געווען רירעוודיק ווי קוועקזילבער. זיינע ווייסע, דינע איידעלע הענט האָבן אויסגעזען ווי זיי וואָלטן געהאַט שוואַרצע פליגל, וואָס שוועבן אין דער לופט, ביים באַוועגן די אָרעמס מיט די ברייטע אַרבל.

ער איז געזעסן אין מיטן, אויף אַ פּלאַטפאָרמע, אָנגעשפּאַרט אויף אַ שטענדער, מיט אַן אָפענער גמרא.

אַרום אים, אין דער פאָרם פון אַ חית, זענען געזעסן די תלמידים. האָט זיך איינער פאַרזינדיקט, אַרויסגערעדט אין מיטן פון אַ שיעור אַ וואָרט צו אַ חבר און ווייל האָט עס באַמערקט — האָט מען מער נישט באַדאַרפט.

ער האָט אָפּגעשטעלט דאָס לערנען אין מיטן, זיך אויפגעשטעלט און גענומען טרייסלען דעם שטענדער אויף אַלע זייטן, פון רעכטס צו לינקס, פון זיך און צו זיך, דער שטענדער האָט זיך געוואָרפן, געטרייסלט און געציטערט ווי אַ לעבעדיק ווען, ווי אַ תלמיד, וועמען דער רבי האַלט פאַרביידע אַקסלען, שאָקלט און שליידערט אים, און ער ציטערט פון אימה און פחד.

די אויגן, וואָס זענען דעמאָלט נאָך גרעסער געוואָרן, האָט ער אָנגעשפּיזט אויף דעם פאַרזינדיקטן בחורל, ווי ער האָט אים דורכגעלעכערט מיט שפּיזן ביז דער טיפעניש פון דער נשמה. אין אים אַליין האָט געווירבלט אַ שטורעם פון כעס און פאַרביטערונג, וואָס האָט אויפגעטרייסלט זיין גאַנצן וועזן, און ער האָט געציטערט ווי אַ ריטל, צוזאַמען מיטן שטענדער, וואָס איז געווען אַ מעדיום פאַר זיין כעס.

אַלע תלמידים זענען געזעסן טויט־שטום בלאַס און דערשראָקן. אָבער אויף דעם, אויף וועמען עס זענען געפאַלן די פיילן פון די פייערדיקע בליקן, האָט מען געזען, אַז ווען עס עפנט זיך אויף איצט די ערד אונטער זיינע פיס און ס'פאַרשלינגט אים, וואָלט ער געווען צופרידן, איידער דורכלעבן די חרפה און בושה מיט די בליקן־שפּיזן פון דעם רבין.

און דערצו האָט ער ווי צו זיך אַליין גערעדט:

— טויזנט יאָר וואָלט איך אַזוי געזעסן און קיין ריר זיך נישט געגעבן !...

נאָך אַ מינוט צוויי פון אַזאַ גייסטיקער פייניקונג, האָבן אַלע זיך געפילט ווי געריייניקטע פון זינד, געטובלט אין די פייערדיקע בליקן פון דעם רבין, ביי וועמען עס האָט ביסלעכווייז זיך איינגעשטילט דער צאָרן, אויסגעלייטערט זיך דאָס פּנים. און די שכינה האָט ווידער אַרויס־געשיינט פון אים, ווי פון אַ זון נאָך אַ רעגן, און ער האָט ווייטער פאַרגעזעצט דעם שיעור.

אין איינעם אַזאַ אָוונט האָט מען דורכן פענצטער פון דער תלמוד־תורה געזען פאַרביישלייערן צוויי שאָטנס. און גלייך האָט זיך דערהערט אַ קלאַפּ אין טיר.

— אַריין! — האָט דער רבי ווייל מיט אַ שטילער און ציטערדיקער שטימע געענטפערט. צוויי הויכע, מגושמדיקע דייטשן, מיט רויטע, פאַרפרוירענע פּנימער, מיט פאַריסענע שפּיציקע וואָנצעס, וואָס האָבן זיך געצויגן צו די שפּיציקע היטלען, פון וועלכע עס האָבן אַרויסגעקוקט, ווי צאַפּלדיקע מייזעלעך, בלאַנדע שוואַרצאַפּלען, האָבן זיך באַוויזן אין טיר, זיי זענען געבליבן שטיין ווי געפּלעפטע. קוים אַרויסגעזאָגט „גוטן אָוונט" און זיך גישט גערירט פון אָרט.

ווו זענען זיי דאָ? האָבן זיי פאָר זיך געטראַכט. איז עס וואָר צי טרוים?

אַ דרייסיק בחורימלעך, פון אַ יאָר צען־צוועלף זענען געזעסן מיט די היטלעך אויף די קעפּ, ביי גרויסע ביכער, גמראס און יעדער איינער האָט געהאַלטן אין זיין רעכטער האַנט אַ בלאַנקע, וואָס האָט באַלויכטן מיט אַ געל ליכט דאָס בלאַסע, ייִנגלשע פּנימל. אַ דינער רויך האָט זיך געצויגן און איינגעהילט אַלעמען אין אַ וואָלקן.

דאָ און דאָרט האָט ווער אָפּגעשניצט דעם שפּיץ־קויל, וואָס האָט זיך געהאַלטן ביים איינלעשן, און דאָס פייער האָט זיך ווידער פאַרגרעסערט. די שאָטנס האָבן אויפגעטאַנצט אויף די ווענט, ווי אַ געראַנגל פון ליכט מיט פינצטערניש, פון פאַרמלאָזע מיסטעריעזע פיגורן.

— וואָס קומט דאָ פאָר? — האָבן זיי געפרעגט ביים אַלטן, דאָרן מאַן מיטן לאַנגן שוואַרצן כאַלאַט, וועלכער האָט אויסגעזען, אונטער דער

באַלויכטונג פון בלאַנקעס ווי אַן אויסטערלישע פיגור פון נישט־דאַיקע וועלטן, ווי אַ הימליש וועזן.

— גאַנץ איינפאַך, — האָט ער געענטפערט, — דאַ לערנען מיר דעם תלמוד, און אַזוי ווי קיין נאַפט און קיין ליכט אין נישטאַ, נוצן מיר בלאַנקעס צו באַלויכטן, ווייל אַפשטעלן דאָס לערנען טאָר מען נישט. די וועלט שטייט אויף לערנען תורה!

זיי האָבן יאָ פאַרשטאַנען, נישט פאַרשטאַנען, זיך אַנטשולדיקט פאַרן איבעררייסן דאָס לערנען, „אַ גוטע נאַכט" געזאָגט און פאַרשווונדן אין פראַסטיקן דרויסן.

— איצט וועל איך אייך דערקלערן דעם זין פון זייער זען, הערן און נישט פאַרשטיין אונדז, — האָט דער רבי ווייל גענומען אויפקלערן דעם ענין.

— איר האָט געזען, דאַ זענען געווען צוויי דייטשן, מענטשן מיט אויגן, מיט אויערן, מיט אַ קאָפּ, מיט הענט און מיט פיס, מענטשן גלייך ווי אַלע, און דאָך האָבן זיי גאַרנישט געזען, גאַרנישט געהערט און גאַרנישט פאַרשטאַנען.

פאַרשטייט איר דעם זין פון פה להם ולא ידברו... א.א.וו. דאָס איז נישט געמיינט בלויז אויף ליים און אויף שטיין: אויף געטשקעס געמאַכט פון מענטשלעכע הענט, נאַר אויך אויף מענטשן. זיי זענען אויך בבחינה פון ליים און פון שטיין — וואָס זעען נישט און הערן נישט... אדרבא, איך וועל אייך מסביר זיין:

וואָס האָבן זיי געזען? — רויכערדיקע בלאַנקעס, געלע ליכט, קנוילן פון רויך, און אָרעמע קינדער, וואָס שטיקן זיך אום, ביי גרויסע ביכער מיט פאַרשמאַלצענע בלעטער.

אויב זיי האָבן מענטשלעכע הערצער, האָבן זיי געקענט בלויז רחמנות האָבן אויף אונדז. און, אפשר, האָבן זיי געטראַכט, אַז מיר זענען אינגאַנצן נישט נאָרמאַל, ווייל לויט זייער לאָגיק זעט עס אויס אַ שטיק משוגעת, אַן אומנאָרמאַלקייט. וואָס? — עס איז ווייניק דער טאָג אויף צו לערנען, דאַרף מען נאָך האָבן די נעכט? און אין אַזעלכע אומשטענדן! —

גיי, דערקלער זיי, אַז תורה דאַרף מען לערנען יומם ולילה, טאָג און נאַכט. ווען זיי עס פאַרשטיין ?

אין דער אמתן איז דאָך דאָס זיצן איצט און לערנען, ווען, אַביסל ווייטער, שלאָגן זיך צוויי גיגאַנטן — די רוסן מיט די דייטשן — און דאָ ווי גאָרנישט וואָלט געשען. ביי די ערנסטע אומשטענדן זיצן מיר על התורה ועל העבודה, און אַז ס׳איז נישטאָ קיין ליכט — איז אַ בלאַנקע אויך גוט, ווייל מיר ווערן באַלויכטן פון אַן אייגענעם פייער... פון אַן אינערלעכן ליכט, וואָס אַ יעדער ייד טראָגט אין זיך און וועמענס וואָרצלען ציִען זיך צו דעם סנה פון דעם מדבר, צו יענעם דאָרן, וואָס משה האָט דערזען אין דעם מדבר, צו דער געטלעכער אַנטפּלעקונג, צו די הימל־ליכט, וואָס ברענט און ווערט נישט פאַרלענדט...

— דעריבער, ווייל מיר זענען פאַרוואָרצלט מיט הארץ און נשמה אין יענעם סנה, איז גענוג פאַר אונדז אַ בלאַנקע, אַ שפּענדל, אַ העלצל צו באַלויכטן דעם חומר — די בלאַטן מיטן טינט, די גשמיותדיקע אויגן זאָלן עס קענען זען, און דאַן קומט דאָס אינערלעכע ליכט — און עפנט פאַר אונדז אויף גייסטיקע וועלטן. און די אותיות מיט די ווערטער צעזינגען זיך אין אונדזערע בלוטן און מיר פילן זיך ווי געטראָגן אין דעם ים התלמוד, גליקלעכע, צעלויכטענע, דערהויבענע...

נו, קענען זיי עס פילן ?... קענען זיי עס פאַרשטיין ?...

דער רבי האָט זיך אַראָפּגעלאָזן אויף זיין שטול. דעם פּנים, דעם צעשטראַלטן צווישןביידע הענט. אָנגעשפּאַרט אויף דעם שטענדער נעבן דער גמרא.

אַ שטילער ניגון האָט פון יעדן איינציקן, ווי אַ פלעמעלע געלויכטן. דערהויבן און געלייטערט האָט עס אַרויסגעזונגען פון יעדן האַרץ... און דאָס געלע ליכט פון די בלאַנקעס זענען נאָך טונקעלער געוואָרן ביים גלאַנץ פון די צאַפּלדיקע אייגעלעך, וואָס האָבן געשיינט מיטן זהר השכינה...

מאַטינקע דער זיסער

א

מאַטינקע דער זיסער איז איינער פון די זין פון דער משפחה קוריק. די משפחה קוריק איז געווען אַ ברייט פאַרצווייגטע גערטנער־פאַמיליע. פּראָסטע, געזונטע מענטשן. ברייטע פּלייצעס. רויטע, גוישע פּנימער. דאָס רוב בלאָנדע מיט זומער שפּרינקעלעך באַשפּרינקלט. גראָבע פיס, ווי סטעמפּערס, וועלכע זענען געגאַנגען פעסט און זיכער.

פון זיי האָט זיך שטענדיק געהערט דער ריח פון פעלד, פון גאָרטן און סאָד. זיי האָבן אַליין געאַקערט, געזייט און געבראָנעט אין פרילינג. באַגאָסן מיט וואַסער די בייטן, געפּוצט און געריסן יעדעס ווילד גרעזעלע, געכאַליעט יעדן נייעם שפּראָץ; יעדן קנאָספּ ווי אַ לעבעדיק ווזן, ביז די בייטן זענען אויפגעגאַנגען אין פולער רייפקייט פאַרשאָטן מיט גרינסן.

דער גאָרטן איז שטענדיק מיטגעגאַנגען מיט זיי אין שטוב אויף די באָרוועסע פיס פון די פרויען, אויף די שטיוואַליעס פון די מענער, צוזאַמען מיט די מערעלעך, רעטעכלעך, אוגערקעס און קאַרטאָפל, וואָס זענען געלעגן אויסגעשאָטן אויף דער ערד נעבן טיש, נעבן די שטולן, אין די ווינקלען. אונטערן בעט איז אויך געלעגן די ברוינע פעטע ערד, ווי דער גאָרטן אַליין וואָלט זיך אַריינגעצויגן אין דער היים און געהויזט צוזאַמען מיט זיינע באַלעבאַטים.

מאַטינקע דער זיסער איז געווען אַ ברונעטער, פון מיטלען וווקס. גאָרנישט געראָטן אין זיינע פיר ברידער, וועלכע זענען אַלע געווען בלאָנדע. גיכער איז ער געווען געראָטן אין די אַנדערע צוויי שוועסטער, וועלכע זענען אויך געווען ברונעטקעס.

מאַטינקע האָט זיך אויסגעקליבן אַ מיידל פון זיינס גלייכן, אַ שוואַרצע, אַ קיילעכדיקע, אַ פּעטלעכע מיט וועלכער ער האָט חתונה געהאַט אין אַ מזלדיקער שעה, און צו די ניין מאָנאַט האָט זי אים געשאָנקען אַ מיידעלע.

אַ חוץ וואָס ער האָט געאַרבעט און געהאַנדלט מיט גערטנעריי, האָט ער אויפגעפּענט אַ פּרוכט־געוועלבל. זומער צייט האָט מען אויך געקענט קריגן אַ קאַלטע גלאָז סאָדע־וואַסער. די ערשטע פאַר יאָר האָט עס געפירט דאָס ווייב. שפּעטער זענען צוגעקומען נייע אָנגעשטעלטע, — זיינע אייגענע טעכטער. גאָט האָט אים געהאָלפן — זיין ווייב האָט אים, כמעט, אַלע יאָר געבוירן אַ קינד. און דאָס קינד — איז אויף צו להכעיס זיי, וואָס האָבן געוואָלט אַז עס זאָל זיין אַ יינגעלע — געווען אַ מיידל. וואָס אָן אמת, מ׳האָט זיך מיט זיי געקענט איבערנעמען. אייגע און איינע, ווי געטאָקט. שוואַרצינקע אויגעלעך, פּעך־שוואַרצע הערעלעך, אָט אַזוי ווי יידישע קינדער דאַרפן זיין.

זיין פּרוכט־געשעפטל איז וואָס אַ יאָר געוואָרן אַלץ פולער און לעבעדיקער. זיינע אייגענע צען מוידן זענען געשטאַנען אויסגעשטעלט הינטערן טובאַנק, ווי אַ לעבעדיקער לייטער, וואָס פירט צו די העכסטע פּאַליצעס.

צו די עלטערע מיידלעך האָבן זיך גענומען שאַרן יינגלעך, וועלכע פלעגן אַריינקומען, גאַנצע קאָמפּאַניעס, טרינקען סאָדע־וואַסער מיט אַ שאָקאָלאַדע, צי איינהאַנדלען אַ קרענצל פולבלוטיקע קאַרשן, גרין־באַגילדעטע, ווייניקע עפּל; צעפּלאַמטע, ווי פון זון געקושטע פלוימען; רויט געפאַרבטע, ווי מיידלש־פאַרפרוירענע באַקן — עפּל און געלבלעך צנועהדיקע, מיט פולע לעבנס־זאַפט באַרנעס.

צוזאַמען מיט די פּרוכטן זענען אויך רייף געוואָרן מאַטינקעס טעכטער, ווי אַ לעבעדיקער סאָד פוןביימער. ביי אייניקע האָבן זיך געריסן די ברוסטן אונטער דער טיולענער בלוזקע, ווי פליימעלעך, נאָר וואָס צייטיק געוואָרן. ביי אַנדערע, ווי שטייפע זאַפטיקע עפּל. ביי אַ טייל — ווי סוף זומערדיקע ווינטער־באַרן. און דאָס האָט געצויגן דאָס יונגוואַרג פון שטעטל צו מאַטינקעס דעם זיסנס פּרוכט־געשעפטל. נישט

אַזוי צו די פּרוכט אויף די פּאַליצעס, ווי וואַרפן אַ בליק אויף די צייטיקע פּרוכטן פון לעבעדיקן סאַד...

קיין גרויסע גליקן האָט מאַטינקע דער זיסער אין זיין פּרוכט־געוועלבן נישט געמאַכט. אָבער דאָרט איז שטענדיק געווען פריילעך און לעבעדיק. און עס האָט אים פאַרגרינגערט דעם עול פון חיונה.

ער אַליין פלעגט כמעט שטענדיק אַרומפאָרן איבער די סעדער און גערטנער. איינהאַנדלען תבואה איבער די דערפער און פירן עס אין אַ צווייטער שטאָט צו פאַרקויפן. ער האָט זיך קיינמאָל חלילה, נישט געקלאָגט אויף זיין מזל. שטענדיק געווען אַ שמח בחלקו, נאָר טיף אין האַרצן האָט ער געבענקט נאָך אַ ייִנגל, נאָך אַ קדיש. און גאָט, ווי עס ווייזט אויס, האָט זיין תפילה אָנגענומען, און ער האָט אים געשאָנקען אַ בן־זקונים, אַ ייִנגל. די פרייד ביי אים און אין זיין היים, איז געווען גרויס, נישט צו באַשרייבן. די גאַנצע וועלט האָט געטאַנצט אים אַנטקעגן. אַלע האָבן אים אָפּגעגעבן מזל טוב! מענטשן, וואָס ער האָט קיינמאָל נישט געוואָגט צוצוגיין צו זיי נאָענט, — ווי קומט ער, אַ פּראָסטער ייִד, צו אַזעלכע למדנים! בני תורה, זענען צו צו אים, געגעבן אים די האַנט און געווונטשן אים מזל טוב!

איינער פון זיי אַ למדן אַ ייִד, האָט אים געזאָגט:

— יגעת ומצאת, מאַטינקע! מזל טוב אייך!

— וואָס מיינט איר מיט דעם? האָט ער נישט פאַרשטייענדיק די העברעיִשע ווערטער געפרעגט!

— אַז מען זוכט געפינט מען!

— אַזוי! — רופט זיך אָפּ מאַטינקע מעשה העלד, — וואָס מיינט איר, אַזוי לייכט איז עס מיר אָנגעקומען דאָס ייִנגל? צען מוידן האָט ער מיך געקאָסט!

— וואָס הייסט צען מוידן? — פרעגט אים דער למדן זיך מאַכנדיק תמעוואַטע.

— איך זוך שוין דאָס ייִנגל זינט איך האָב חתונה געהאַט, נאָר אַלץ איז געגאַנגען מיט דער פוטער אַראָפּ.

ער כאַפּט זיך גלייך, וואָס ער האָט דאָ געזאָגט, און ער הויבט אָן:

— גאָט צו דאַנקען, איך האָב זיך מיט מײַנע טעכטער נישט וואָס צו שעמען! פֿײַנע און שײנע קינדער, נאָר צו אַ ייִנגל קומט עס נישט. הײַנט, גאָט צו דאַנקען, האָב איך שוין מײַן משפּחה־קאָמפּלעט.

פֿאַר די צען מײדלעך, איז דאָס ייִנגל געווען, ווי אַן אוצר פֿון הימל. מען האָט זיך געהאַלטן, טאָג און נאַכט, אין אײן אַרומרײַסן פֿאַר אים. יעדע אײנע האָט אים געוואָלט ניאַנטשען, זיך אַרומגעטראָגן מיט אים אויף די הענט, געגעבן אים עסן, געשפּילט זיך מיט אים, און וואָס נישט? — נישט אײן מאָל איז אין שטוב אַרויסגעקומען קריגערײַען צווישן די שוועסטערס פֿאַרן ייִנגל. די האָט אים געוואָלט טראָגן און די צווייטע, באַלד האָבן די שוועסטערס זיך אײַנגעטײלט אין צוויי קריגערישע צדדים, וואָס האָבן זיך געקריגט און געריסן און געצויגן די הענט זיך צו שלאָגן, נאָר אַ נס איז געשען, וואָס דער טאַטע איז אָנגעקומען, און אַ געשריי געטאָן!

— זײַט שטיל, חצופֿות! גיט מיר אַהער דאָס ייִנגל, ער איז מײַנער און פֿאַרטיק!

פֿאַרן טאַטן האָבן זיי מורא געהאַט. און בײדע צדדים האָבן נישט אויסגעפֿירט. דער טאַטע איז געבליבן מיטן ייִנגל.

דאָס ייִנגל האָט זיך געכאַוועט בײַ מאַטינקע דעם זיסן ווי אַ קרוינפּרינץ. פֿון דאָס בעסטע און טײַערסטע, וואָס איז נאָר אַרײַן אין שטוב איז געווען פֿאַרן ייִנגל. און אַז ער איז געקומען פֿון דער ווײַטער שטאָט האָט ער שטענדיק געזוכט עפּעס צו ברענגען אַ צאַצקע פֿאַרן ייִנגל. אַזוי ער, אַזוי די פֿרוי און אַזוי די טעכטער. מען האָט אים געהיט ווי דאָס אויג אין קאָפּ. קײן שלעכטס זאָל, חלילה, אים נישט געשען.

ב

ס'איז געווען אַ בלינדע און אַ פֿינצטערע סוף־זומער־נאַכט. אין דרויסן האָט געפּלײצט ווי מיט עמערס. דער הערבסט האָט אָנגעזאָגט, אַז ער גײט מיט טויט, קעלט און פֿאַרוויסטונג.

אַ דורכגעווייקטער ביזן לײַב האָט זיך מאַטינקע געשלעפּט אַהײם אויף דעם וועג וואָס איז געשמיסן געוואָרן פֿון ווינט און פֿון רעגן. בלויז

דאָס פערד מיט זיין חיהשן אינסטינקט, וואָס האָט געוווסט, אַז עס גייט צו זיין שטאַל, צו זיין קאַרעטע, האָט דורכגעריסן די פינצטערניש און דערפירט אים אַהיים.

ער האָט באַמערקט אַ בלאַסע שיין דורכן פענצטער. דאָס האַרץ האָט אים אַ ציטער געטאָן. ווי קומט עס וואָס זיי שלאָפן נאָך נישט? — ער האָט אויסגעשפּאַנט אויף שנעל דאָס פערד, אַריינגעפירט אים אין שטאַל, און איז אַריין אין שטוב לויפנדיק גלייך צום צימער, ווו ער האָט דערזען פאַר זיך זיין פרוי מיט די עלטערע טעכטער, וועלכע זענען געזעסן פאַרצערט נעבן בעטל פון זייער בן יחיד.

— וואָס איז געשען? — האָט ער קוים אַרויסגערעדט די פּאָר ווערטער.

— דאָס קינד איז נישט געזונט — האָט די פרוי אַ פּאַרוויינטע, קוים אַרויסגעבראַכט פון די ליפּן.

דאָס קינד איז געלעגן אין בעטל מיט רויטע פאַרלאָפענע אויגעלעך, ראָזע בלומען אויף די באַקן, מיט פאַרברענטע ליפּלעך און ווי געשמייכלט דערזעענדיק דעם טאַטן נעבן זיך.

— וואָס טוט מען? — איז ער אַרומגעלאָפן איבערן צימער, פאַרגעסנדיק זיך, אַז ער איז אַדורכגענעצט ביזן ביין פון רעגן.

— טאַטע! — האָט אים די עלטערסטע טאָכטער גענומען באַרויִקן, — ס'איז גאָרנישט, ער האָט אַ ביסל היץ. מאָרגן וועט קומען דער דאָקטער, און ער וועט געזונט ווערן. גיי, וואַרף אַראָפּ פון זיך די נאַסע קליידער, קענסט זיך נאָך, גאָט זאָל אויסהיטן, פאַרקילן.

און זי האָט גענומען אַראָפּשלעפּן פון טאַטנס אַקסלען די נאַסע פּאַלטע.

די גאַנצע נאַכט איז ער מיט דער פרוי און די עלטערע קינדער נישט געשלאָפן. אַלע ווײַלע געכאַפּט אַ קוק אויפן קינדס פלאַמיקן פּנימל. און די נאַכט האָט אויף צו להכעיס זיך געשלעפּט ווי פון פּעך, ווי זי וואָלט זיך נישט געוואָלט ענדיקן. יעדע שעה האָט זיך געצויגן ווי אַ יאָר. די ווייזערס אויפן זייגער האָבן זיך ווי גאָרנישט גערוקט פון אָרט. אָט, דאַכט זיך, מיט אַ שעה צוריק איז געווען דריי דער זייגער,

און איצט! כמעט אַ שעה פון לײדן און פּײן און פינצטערע מחשבות אין מוח, און עס איז נאָך אינגאַנצן צען מינוט נאָך דרײַ! וואָס איז דאָ געשען? — איז דער זײגער צעבראָכן? — נײן, ער גײט דאָך! גוואַלד, װי ענדיקט זיך שוין די נאַכט!

דער דאָקטער האָט אָנגעזאָגט מען זאָל קײנעם פון די קינדער נישט אַרײַנלאָזן צו אים אין צימער, בלויז די עלטערן מיט דער עלטסטער טאָכטער. ער האָט פאַרשריבן אַ רעצעפּט, געמאַכט אײַנשפּריצונגען, און אָנגעזאָגט מען זאָל אים רופן װידער אויב, חלילה, זײ װעלן זען, דעם קינד װערט ערגער.

אַ פּאָר טעג איז אַריבער, װי דאָס קינד איז שלאָף. די גאַנצע שטוב איז װי איבערגעקערט. אויף אַלע פּנימער ליגט אַ טרויער. שוין די דריטע נאַכט װי די עלטערן שלאָפן נישט. די קינדער בעטן זיך בײַ זײ, נאָר עס העלפט נישט.

די פערטע נאַכט. אַ פליײץ־רעגן האַקט אין די שויבן, װי שדים װאָלטן געגראַבלט מיט זײערע נעגל, און זיך געריסן אין שטוב אַרײַן. דאָס קינדס פּנימל פלאַמט, װי אַ װינטערדיקע זון אין אַ פראָסטיקן טאָג, אויף דעם ראַנד פון האָריזאָנט, װען זי האַלט בײַם פאַרגײן. די מאַמע זיצט פון אײן זײַט בעט און גיסט מיט טרערן פון אירע געשװאָלענע אויגן, ברעכט מיט די הענט פון צער. דער טאַטע לויפט אַרום איבערן צימער, װי ער װאָלט זיך געראַנגלט מיט עמעצן, װאָס װיל אים דערשטיקן, דערװאָרגן, און ער װײסט נישט װי מען רײַסט זיך אַרויס פון אים. דאָס קינד, זעט מען, גײט אויס װי אַ ליכט, דאָס פלעמל ראַנגלט זיך אויפן לעצטן ביסל חלב, נאָך אַ װײַל, נאָך אַ צוק, און עס װעט װערן פינצטער אין שטוב...

ס'איז מיטן נאַכט. אַ שלאַקסרעגן טאַנצט אין געװירבל מיט שדים און רוחות, װאָס פײַפן און סװישטשען און װיקלען דאָס שטעטל אין שװאַרצע געװאַנטן, װאָס שלעפן צום אָפּגרונט. מאַטינקע האָט אויפגעריסן די טיר, װי ער װאָלט זיך איבערגעגעבן דעם טײַװל אין די הענט אַרײַן, זיך אַרײַנגעװאָרפן אין דעם צעיושעטן דרויסן, און זיך געלאָזט צום דאָקטער.

פון אַנהויב, האָט דער דאָקטער זיך געקווענקלט, ווי ער האָט געוואָלט זיך אַרויסדרייען, נישט גיין פון דעם וואַרעמען בעט אין דעם נאַסן דרויסן. אַז ער האָט אָבער דערזען פאַר זיך מאָטינקעס צוויי אויגן, ווי אויפגעריסענע תהומען, פון וועלכע עס האָט געשטראָמט אַ ים פון געבעט און רחמנות, האָט ער אַרויפגעכאַפּט דעם כאַלאַט אויף זיך, און אויף אים, דעם מאַנטל מיט אַ שירעם און זענען ווי געלאָפן דורך די וויינענדיקע גאַסן אין דער קלאָגעדיקער נאַכט.

דער דאָקטער האָט געפּרוּווט אים געבן נאָך אַן איינשפּריצונג, אפשר וועט עס אים אין דער לעצטער מינוט העלפן. אָבער עס איז שוין געווען פאַרפאַלן. דער טויט האָט שוין געטאַנצט אין דרויסן דעם טויטן־טאַנץ. דאָס גאַנצע שטעטל האָט געוויינט און געיאָמערט. דער ווינט האָט צעטריבן דעם יאָמער איבער דער וועלט און מאָטינקעס אוצר פון הימל האָט איינגעשלונגען די ערד.

איבער נאַכט איז ער ווי גרוי געוואָרן. די אַלטקייט איז אויף אים אַרויפגעשפּרונגען. מען האָט אים, כמעט ווי נישט דערקענט.

נאָך דער שבעה איז ער געגאַנגען, איינגעשפּאַנט דאָס פערד אין וואָגן, ווי ער וואָלט וועלן אַנטלויפן פון דער היים, אַנטלויפן פון דעם אָרט, וווּ זיין קינד זיין בן יחיד איז צוגענומען געוואָרן, און זיך געלאָזט אין וועג אַריין, ווי ער וואָלט פאָרן זוכן ערגעצוווּ זיין קינד, ווי ער וואָלט נישט געשטאָרבן, נאָר ערגעץ פאַרבלאָנדזשעט, איבער פעלדער, איבער וועלדער, און ער זוכט אויך אַזוי זיין היים, זיינע עלטערן, זיינע שוועסטער, ווי אים — זיין טאַטן.

ער איז צוריקגעפאָרן פון דאָרף מיט עטלעכע זעקלעך תבואה, אַ פּאָר טשוואַרטקעס קאַרטאָפל און אַ ביסל ווינטער־אויבסט. דער טאָג האָט שוין געהאַלטן אין פאַרגיין. די לעצטע שטראַלן פון דער זון האָבן נאָך געפאַרבן די שפּיצן פון די סאָסנעס, וועלכע האָבן אויסגעזען ווי בלוטיקע נאָדלען, וואָס האָבן דורכגעשטאָכן זיין האַרץ. ער האָט זיך פאַרטראַכט. און ווי צו זיך אַליין גערעדט, זייענדיק איינער אַליין אין מיטן וואַלד:

— פאַרוואָס איז עס מיר געקומען אַזאַ מין שטראָף? מיט וואָס האָב

איך זיך פאַרזינדיקט? איך פלעג דאָך שטענדיק טאָן בלויז גוטס! קיינעם קיין שלעכטס נישט געטאָן. ווען איך פלעג נאָר טרעפן אין וועג — ארויפגענומען אויף מיין וואָגן — ייד צי גוי — אַלץ איינס, זאָל ער נישט דאַרפן גיין צופוס. מיט וואָס איך האָב געקענט האָב איך יענעם געהאָלפן, מיט אַ שטיקל ברויט, מיט אַ פרוכט, מיט אַ נדבה. גאָט ווייסט, אַז האָב קיינמאָל מער ווי אַ לעבן נישט געמאַכט, און זיך צו אים נישט געקלאָגט. און אַז מיר איז צוגעשיקט געוואָרן די מתנה פון גאָט — מיין בן זקונים, בין איך אודאי געווען גליקלעך איבערגליקלעך. די גאַנצע וועלט האָט זיך צו מיר נישט געקענט גלייכן. און דאָ פלוצלונג, אַזאַ אומגליק! אַזאַ בראָך! נישט געלאָזן זיך שפּילן מיט אים גענוג. קוים זעקס יאָר אַלט געווען און שוין צוגענומען אים פון מיר. אָה גאָט! — ווען דו קומסט מיר איצט אָן אַנטקעגן אויפן וועג, און דו בעטסט מיך, איך זאָל דיך ארויפנעמען צו מיר אויפן וואָגן, בין איך קיין ייד נישט, אויב איך וואָלט דיר אַרויפגענומען! אַז דו האָסט מיר געקענט אַזויפיל צער און פיין פאַרשאַפן!

כוואַליעס ביטערניש האָבן זיך פון זיין האַרץ געריסן, און פאַרצויגן מיט טרויער דעם וואַלד. שוואַרצע שאָטנס האָבן זיך ווי שלאַנגען געפלאָכטן אַרום דיביימער, און פאַרצויגן זיך אויף די שפּיצן, ווי שלייפן, אויף וועלכע עס האָט זיך געבאַמבלט אַ געהאַנגענער, דער טאָג. דער גאַנצער אַרום איז אַדורכגענומען געוואָרן מיט דעם גרויסן צער פון מאַטינקע דעם זיסן, וועלכער האָט געשלאָגן מיט ביטערקייט פון גאַל. די ווינטן האָבן יללהדיק צעטראָגן זיין פאַרשטיקטן יאָמער, ווי אַ פינצטערע קללה אויף אַלץ — און עס איז געוואָרן נאַכט אויף דער וועלט...

זיידע און אייניקל...

רב מאיר־יוסף איז געווען דער מלמד פון פינפטן קלאַס אין סובאַלקער תלמוד תורה.

ווען זיין עלטסטער זון, רב אברהם־יעקב, איז געשטאָרבן פון אַ לונגען אַנטצינדונג, צו געגוויע דרייסיק יאָר, און איבערגעלאָזן אַן אלמנה מיט פינף קליינע קינדער פון וועלכע די יונגסטע איז אַלט געווען אַ וואָך, האָט ער דאָס עלטסטע אייניקל, חיימקען, אַראָפּגעבראַכט צו זיך אין דער גרויסער שטאָט, צו דערציִען אים ווי אַן אייגן קינד.

דער זיידע איז געווען אַ הויכער און אַ דאַרער, מיט אַ ציגענעם בערדל, פון ביידע זייטן גרוילעך. זיינע תלמידים האָבן אים גערופן: „יאַנאָווער דראַנג", ווייל ער האָט געשטאַמט פון יאַנאָווע. ער האָט געהאַט אַ ווייס־ליכטיק פנים מיט בלויע אויגן ווען ער האָט געשמייכלט, און גרוי, ווי פאַרצויגן מיט אַ וואָלקן, בעת ער איז געווען אומעטיק אָדער בייז.

דאָס אייניקל, אַן אַכט יאָריק ייִנגל, איז געווען אַ קליינטשיקס און אַ דאַרס. אַ ציגיינערל. שוואַרצע קוילן־אויגן מיט פינקלדיקע בליקן. די קינדער האָבן אים גערופן „קטנתי" און אויסגעזונגען דאָס מיטן טראָפּ.

דער זיידע האָט געוואָלט דערציִען זיין אייניקל ווי זיינע ביידע זין למדנים. איינער איז געווען אַ מלמד פאַר דערוואַקסענע בחורים און דער צווייטער, אַ סוחר, כאָטש ער האָט געהאַט סמיכות אויף רבנות.

זייענדיק אַליין שטרענג פרום, אַ לעבעדיקער שולחן־ערוך, האָט ער דאָס אייניקל מדריך געווען אין זעלבן גייסט. פאַרן שלאָפן־גיין, האָט ער געבן בעט, שטענדיק אַנגעגרייט אַ קענדל מיט וואַסער און אַ שיסל

אויף אָפּצוגיסן נעגל־וואַסער, אַזוי פּאַר זיך, אַזוי פאַרן אייניקל, וועלכער איז געשלאָפן מיט אים צוזאַמען אין איין בעט. נישט איינמאָל, אין מיטן נאַכט, האָט ער אים געוועקט, ער זאָל אַרויפשלעפּן די יאַרמעלקע, וואָס איז אַראָפּגעפאַלן בעתן שלאָפן.

אינדערפרי זענען זיי געגאַנגען דאַווענען אין בית־מדרש און פון דאָרט גלייך אין חדר. אַנבייסן האָבן זיי ביידע געגעסן צוזאַמען, ווען אַלע קינדער זענען געגאַנגען פרישטיק אַ היים. אַ הערינג איינגעוויקלט אין פאַפּיר, געלאָזט אים אָפּבראָטן אויף הייסע קוילן; אַ טשייניק וואַסער פאַרבראָקט אין אים עטלעכע קערנדלעך סענץ; שוואַרץ, ראַזעווע ברויט, ווען נישט ווען באַשמירט מיט פּוטער, איז געווען, כמעט, טאָג־איין, טאָג־אויס, זייער פרישטיק.

דערביי האָט ער אים געוויזן — בראָטנדיק די מילך פון הערינג אויף די קוילן — ווי עס צאַפּלען זיך דינע פּעדעמלעך. דאָס זענען לעבעדיקע ווערים. דעריבער זאָל מען בעסער די מילך אַרויסוואַרפן, אָבער די איקרע מעג מען יאָ עסן.

די זאַכן, אין וועלכע ער האָט באַקליידט זיין אייניקל איז געווען אין זיין גייסט — לאַנג און ברייט. טאָמער וועט ער אויסוואַקסן זאָל עס זיין אויף נאָך אַ פּאָר יאָר. כאָטש קיין נייע האָט ער אים קיינמאָל נישט געמאַכט, נאָר איבערגעניצעוועט פון זיין ייִנגערן זונס בגדים.

פאַרן אַרויספאָרן פון קליינעם שטעטל אין דער גרויסער שטאָט אַריין האָט די מאַמע אָנגעזאָגט איר קינד: — „זאָלסט זיך חברן מיט רייכע קינדער, ווייל רייכע קינדער קומען פון בעסערע למדנישע הייזער, און אָרעמע קינדער קומען פון פּראָסטע היימען און מען קען זיך פון זיי אָפּלערנען מיאוסע רייד און שלעכטע מעשים".

דעם זיידנס פלאַץ אין בית־מדרש איז געווען אויף דער ערשטער באַנק. דאָרט זענען געזעסן די רייכע באַלעבאַטים, למדנים, חברה ש״ס׳ניקעס. האָט דאָס אייניקל זיך שטענדיק געחברט מיט די קינדער פון שול, וואָס ער האָט זיך באַקענט מיט זיי ביים דאַווענען, נישט מיט די אָרעמע תלמודי־טאַטניקעס.

די רייכע קינדער זענען געגאַנגען קורצע פּאַלטקעס, קורצע רעקלעך

און קורצע הויזלעך. האָט ער אויך געוואָלט אויסזען ווי אַ גביריש קינד. מיט די הויזן האָט ער נאָך ווי נישט איז געפונען אַ מיטל. ער האָט זיי הינטן צונויפגעדרייט ווי אַ קנויל, אַזוי ווי אַ קישקע און פאַרשפּילעט אויף די קנעפּלעך. האָבן זיי שוין ממילא אויסגעזען קורץ, ביז די קני. אָבער מיטן רעקל איז געווען צרות.

שפּעטער, ווען ער איז עלטער געוואָרן און געקומען אַ ביסל צום שׂכל, האָט ער דעם זיידן אָפּגעטאָן אויף טערקיש.

אויף מאַלאַראַצעק, אין די שמאָלע, אויסגעדרייטע, צעקרימטע געסלעך פון סובאַלקער אָרעמקייט זענען די הייזלעך געשטאַנען ווי אָנגעוואָרפענע קעסטלעך, משופּעדיק, צוגעטוליעט אייגע צו די צווייטע, ווי זיי וואָלטן זיך אָנגעשפּאַרט אויף נישט איינצופאַלן. דאָרט האָט געוווינט דער שניידער, דער לאַטוטניק פון דעם זיידן. ביים נעמען די מאָס אויף איבערצוניצעווען אַ פּאַלטע פון זיין זון פאַרן אייניקל, האָט אים דער שניידער געפרעגט:

— ווי לאַנג?

— אַט־אַט ביז דאַנען — האָט דער זיידע אָנגעוויזן מיטן פינגער.

דאָס אייניקל האָט געשוויגן. אַ ברירה האָט ער געהאַט? אין אַ פּאָר טעג אַרום, ווען ער איז געגאַנגען אָנפּאַסטן, האָט ער דעם שניידער געזאָגט, אַז דער זיידע האָט געהייסן מאַכן נישט אַזוי לאַנג, אַ ביסל קירצער, און אָנגעוויזן מיטן פינגער עטוואָס אַרונטער פון די קנעכלעך. דער שניידער האָט זיך געוווּנדערט. אָבער ווען דאָס אייניקל זאָגט, אַז דער זיידע האָט געהייסן, גלויבט ער אים.

ווען מען האָט אָפּגעבראַכט די פּאַלטקע און דער זיידע האָט עס דערזען, האָט ער אַרויסגעלאָזן אַ קרעכץ, ווי מען וואָלט אים געקוילעט די קאַפּאָטע. דאָס אייניקל האָט זיך געמאַכט ווי געפּגרט. ער איז גאָט די נשמה שולדיק. שפּעטער, ווען ער האָט זיך דערוווּסט פון שניידער דעם ליגן, האָט ער אים געפרעגט:

— סטייטש, ווי אַזוי וואַגסטו עס צו זאָגן אַ ליגן! אויף דעם לערן איך דיך? — און דערביי פאַרמעסט ער זיך מיט ביידע הענט ווי אויף צו נעמען זיך שלאָגן (כאָטש ער האָט אים קיינמאָל געשלאָגן).

האָט דאָס אייניקל זיך פאַרענטפערט:

— איך האָב אים געהייסן מאַכן אַ ביסל קירצער ווי דער זיידע האָט געזאָגט, האָט דער שניידער געמיינט, אַז דער זיידע האָט געזאָגט...

אַ צווייטער גערانגל מיטן זיידן איז געווען ביים שערן זיך. וויפל מאָל ער האָט אים נישט אָנגעזאָגט, ער זאָל איבערלאָזן די פאות, איז ער שטענדיק געקומען מיטן תירוץ, אַז איידער ער האָט נאָך באַוויזן צו זאָגן דעם שערער, ער זאָל אים איבערלאָזן די פאות, האָט ער שוין געהאַט איינע אין זיין מאַשינקע. דעריבער האָט ער שוין געמוזט די אַנדערע אויך אַראָפּנעמען.

דער זיידע האָט דערפאַר באַשלאָסן, אַז ער וועט מיטגיין מיט אים צום שערער. גייען זיי ביידע אַזוי צוזאַמען, דער זיידע האַלט דאָס אייניקל ביי דער האַנט אויף דער גאַנצער לענג פון שול־גאַס. אַ קוואַרטאַל פאַרן שערער, האָט ער אַרויסגעצויגן די האַנט פון זיינער, ווי עס וואָלט זיך כלומרש אַרויסגעגליטשט פון זיך אַליין און זי אַריינגעלייגט אין קעשענע פון זיידנס פאַלטע, ווי ער האָט ליב געהאַט דאָס רוב צו גיין. אַז ס׳האָט געהאַלטן ביי די דריי טרעפּלעך פון שערער, איז ער פלינק אַרויף און גלייך צום שטול, געהייסן דעם שערער אַראָפּנעמען די פאה, ווייל דער זיידע גייט. ווען דער זיידע איז צוגעקומען און געהייסן דעם שערער, ער זאָל אים איבערלאָזן די פאות, האָט אים דער שערער באַוויזן, אַז איינע, איז שוין פאַרפאַלן, די צווייטע וועט ער ניט אָנרירן.

דער זיידע האָט זיך גענומען קריגן מיטן שערער:

— סטייטש, ווי נעמט מען דאָס אַ יידיש קינד אַראָפּ די פאות?

דער שערער האָט זיך פאַרענטפערט:

— אַזוי שער איך אים אַלעמאָל.

דער זיידע האָט קיין אַנדער ברירה נישט געהאַט ווי אים אָנצוזאָגן, אַז די אַנדערע פאה זאָל ער ניט וואַגן אים צו טשעפּען.

— גוט, איך וועל אייך פאָלגן, רב מאיר־יוסף.

דאָס אייניקל, וועלכער איז געזעסן די גאַנצע צייט ווי אַ נעבעכל, ווען דער זיידע מיטן שערער האָבן זיך איבערגערעדט, איז מיטאַמאָל אויפגעשפרונגען:

— ניין, דאָס וויל איך נישט! איין פּאה יאָ און איינע נישט, וועלן מיך די יינגלעך רופן משוגענער.

דער זיידע איז אַוועק אַ ברוגזער אויףביידן. און דאָס אייניקל האָט זיינס אויסגעפירט.

זומער. ליכטיקע טעג. אין דרויסן שפּילן זיך יינגלעך אין פּאַלאַנט, אין קליפּ. דאָס אייניקל וויל אויך אַרויסגיין, אויסלאַדן די שטיפערישע יינגלשקייט פון די בלוטן, נאָר דער זיידע לאָזט נישט:

— דאָס איז אַ שפּיל פאַר שקצים, נישט פאַר יידישע יינגלעך.

עס האָט קיינמאָל נישט געטראָפן ביים עסן, אַז דער זיידע זאָל נישט האָבן אין האַנט קיין ספר. אָבער ער האָט אים קיינמאָל נישט געלייגט אויפן טיש, ווייל אין יעדן ספר זענען פאַראַן מילבן און אַ מילב, אַז מען קוקט דורך אַ פאַרגרעסער־גלאָז, זעט עס אויס ווי אַ חזיר. און אויפעסנדיק אַ מילב, וואָס פאַרקריכט אין דעם עסן, איז פונקט ווי מען וואָלט געגעסן חזיר.

דעם איינציקן לוקסוס, וואָס ער האָט זיך און דעם אייניקל פאַרגונען און מבטל געווען דאָס לערנען, איז זומער־צייט, אין די גרויסע היצן, צו גיין זיך באָדן אין אַרקאַדיע, אין דער שוואַרצער אַנשע, ערב שבת; אין שבת נאָך מיטאָג — גיין שפּאַצירן אין גרויסן שטאָט־גאַרטן, אויף שאַסיי־גאַס, וואָס דעם אייניקל איז עס אויך אַרויס באַקעם, ווייל ער פלעגט אים דאַן פאַרהערן.

אַ חוץ זיין קנעלן אין דער תלמוד־תורה, האָט ער אַלע שבת געלערנט מיטן עולם יידן עין־יעקב. זומער — פאַר מעריב; ווינטער — נאָך מעריב. אַ לאַנגער, ברוינער, הילצערנער טיש, האָט זיך געצויגן פון מזרח קיין מערב. אין מיטן, ביים וואַנט, איז געזעסן דער זיידע, נעבן אים דאָס אייניקל און לענג־אויס פון ביידע זייטן — עמך! מולאַרעס, סטאָלאַרעס, גאַרבערס, שוסטער, שניידער. אַזוי יאָר־איין, יאָר־אויס האָט ער אויפגעדעקט פאַר זיי די ווונדערלעכע מעשיות, די פּערל פון תלמוד. נישט אַלע האָבן אויפגעפּאַסט אין דער פולער שיינקייט, אין זייער הערלעכן גלאַנץ, זייער טיפן מיין. אָבער יעדער איינער האָט געגאַסן, לויט זיין השגה פון דעם אייביקן ליכט וואָס שטראַלט אויס פון די

ווונדערלעכע לעגענדעס, וואָס לייכטן מיט דער מיסטעריע פון אור־הגנוז.

דאָס אייניקל האָט דורכגעמאַכט די ערשטע וועלט־מלחמה ווי אַ ישיבה־בחור. געגעסן טעג; אָנגעזאָפּט זיך ווי אַ שוואָם מיט יידישקייט. די דרויסנדיקע ווינטן, די דייטשע צוואַנגס־שולע און שפּעטער — די רוסישע רעוואָלוציע האָבן פון דעם אייניקל אַראָפּגעטרייסלט דאָס פלעווע־דיקע, דאָס אויבערפלעכלעכע. דער קערן — דער יידישער קערן איז אין אים פאַרבליבן אויף אייביק.

✶

ווייט איבער ימען, פאַר טויזנטער מיילן פון דער אַלטער היים, אין דער הויך פון דאַך פון האַוואַנאַ, זיצט דאָס זעלבע אייניקל, אַ יונג בחורל, מיט אַ קאָפּ שוואַרצע, געדיכטע האָר, פאַרוואַקסן ביז איבערן שטערן; טונקל־ברוינע פאַרחלומטע אויגן, און לערנט מיט אַ קרייז יוגנטלעכע — ייִנגלעך און מיידלעך — דעם זעלבן עין־יעקב.

פאַר דער יוגנט האָט זיך אויפגעעפנט אַ נייע וועלט, וואָס זיי האָבן ביז איצט פון איר נישט געוווּסט, שטראַלן, וואָס פאַר טויזנטער יאָרן צוריק האָבן אויפגעלויכטן און באַלייכטן נאָך איצט און אויף אַלע אייביקייטן דאָס יידישע לעבן איבער דעם גאַנצן ערד־קיילעך.

און די זעלבע זון, וואָס האָט דאַן באַלויכטן דעם הילצערנעם טיש פון גרויסן בית־מדרש, מיט די עלטערע און מיטעלע יידן און זיי אַרומ־גענומען מיט אַ כתר־תורה, האָט איצט, די יידישע קינדער אויף אַ פרעמדער ערד, אין אַ פרעמדער וועלט אויך באַצירט מיטן כתר־תורה, די אייביקע קרוין פון יידישן פאָלק. און דער זיידע מיטן אייניקל זענען ווידער ווי איינס, איינגעשפּאַנט אין דער הייליקער אַרבעט פון עבודת הבורא.

די שטים פון וואַלד

ווי אַ קינד צוגעטוליעט צו דער מוטערס ברוסט, ליגט דאָס שטעטל יאַגיסטאָוו אין די אָרעמס פון דעם סאָסנאָוון וואַלד.

דער וואַלד, ווי אַ בלויער חלום, האָט אייביק פאַרכישופט די יוגנט און זי געצויגן צו זיך. איבערהויפּט, אין פרילינג, ווען די וועלט האָט דערוואַכט מיטן קראַך פון דעם אייז, מיט דעם בלי פונעם בעז, מיטן שפּראָץ פון דער בלום, און דאָס שטעטל אין פאַרשיכורט געוואָרן מיט דעם ריח פון אַקאַציעס, האָט זיך די יוגנט מיטן פרילינג־שטראָם געלאָזט אין וואַלד אַריין.

נישטאָ קיין בוים, וואָס האָט נישט דעם סוד פון ליבע אונטער זיינע צווייגן פאַרבאַהאַלטן. די איניציאַלן אויסגעשניצט אין די קאָרע זענען עדות אויף דעם.

זומער צייט איז דער וואַלד פול געווען מיט דאַטשניקעס. פון בוים צו בוים, איבערגעוואָרפן מיט שטריק, האָבן זיך גאַמאַקן געוויגט. אין זיי האָבן די מענטשן געזוכט אַריינצושלינגען וואָס מערער סאָסנאָוון, פּעכעדיקן ריח אין די לונגען אַריין.

אין דעם קאַנאַל האָבן זיך די מענער מוטער־נאַקעט געבאָדן, געניורקעט אונטער די פליטן, פאַרשמירט נישט איינמאָל אין דער סמאָלע, אין דעם טרעפּענטין, וואָס האָט פון די קלעצער גערונען, ווי בלוט פון ווונדיקע לייבער. אַ היפּש ביסל ווייטער האָבן די פרויען זייער יונג־צאַפּלדיקע גלידער אין די כוואַליעס געוויקלט, צניעותדיק זיך געררויטלט ווי זיי וואָלטן זיך געשעמט פאַר דער שיין פון דעם טאָג.

איבער די טייכן סאַינע, ניעצקי און ביאַלי האָט זיך די יוגנט אין

וואַלדישע טיפן געוויגט. לאַדקעס האָבן שטיל דעם וואַסער געשניטן. ייִנגל צו מיידל געטוליטעט. הערצער צו הערצער באַהעפט. ליפּן צו ליפּן אין פיבער. דער וואַלד איז פול געווען מיט ליבע און געזאַנג. יעדער שטימע האָט אָפּגעהילכט אין דער ווייט. און דער עכאָ האָט אויסגעזונגען, ווי דער וואַלד וואָלט זיך געריימט: איך קען אויך אַזוי זינגען ווי דו, און פונקט מיט דער זעלביקער שטים.

דאָס אַלעס האָט אויסגעזען ווי אַ לעבעדיקע שיר השירים געשאַפן פון גאָט אַליין, ווו יעדער איינער איז אַ פּסוק, אַ וואָרט פון דער גרויסער, שעפערישער קאָמפּאָזיציע וואָס לעבט אויס דאָס ליד פון ליבע...

אָט אַזוי איז דאָס לעבן געגאַנגען פאַר דורות. ביז עס האָט אויס־געבראָכן דער 2־טער וועלט־קריג און דאָס געזאַנג פון לעבן איז פאַרשטומט געוואָרן דורך דעם געשריי פון די פאַרפּייניקטע, דורך דער גסיסה פון די פאַרמוטשעטע. די רויטע אַרמיי האָט אָפּגעראַטעוועט דאָס שטעטל אויף אַ קורצער צייט. אָבער לאַנג האָט עס נישט געדויערט.

אין דער נאַכט פון צוויי און צוואַנציקסטן יוני 1941 איז דאָס שטעטל אויפגעריסן געוואָרן פון דעם שלאָף דורך אַ געקנאַל פון סנאַראַדן און מאַשין־ביקסן, דורך אַ געזשום און אַ פייפעריי פון קוילן און אַ געיאָמער פון צעשראָקענע מענטשן, וואָס ווייסן נישט ווו צו לויפן...

דייטשע טאַנקן האָבן שוין געבראָכן דעם שטיינערנעם ברוק פון די גאַסן מיט זייער שווערן גאַנג. די ייִדן האָבן געוווּסט, אַז דאָס ערגסטע דערוואַרט זיי. און ווי פינצטער עס איז געווען די נאַכט, נאָך פינצטערער איז געווען ביי זיי אויפן הארצן, נאָך טרויעריקער ביי זיי דער געמיט. אַ טייל האָבן רעזיגנירט, זיך צוגעגרייט צו גיין על קדושת־השם, ווי הונדערטער טויזנטער ייִדן אַנדערע פאַר זיי. די יוגנט ווידער האָט זיך אין דער פינצטערניש געזוכט ראַטעווען. אין מיטן פייער שיסעריי האָט זי זיך געלאָזט אין וואַלד מיט זייטיקע וועגן זיך אַנצושליסן אין די קעמפּנדיקע רויטע אַרמייער. אַנדערע איז געלונגען צו אַנטלויפן. אַ טייל זענען זייערע פריינד? — נאָר זיי, מיט פאַרבלוטיקטע, צעממיתטע זיי עטלעכע טעג געמוטשעט מיט אַלערליי באַרבאַרישע מיטלען, געשלאָגן זיי ביז צום טויט, זיי זאָלן אַרויסגעבן ווער עס זענען געווען די

שטעטלשע פירער פון דער פּאַרטיי? ווו זענען זיי אַהינגעקומען? ווער זענען זייערע פריינט? — נאָר זיי, מיט פאַרבלוטיקטע, צעממיתטע פּנימער: צעריסענע פאַרווונדיקטע לייבער, און צעבראָכענע גלידער, האָבן קיין וואָרט מיט די רוצחים נישט אויסגערעדט, און געוואַרט אויף דער שעה פון דערלייזונג — אויף דער רו פון טויט.

די נאַציס האָבן איינגעזען אַז זיי וועלן פון זיי קיין שום זאַך נישט אַרויסקריגן, האָבן זיי באַשלאָסן זיי אויפצוהענגען נאָענט אין וואַלד. דאָס גאַנצע שטעטל איז געטריבן געוואָרן בייצוזיין אַט די עקזעקוציע, בכדי אָנצווואַרפן אַ שרעק אויף אַלעמען. אַרומגערינגלט פון באַוואָפנטע נאַצי־טרופּן, מיט די שטיקעס אויף די ביקסן, צוגעשמידטע איינער צום צווייטן, מיט קליידער אין אייגענעם בלוט געפאַרבן, פּנימער צעביילטע, פאַרלאָפענע; אויגן ווי אויסגעהאַקטע, אונטערגעשלאָגענע; די קערפּערס ווי אונטערגעזעגטע, אויף פיס געשוואָלענע, קוים וואָס זיי שלעפּן זיך, האָט מען זיי געפירט צום וואַלד.

הינטער זיי איז די שטעטלשע באַפעלקערונג געטריבן געוואָרן זיי צו באַגלייטן צו די תליות. זיי האָבן געזען זייער אייגענע לויה אויפן וועג צו דער תליה. זיי האָבן אויך געהערט דאָס שלוכצן און דאָס פאַרשטיקטע געוויין, וואָס האָט זיך געריסן פון אַלעמענס הערצער, וועלכע האָבן מורא געהאַט צו יאָמערן אויפן קול, ווייל די נאַציס האָבן געסטראַשעט, אַז די וואָס וועלן וואָגן צו וויינען, וועלן הענגען אויף די בוימער צוגלייך מיט זיי. דאָס האַרץ האָט געריסן, געוואָלט אויסשרייען פאַר דער וועלט דעם געשריי, דעם יאָמער, אָבער די שרעק פאַרן טויט האָט איינגעהאַלטן ביי זיי, ווי מיט צוואַנגען, אַט די ווונד אין דער ברוסט, און זיי האָבן זיך געשטיקט מיטן ווייטיק אין זיך.

איינציקווייז האָט מען זיי געצויגן אויף די בוימער. יעדער איינער האָט אין דער לעצטער מינוט פון זיין לעבן זיך געזעגנט פון דער ווייט מיט זיין פאָטער און מוטער, מיט זיינע ברידער און שוועסטער, מיט זיינע פריינד און נאָענטסטע, און אין דעם אָנבליק פון דעם טויט, ווי נייע כוחות וואָלט אין זיי אויפגעזאָטן, האָבן זיי אויסגעשריען, ווי מענטשן וועמען דער טויט קען נישט אָפּטויטן, ווייל זיי זענען פאַרבליבן

אויף יענער זייט גרענעץ, ווו דער מענטש לעבט אייביק. און מיט אַ פאַראַכטונג צו זייערע הענקער, געלייטערטע פון יסורים האָבן זיי זייערע געפילן און געדאַנקען אויסגעשמידט אין ווערטער, מיטן פייער פון זייער נשמה, און דער וואַלד איז פול געוואָרן מיט קלאַנגען: — אונדזער גייסט וועט אייביק לעבן! די רויטע אַרמיי וועט זיגן! — פרייהייט — קען מען מיט שטריק נישט דערוואַרגן! דאָס יידישע פאָלק איז אייביק! — איר וועט אונדז קיינמאָל נישט פאַרלענדן! — גאָט וועט נקמה נעמען פאַר אונדזער בלוט! — היטלעריסטישע הינט וואָס איר זענט! פייגלינגען! שוואַכלינגען!

די נאַציס, זענען אויפגעבראַכט געוואָרן פאַר דער יידישער חוצפה, פאַר דער יידישער גבורה, פאַר זייערע מוטיקע רייד פאַר זייער פאַראַכטונג, וואָס זיי ווייזן אַרויס צו זיין אויפן שוועל פון טויט, — האָבן זיי באַפוילן, אַז אַלע זאָלן גלייך גיין אַהיים, זיי געטריבן און געיאָגט, זיי געשלאָגן מיט די פּריקלאָדן, און געסטראַשעט זיי מיט שיסן, אויב זיי ווילן זיך שנעל נישט אָפּטראָגן פון דאָנעט.

איבער די ביימער — פאַרבלוטיקטע, בלויע, געשוואָלענע הענגען די קדושים פון שטעטל. דער ווינט ברענגט זיי די זיפצן אין זיינע פאַר־בלוטיקטע פאָלעס, פון אַלע וואָס באַווייגען זיי און זיך צו וואָס זיי האָבן דערלעבט.

אָבער דער וואַלד רוישט מיט די לעצטע ווערטער פון די געהאָנגענע, וועלכע האָבן זיך פאַרוואַנדלט אין טויזנטער עכאָס, וואָס טראָגן זיך איבער פון בוים צו בוים פון וואַלד צו שטאָט, פון שטאָט צו דאָרף, וואָס רופט און וועקט מיט מוט און גלויבן, די מיליאָנען פאַרשקלאַפטע, אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערן, אין די געטאָס, אין די פאַבריקן, אין די קוילן־גרובן, איבער וועלדער; און עס טליעט אויף דער האָס צום באַצווינגער אין מיליאָנען פונקען, וואָס וועלן זיך צעפלאַקערן אין אַ גרויסן פייער, וואָס וועט פאַרלענדן אָט די נאַצישע בעסטיע, און דער מענטש — דער זיגער אַ געלייטערטער פון אָט דעם גהינום, וועט נעמען בויען אַ בעסערע און אַ יושרדיקע וועלט, פאַר זיך און פאַר די קומענדיקע דורות.

ר׳ מרדכי-הירשס נדר

ביים ראַנד פון וואַלד האָט זיך געטוליעט אַ יידיש שטעטל, יאַגיסטאָוו. געדיכטע סאָנסנאָוועביימער מיט טייכן האָבן עס אַרומגעגאַרטלט מיט טונקל־בלויע האָריזאָנטן און שטאָל־גרויע וואַסער־לענטעס.

דאָס רוב יידן אין אַלע שטעטלעך, האָבן זיך פּאַרנומען מיט האַנדל און מלאכה. דער איינציקער, וואָס האָט זיך אויסגעטיילט מיט זיין פאַך פון די איבעריקע יידן פון שטעטל, איז געווען מרדכי הירש. ער האָט פאַבריצירט וואָגן־שמיר. און מען האָט אים דערפאַר גערופן: דער סמאָליאַר.

ער איז געווען אַ מאַן פון מיטלען וווקס, ברייט־פּלייציק, קרעפטיק אין געבוי און פעסט זיין טראָט. דאָס פּנים טונקל־ברוין, פון זון און ווינט געקנאָטן. יונג גרוי געוואָרן, האָבן די זילבערנע האָר פון קאָפּ און באָרד אויסגעזען, ווי אַן אַריאָל אַרום זיין געזיכט, פון וועלכן עס האָבן אַרויסגעלויכטן צוויי מילדע, בלויע אויגן, וואָס האָבן באַזומערט דעם אַרום.

פון צייט צו צייט האָט ער פאַרבראַכט אונטערוועגנס. ער האָט די שמיר געפירט אַליין מיט אַ פור אין די אַרומיקע שטעט און שטעטלעך, פון דעמאָלסטיקער סוואַלקער גובערניע.

זיין פרוי, אַ דיקלעכע, שוואַרצחנעוודיקע, האָט אַ חוץ צו דעם הויז און קינדער, זיך אָפּגעגעבן מיט העלפן די קראַנקע אין שפּיטאָל, וואָס איז געווען אָנטקעגן. ניט קוקנדיק, וואָס פיל שכנים האָבן איר געוואָרנט: — חיה שרה, איר ריזיקירט דאָך מיטן לעבן פון אייער גאַנצער משפחה, טראָגנדיק טעפּלעך עסן צו די אַנשטעקנדיקע קראַנקע, איר דאַרפט

דאָך האָבן רחמנות אויף אייערע אייגענע קינדער! — אויף דעם פלעגט זי שמייכלענדיק אָפּענטפערן: — טאַקע פאַר דעם, וואָס איך העלף אָט די אומגליקלעכע, עלנטע קראַנקע, וועט גאָט אייגהיטן אונדז אַלעמען.

און אַזוי איז געווען. נישט קוקנדיק, וואָס זי האָט זיך אַרומגעדרייט צווישן די טיפוס און דיזענטעריע קראַנקע, איז פאַר יאָרן, קיינמאָל איבער איר שוועל די קרענק נישט אַריבער. און, אַ חוץ די קראַנקע, זענען פון צייט צו צייט געקומען די עלטערן פון דער ווייט צו זייערע קינדער, וועלכע זענען געלעגן אין שפּיטאָל, און זיי האָבן אין דעם הויז פון די „סמאָליאַרעס" געפונען אַ פריינטלעכע היים.

מרדכי הירש, אַרומפאָרנדיק מיט אַ פול געלאָדענעם וואָגן שמיר, האָט נישט איין מאָל איבעראַשט מיט זיינע כוחות צופעליקע פאַרביי־גייערס. אויפן שאָסיי־גאָס, אין סוואַלק, האָט זיך אים צעבראָכן אַ ראָד און מען האָט געדאַרפט אַראָפּנעמען אַלע פעסלעך שמיר פון וואָגן, האָט ער, איינער אַליין, אַראָפּגעלאָדן די שווער־פּודיקע פעסער מיט אַזאַ לייכטקייט און פלינקייט, אַז די נייגעריקע צוקוקער, צווישן זיי רוסישע אָפּיצירן, האָבן אויסגערופן: — אַז אַזאַ קרעפּטיקן „זשידעק" זעען זיי צום ערשטן מאָל אין זייער לעבן.

פון זיינע רייזעס האָט ער געהאַט צו דערציילן אומצאָליקע מעשיות, וואָס ס'האָט מיט אים געטראָפן אין די סוואַלקער, יאַגיסטאָווער און גראָדנער וועלדער.

נישט איין מאָל איז אים אויסגעקומען זיך צו ראַנגלען מיט באַנדיטן אין די פינצטערע נעכט, וועלכע האָבן שוין פאַרזאָגט אַ צענטן, זיך נישט אָנצוהייבן מיט דעם יידל פון די שמיר. ער האָט זיי אַזוי אָנגעבראָכן די ביינער, אַז זיי האָבן פאַר זיך אַליין נישט געקענט דערקלערן, פון וואַנען נעמט זיך צו אַ ייד אַזאַ מין גבורה.

אין די לאַנגע, ווינטערדיקע שבת־צו־נאַכטן, אין האַלב־טונקלען שלאָפצימער, זיצנדיק אויפן שלאַפבאַנק אַרומגערינגלט מיט די קינדער, האָט ער פאַר זיי געשילדערט מיט אַלע איינצלהייטן, וואָס אים איז אויסגעקומען איבערצולעבן פאַר יאָרן און יאָרן אונטערוועגנס.

זיינע קינדער, וואָס האָבן ווייטער ווי פון חדר נישט געוואָלט לערנען,

האָט ער באַזאָרגט מיט לימאָנאַדע פאַבריקן, זיי זאָלן אַרבעטן און פאַרדינען אַליין אויף זייער חיונה.

אַ חוץ זיין אַרבעט האָט ער זיך אָפּגעגעבן מיט כלל־זאַכן. ער איז געווען אַ גבאי אין יאַטקע־קלויז, און חברה־קדישא.

נאָך יעדער לויה, זענען די קברות־לייט געגאַנגען צו אים אַ היים. ס'איז שוין געווען אַ חזקה. בכדי אַרויסצוגיין פון דער יענער וועלט אַטמאָספער, פון דעם עולם־האמת, און אַריינצוגיין צוריק אין דער לעבעדיקער וועלט פון עולם־השקר, האָט מרדכי הירש, שטענדיק געהאַט צוגעגרייט עטלעכע פּושקעס סאַרדין, אַ קישקע וווּרשט, פאַרשטעקט הינטערן וואַנט־שפּיגל, צובייסעכץ און אַ פלעשל בראַנפן, אויף צו מאַכן אַ לחיים, זיך צו דערמונטערן און אַריינצוגיין צוריק מיט די שטיוול אין לעבן, ביי דער ביי, אַ ביסל פאַרשנאַשקעט, האָט מען זיך דערציילט געפעפערטע וויצן, אויפצוהייטערן זיך אַליין, און ווייטער גיין אין שפּאַן.

קיין גרויסע זיבן זאַכן, וואָס זאָל אויפשטורעמען זיין לעבן, און אַרויסנעמען אים פון דער געוויינטלעכער רוטין, איז ביי אים נישט פאַרגעקומען, אויסער צוויי מאָל.

ס'איז געווען יום־טוב. ער איז געשטאַנען אין שול און געדאַוונט. איז מען געקומען אים אָנזאָגן, אַז זיין זונדל, סאַכע־בערל, וועלכער איז נאָך ביים לעבן פאַרוואַנדלט געוואָרן, ווי די לעגענדע פון שטעטל, ווי אַ העלד, ראַנגלט זיך דאָרט מיט אַ דייטשישן סאָלדאַט, אין פאַרק, ווען ער איז אָנגעקומען האָט מען שוין סאַכע־בערלען געטראָגן אויף די אַקסלען, ווי אַ זיגער איבערן דייטש, און די יוגנט האָט אים פאַרגעטערט. ער האָט אים צוגערופן צו זיך, דער נייער אָנצוג, וואָס מ'האָט אים געמאַכט אויף יום־טוב, איז געווען צעריסן; דער פּנים — רויט־פלאָם. — דאָס איז אַן אַרבעט פון שקצים, נישט פאַר קיין יידישן ייִנגל! — האָט ער אויסגערופן צוגייענדיק צו אים, אַראָפּלאָזנדיק אַ פּאָר פּעטש.

אויף מאָרגן, האָט די גאַנצע שטעטל געזוכט סאַכע־בערלען. ער איז ווי אין וואַסער אַריין. ס'איז אַריבער אַ וואָך, צוויי, נישט מען הערט און נישט מען זעט.

איז ער געפאָרן צום באַרימטן סלאָנימער רב, זיך נאָכפרעגן, וואָס

צו טאָן. דער רב האָט אים אויסגעהערט און אים געווונטשן: — פאַרט געזונטערהייט אַ היים. אם־ירצה־השם, וועט איר אין גיכן הערן פון אים. און אזוי איז געווען. אין אַ פּאָר וואָכן אַרום, איז אָנגעקומען אַ בריוו פון אים, אַז ער געפינט זיך אין דער ליטע.

די צווייטע אויפטרייסלונג, וואָס האָט אים אַרויסגענומען פון דער וואָכעדיקייט פון זיין לעבן, איז שוין געווען אַ פריילעכע. ער איז אַראָפּגעפאָרן אין גראָדנער ישיבה, אויסגעקליבן אַ ישיבה־בחור, אַלס אַ חתן פאַר זיין טאָכטער.

אַ וואָך צייט האָבן די ישיבה־לייט מיט די געסט געהוליעט אויף דער חתונה. זיך משמח געווען אויפן יידישלעכן שטייגער, וואָס האָט אָפּגעקאָסט כמעט דעם גאַנצן שניט־געשעפט פון דער כלה. דאָס איז געווען אפשר די איינציקע, גרויסע שמחה אין זיין לעבן און אפשר אויך טאַקע אין לעבן פון דער גאַנצער משפחה, אין דער אַלטער היים.

ביידע געשעענישן זענען נאַטירלעך און טרעפלעך אין יידישן לעבן. נאָר איין מאָל איז ער געפּרוווט געוואָרן, וואָס איז אפשר איינציקאַרטיק אין זיין מין.

ער איז געשטאַנען נעבן דעם קעסל, אין וועלכן ס'האָט זיך געקאָכט די סמאָלע, ביים ראַנד פון וואַלד, וואָס האָט געזשומעט און געזומערט מיט לעבן, מישנדיק מיט אַ שטעקן דעם שוואַרצן פּעך. פּלוצלונג האָט פון אויבן אַ פאַל געטאָן אַ פויגעלע, און איז אָפּגעבראָטן געוואָרן אין די שמיר. ער האָט איר אַרויסגעצויגן, איר באַערדיקט לעבן אַ שטאַם פון אַ בוים, איבערגעדעקט מיט עטלעכע הויפנס ערד, און איז געגאַנגען צוריק צו דעם קעסל. צוקוקנדיק זיך אין דעם שוואַרצן־שפּיגל פון דער קאָכעדיקער סמאָלע, האָט ער פאַר זיינע אויגן געזען אַן אָפּשפּיגלונג פון אַ פינצטערן תהום, וואָס פאַרצוקט לעבנס, דעם גרויזאַמען פּיסק פון טויט, וואָס פאַרשלינגט אַלץ און אַלעמען.

אין דרויסן — אַ בלויער הימל; אַרום — געזאַנג פון לעבן; און דאָ שטייט ער מיט זיין טויט־קעסל פון סמאָלע, וואָס האָט איבערגעריסן דאָס לעבן פון אַ זינגענדיק פויגעלע. — איך בין שולדיק! — פּייניקט עס אים זיין געוויסן. — איך האָב דאָך דאָ די סמאָלע־פאַבריק געבויט,

בין איך פאַראַנטוואָרטלעך פאַר אַלץ וואָס געשעט אין איר. צוליב מיר איז דאָס פויגעלע געוואָרן דערהרגעט, דאַרף איך נעמען אויף זיך די שולד, די זינד פון טויטן און אומשולדיקן נפש. — פון מינוט צו מינוט האָט אין האַרץ זיך צעפלאַקערט דאָס שולדגעפיל, און בכדי צו זוכן אַ פאַרלייכטערונג, פאַר זיין געוויסן, האָט ער אַ נדר געטאָן צו פאַסטן צוויי מעת־לעת.

ווען ער איז געקומען אַ היים, האָט מען גלייך אויף זיין פנים דערקענט דעם אינערלעכן געראַנגל. — וואָס איז מיט דיר געשען? ביסט נישט געזונט חלילה? — האָט אים די פרוי געפרעגט. — גאָרנישט, נאַרישקייטן, ס'איז מיר קיין זאַך נישט. — ניין, דו לייקנסט, דיין פנים זאָגט עדות, אַז דו ליידסט! — ער האָט געזען, אַז ער קען דאָס נישט אויסבאַהאַלטן, האָט ער דערציילט דעם אמת.

— צוליב אַ פויגעלע גייסטו פאַסטן צוויי מעת־לעת? וואָס ביסטו שולדיק, אַז זי איז געפלויגן איבערן קעסל און די פאַרע האָט איר אָפּגעבריט די פליגעלעך און זי איז אַריינגעפאַלן? גלאַט נעמען זיך פייניקן, פאַר וואָס און פאַר ווען? — ס'איז פאַרפאַלן, — האָט ער אָפּגעענטפערט, — כ'האָב אַ נדר געגעבן.

זי האָט דערהערט, אַז דאָס איז אַ נדר, האָט זי שוין מער נישט גערעדט קיין וואָרט, און געגאַנגען צוגרייטן די וועטשערע אויף צו פאַרפאַסטן.

צוויי טעג האָט ער, כמעט, אין גאַס זיך נישט באַוויזן. פון שטוב — אין קלויז און פון קלויז — אין שטוב. ער האָט זיך געפירט ווי אַ ייד אין אַ תענית: געדאַוונט, געלערנט און געזאָגט תהילים. צו די אַכט און פערציק שעה, נאָך דעם צוויי־טאָגיקן תענית איז ער געגאַנגען, ווי אַ ייד מוצאי־יום־כיפור פון שול, מיט לייכטקייט, דערהויבנקייט און לויטערקייט פון זיינע געפילן.

אין דעם פינצטערן געסל, וואָס האָט געפירט צו זיין היים, האָבן די שטערן אַזוי געלויכטן, ווי זיי וואָלטן געפאַלן צו זיינע פיס און אים אויסגעקושט, פאַר זיין פאַרהייליקן און פאַרגעטלעכן דאָס לעבן, און פאַרן פילן זיך פאַראַנטוואָרטלעך פאַר אַלץ וואָס לעבט אין אַרום.

אויפֿן אַלטן וועג

בעת ברוך ביילע־דאָבעס איז געגאַנגען אין גאַס, האָט מען פֿונדער־ווייטנס געקאָנט מיינען, אַז עס גייט אַ מענטש אָן אַ קאָפּ. זיין נאַקן איז געווען איינגעבויגן, פֿון זיצן יומם־ולילה על התורה ועל העבודה. דער קאָפּ — איינגעוואַקסן האָריזאָנטאַל, ווי די תורה וואָלט אים צוגעצויגן צו זיך מיט איר ליכט, מיט אירע פֿאַרבאָרגענע שטראַלן אַזוי ווי די זון — דעם פֿלאַנץ און געוויקס.

דעם יאָך פֿון חיונה האָט געטראָגן אויף זיך די גאַנצע יאָרן, פֿאַרן מאַן מיט די פֿיר פּיצלעך קינדער, זיין פֿרוי, ביילע־דאָבע. זי איז געווען אַ כוואַטסקע יידענע. געזונט און פֿעסט געבויט, האָט זי אָנגעפֿירט מיט דער בעקעריי, ווען די קינדער זענען אונטערגעוואַקסן האָבן זיי איר געגומען אַרויסהעלפֿן אין דער אַרבעט. זייערע געבעקסן האָבן געהאָט אַ שם, איז געווען פּרנסה בהרחבה. אין זייער שטוב האָט זיך געפֿירט אַ קליינשטעטלדיקע, רייכע באַלעבאַטישקייט.

די דריי שוועסטער האָבן אויסגעזען ווי גוט אויסגעבאַקענע בולקעס מיט פֿאַרברוינטע בעקלעך. צוויי — שאַטינקעס, די דריטע — אַ ברונעטקע, מיט צוויי שוואַרצע אויגן, ווי קוילן, וואָס האָבן זיך אַריינגעקנאָטן אין דעם טייג און פֿאַרבליבן אויף אייביק. גליט אין זיי שטענדיק אַזאַ פֿייער, וואָס באַשיינט איר געזיכט און פֿאַרשטעלט איר מום, זי איז געווען אַ קאַליקע אויף אַ פֿוס. מיט אירע בליקן האָט זי געצווונגען אַלעמען צו קוקן איר גלייך אין פּנים אַריין און נישט אויף איר אונטערהינקען.

זעלטן ווען מען האָט רב ברוכן געזען אין שטוב. זיין אָרט איז געווען אין בית־המדרש. זיין אַריינגאַנג האָט שטענדיק געבראַכט מיט זיך אַן

איבערבייט פון דער אַטמאָספערע, אַ גרוס פון אַן אַנדער וועלט — פון תורה און קדושה, פון יראת־הבורא, פון מצוות און מעשים טובים. זיין באַגריסונג איז געווען — נאָך אַן אָנשטרענגונג פון פאַררייסן דעם קאָפּ, ווי מען האָט דערזען פאַר זיך אַ פּאָר ווייכע, הימל־בלויע, מילדע אויגן — ברוכים־היושבים. ביים עסן, ווען עמעצער איז אַריינגעקומען, איז זיין איינלאַדונג געווען: — מען בעט מיט־עסן. ווי נישט ער וואָלט געווען דער באַלעבאָס. ווי דאָס אַלץ וואָלט נישט געהערט צו אים און צו זיין הויזגעזינד, נאָר צו דעם, וואָס שפּייזט אַלע ברואים און מענטשן אויף דער וועלט. ער — וואָס גיט אים און אַלעמען זיין טעגלעך ברויט, ער, בעט מיט־עסן... דורך זיין מויל, ער איז נישט מער ווי אַ שליח.

נחת פון די קינדער, קען מען זאָגן, האָט ער יאָ־און נישט־געהאָט. זיין עלטסטע טאָכטער, חוה, וועלכע האָט אויסגעזען שטענדיק ווי אַ שבתדיקע חלה נאָר־וואָס פון אויוון אַרויס — ברוין און פריש, וואָס בעט זיך צו מאַכן אַ ברכה, איז יונג געוואָרן אַן אלמנה. איר מאַן, דער רב, איז אַ פּאָר יאָר נאָך דער חתונה געשטאָרבן, און קיין קינד, אפילו נישט איבערגעלאָזן. איז זי געקומען צוריק צו די עלטערן.

די צווייטע טאָכטער, חנה, האָט קיין מזל נישט געהאָט צו קיין שידוכים, זאָל זיין, אַז איר פּנים — בלאָס, אַ נישט דערבאַקענער, ווי דער פלאָם פון אויוון וואָלט אַרויסגעצויגן דאָס בלוט פון אים, און איר זויערער שמייכל, ווי אַנגעשמירט מיט לעמאָן, — האָט אָפּגעשטויסן פון זיך. פאַר דעם איז איר קערפּער געווען שלאַנק, בויגעוודיק. אַ גוטע — איינע אין דער וועלט. אַ בריה, און אַ טייערע נשמה.

אמת, שוין טאָקע אַביסל צו שפּעט — אָבער זי האָט פּאָרט אַ מאַן געקראָגן, געווען איז ער אַ ישיבה־בחור. רב חיים־זרח, האָט מען אים גערופן. אויסער אָרעמקייט האָט ער אין זיין לעבן גאָרנישט פאַרמאָגט.

מען האָט אים אַריינגעפירט אין אַזאַ בעלבאַטישער היים — קיכלעך און טאָרטן אין וואָכעדיקע טעג, ווייסע חלה און בולקע פריש יעדן פרימאָרגן, הייבט קרישטאָלענע גלעזער מיט טיי און וואַרעניע, וואָס דער קייסער מעג עס טרינקען. איז ווי זאָגט מען זיך אָפּ פון אַזאַ היים?

בפרט ער דאַרף נישט דאגהן פאַר חיונה, קען זיך זיצן, ווי דער

שווער על התורה ועל העבודה, און צו־דערצו גיט מען נאָך עטלעכע טויזנטער נדן. אַחוץ דעם איז ער אויך געווען אַ קנאַפּער פּאַרשוין. אַ געלער מיט אַ פּנים פול מיט זומער־שפּרענקעלעך, אַט ווי דאָס קיכל מיט צימרינג באַשאָטן, און די אויגן סקראַפּלדיקע, אויסגעקראַכענע ווי'עס, וואָסערדיקע, אויסגעלאָשענע, קוים וואָס זיי זעען איז געשלאָסן געוואָרן דער שידוך.

עטלעכע מאָנאַט נאָך דער חתונה, און מען קען אים קוים דערקענען, ער האָט זיך אויסגעפּאַשעט, דיקער געוואָרן. דער קאַרק — פּעטער, ווי אַ שמאַלציקער רייף. די אויגן — קלענער, טיפער, פאַרזשמורעט, די באַקן שטאַרצן אַרויס. דער פּנים ברייט, קיילעכדיק, ווי אַ רויז, פון וועלכן מען האָט אַרויסגענומען די שוואַרצע יאָדער. בלויז צוויי — נישט קיין רייף־געוואָרענע — די אויגן — זענען פאַרבליבן.

שוין עטלעכע יאָר ווי ער האָט חתונה געהאַט און ער ווייסט נאָר איין וועג: — פון שטוב אין בית־המדרש און פון בית־המדרש אין שטוב.

ער איז געזעסן און געלערנט איינער אַליין. כאָטש קיין גרויס חשק נישט געהאַט — איינזאַם, עלנט, בענק און שטענדערס, אַ הילצערנע שטומקייט אַ גאַנצן טאָג. זיין ניגון ווערט פאַרלוירן אין חלל, ווי געגאָסן וואַסער אין אַ רינענדיקן עמער... אין ישיבה האָט זיין ניגון זיך פאַרפלאָכטן מיט נאָך צענדליקער ניגונים פון הייסע, צאַפּלדיקע, ישיבה־לייט און עס איז געוואָרן אַ שירה — אַ געזאַנג — און דאָ — אַ קול קורא במדבר. די איינציקע טרייסט זיינע — וואָס זיין ווייב האָט אים אָפּגעהיט ווי די אויגן אין קאָפּ און דאַנקט גאָט פאַרן זיווג.

די צייט איז געלאָפן. מען זוכט שידוכים פאַר רבקהן. אמת, זי איז אַ קאַליקע, נו, ווייניק קאַליקעס האָבן חתונה און קריגן מענער נאָך בעסערע פאַר די גלייכע? איז, אָבער, ווו טוט־מען־אַהין דעם איידעם? צוויי איידעמס אין איין שטוב — איז ווי צוויי קעץ אין איין זאַק. מוז מען זוכן אַ מיטל, אַז חיים־זרח זאָל ווערן זעלבסשטענדיק, אַ גאַנצע וועלט מיט יידן האַנדלען, פאַרוואָס זאָל ער נישט קענען? מען האָט אים גענומען צורעדן ביסלעכווייז צו דעם געדאַנק, אַז ער זאָל טאַקע ווייטער לערנען ווי ביז איצט, נאָר בלויז עטלעכע שעה אין דער וואָך,

אין די מאַרק־טעג, זאָל ער אַרויסגיין אין גאַס און פּרובירן איינקויפן דאָלאַרן, אַזוי ווי אַ סך טוען עס.

הונדערטער פּאָלאַקן זענען געקומען אין שטעטל און אין די דערפער אַרום פון אַמעריקע, זינט פּוילן איז געוואָרן אַ מלוכה, און ביי זיי קען מען שטענדיק פאַרדינען עטלעכע זלאָטעס, ווען די סומע זיין אַ קליינע — וועט ער עס פאַרקויפן דאָ אויפן אָרט, צו די וואַלוטניקעס; ווען די סומע זיין אַ גרעסערע, וועט אים לוינען צו פאָרן קיין וואַרשע און קריגן אַ צוואַנציק־דרייסיק פּונקטן מער.

חיים־זרח האָט אָפּגעגעסן פרישטיק, אָפּגעבענטשט, אָנגעטאָן דעם מאַנטל און איז אַרויס מיט דער פאָדער־טיר גלייך אין מאַרק אַריין.

די ערשטע מינוטן איז ער געוואָרן ווי פאַרלוירן. שוין יאָרן ווי ער איז נישט געווען אויף קיין מאַרק. דער געשריי און דער געפּילדער, דער ליאַרעם און דער טומל האָבן אים ווי באַטויבט. ער האָט זיך געפּלאָנטערט צווישן די וועגענער. אַן אָגער האָט זיך צעהירזשעט אויף דער העכסטער אָקטאַווע ווי ער וואָלט אויסגעלאַכט אַלץ און אַלעמען. חזירים האָבן געקוויטשעט געבונדענע אין די וועגענער. הינער, קאַטשקעס און גענדז האָבן געזוכט איבערצושרייען די מענטשן פון די געשעטעלן, וואָס האָבן אויסגערופן זייערע מציאות. ער האָט קוים זיך אַרויס־געפּלאָנטערט פון די וועגענער און אַרויף אויפן טראָטואַר. ער גייט אַרום, זוכט און נישטערט מיט די אויגן צו דערשנאַפּן אַן אַמעריקאַנער פּאָלאַק, און ווי אויף צו־להכעיס, מען זעט נישט קיין איינעם אויף אַ רפואה. ער זוכט די לאַנגע שפּיצן פון די אַמעריקאַנער שיך — דער סימן־מובהק פון די אַמעריקאַנער צו יענער צייט — נאָר נישט מען הערט און נישט מען זעט. עמעצער וואָס זעט אויס ווי אַ פּריצל, דרייט זיך אַרום אים, אַלע פערטל שעה, ביים אַרומקרייז פון מאַרק. ער קוקט אים עפּעס אַזוי אַריין אין פּנים — נאָר ער איז נישט זיכער צי ער איז אַן אַמערי־קאַנער. יענער, פילט ער, ציט אים צו צו זיך מיט זיינע בליקן, מאַכט זיך אים היימיש, צוטרוילעך, שון עטלעכע מאָל ווי ער האָט אים געוואָלט אַ פרעג טאָן, צי ער האָט צו פאַרקויפן דאָלאַרן, נאָר ער פאַרלירט זיך, און גייט ווייטער, ווי לאַנג, אָבער, קען מען זיך אַרומדרייען אין גאַס און

צו קיין באַשלוס נישט קומען? וואָס וועלן זיי זאָגן אין שטוב אויף דעם נייעם סוחר? מען וועט דאָך אים אויסלאַכן. זאָגן אויף אים, אַז ער קען קיין קאָץ דעם ווידל נישט פאַרבינדן... וואָס פאַר אַ פּנים וועט ער האָבן, אַז ער וועט נאָכן אַרומדרייען זיך אַ האַלבן טאָג אויפן מאַרק קומען צוריק און זאָגן, אַז ער האָט קיין אַמעריקאַנער נישט געטראָפן?

אַזוי קלערנדיק האָט ער באַמערקט ווי דער פריצל שטייט שוין ווידער נעבן אים, ווי ער וואָלט וואַרטן ער זאָל אים רופן. ער האָט זיך אַנגענומען מיט מוט און אים אַ פרעג געטאָן:

— מאַזשע מאַטשע דאָלאַראָוו ספּשעדאַטש?

יענער האָט געגעבן אַזאַ כיטרע בליק, און אַ שאָקל מיטן קאָפּ אויף יאָ. זיי זענען אַריין אין נאָענסטן הויף, אַרונטער הינטערן מויער, זיך געדונגען און משווה געוואָרן, דער פריץ האָט אַרויסגענומען אַ צוואַנציק דאָלאַר־טשעק, חיים־זרח האָט אים באַטאַפּט און באַקוקט פון אַלע זייטן, צי ער איז נישט קיין פאַלשער. אים באַצאָלט מיט זלאָטעס און זיי זענען ביידע אַרויס צוריק אויפן גאַס. דער פריץ האָט זיך ווי אָפּגעשטעלט און געבעטן, ער זאָל מיטגיין מיט אים...

פון אָנהויב האָט חיים־זרח זיך נישט געכאַפּט וואָס דאָ קומט פאָר, ער האָט געמיינט, אַז ער רופט אים צו פאַרקויפן נאָך אַ פּאָר דאָלאַר. ווען ער האָט אים באַוויזן זיין לעגיטימאַציע, אַז ער איז אַ געהיים־אַגענט, זענען אים ווייך געוואָרן די קנעכלעך. ער האָט גענומען ציטערן און זיך בעטן ביי אים, אויף האַלב פּויליש און האַלב־יידיש, ער זאָל אים אָפּלאָזן.

דער געהיים־אַגענט האָט זיך געשטיקט פון געלעכטער, פון זיין פּויליש רעדן, און ווי אַ קאַלטער גזלן אים אַריינגעפירט אין פּאָליציי־סטאַנציע.

— אַ נייעם וואַלוטניק האָב איך אייך געבראַכט! — האָט אויסגערופן מיט זיגערישן שטאָלץ דער געהיים־אַגענט.

אַנטקעגן, נעבן שרייב־טיש, איז געזעסן מיט אַ פלאַקסענעם פאַרקעמטן קאָפּ אַ סערזשאַנט, וואָס האָט אים אויפגענומען מיט אַ מינע, ווי די גאַנצע וועלט וואָלט געווען זיינע. פון וואַנט האָט אַראָפּגעקוקט דער „אַלטער"

מיט די לאַנגע וואָנצעס — פּילסודסקי, נעבן אים, פון אַ צווייטן בילד — דאָס הענדל — דער עמבלעם פון פּוילישער אומאָפּהענגיקייט...

אויף אים, אויף רב חיים־זרחן, האָבן ביידע געקוקט מיט בייזקייט ווי דער סערזשאַנט, פאַר זיין פאַרברעכן פון האַנדלען מיט וואַלוטע...

ער האָט געפּרוווט זיך פאַרענטפערן, מיט זשעסטיקולאַציע און גרימאַסן מער ווי מיט רייד, אַז ער איז נישט קיין וואַלוטניק. היות זיין שוועסטער פאַרט קיין אַמעריקע, האָט זי אים געבעטן צו קויפן דאָלאַרן.

זיי האָבן נאָך מער געחוזקט פון אים: זשידאָווסקי קאָפּ!... אויף אַלץ האָבן זיי אַ תירוץ...

חיים־זרח איז געזעסן אין געהאַקטע ווונדן אין אַ ווינקל אויף אַ באַנק. ווען ער קען, נעמט ער זיך אַליין און צערייסט זיך אויף שטיקער, אַבי נישט דורכצולעבן די חרפּה, וואָס פון אַלע טויזנטער גויים, וואָס דרייען זיך אויפן מאַרק, האָט ער אויסגעקליבן פּונקט דעם געהיים־אַגענט!...

חנה, זיין ווייב, האָט גענומען איבערקלערן... צו־לאַנג זאָמט ער זיך אויפן מאַרק עפּעס, האָט איר דאָס האַרץ געזאָגט, איז נישט גלאַטיק... זי האָט אַרויסגעשיקט איר ברודער, ראובן, ער זאָל גיין אין מאַרק געוואַר ווערן.

ס'האָט לאַנג נישט געדויערט, האָבן אים די יידישע קרעמער דערציילט, אַז זיי האָבן געזען זיין שוואָגער גייענדיק מיטן געהיים־אַגענט. ער איז אַוועק אין פּאָליציי־סטאַנציע און געטראָפן אים זיצנדיק אַ בלאַסן, אַ האַלב טויטן, אַ שענערן לייגט מען אין דער ערד אַריין.

נאָכן באַזוך פון איינעם פון די מאַכערס, וואָס איז געווען אויסגעבונדן מיט דער פּאָליציי, האָט מען צו די צוואַנציק דאָלאַר צוגעלייגט נאָך אַ צוואַנציקער און מען האָט אים באַפרייט.

דעם טאָג האָט שוין חיים־זרח קיין ביסן אין מויל נישט אַריינ־גענומען, בלויז אַ גלעזל טיי מיט ציטרין. דאָס בלוט אין אים האָט געזאָטן, דער פּנים — געפלאַמט. אַלע זומער־שפּרענקלעך האָבן זיך צונויפגעגאָסן אין איין גרויסן פלאַמיק שפּרענקל. קוים וואָס מען האָט אַרויסגעזען די פאַרצערטע מיט טרערן פאַרלאָפענע אויגן.

די גוטע חנה, די טייערע נשמה, זיין ווייב, האָט אים געטרייסט ווי

מען טרייסט אַ קראַנק קינד, אים געלאַטשעט און געגלעט, געזוכט אים צו באַרויקן.

מער וועט דאָס שוין נישט געשען — האָט זי מוטערלעך געפּליסטערט מיט אירע ליפּן. דיין אָרט איז אין בית־המדרש. איך וועל גיין אַרבעטן פאַר דיר, אַזוי ווי מיין מאַמע, איך וועל זוכן אַ געשעפט, וואָס איך וועל אים פירן, און דו וועסט זיך קענען זיצן און לערנען. דאָס איז דער דרך פון מיין טאַטן און דאָס איז דיין דרך. ווי אַזוי איז עס מיר נישט איינגעפאַלן? וואָס האָב איך דיר געלאָזט אַרויסגיין אין מאַרק אַריין? נו, גוט, מער וועט עס שוין קיינמאָל נישט געשען!

אירע רייד, ווי דאָס וואַרקען פון אַ שטילער טויב, האָט געווירקט אויף זיינע נערוון און איינגעשטילט זיין צערודערטן געמיט. די פאַרנאַכטיקע שטראַלן, וואָס האָבן אַריינגעשיינט דורכן פענצטער, האָבן זיי געמוטיקט. שוין צייט צו גיין דאַוונען מנחה. ער האָט זיך אויפגעהויבן, געזאָגט אַ גוטן טאָג, און אַוועק דורך דער הינטער־טיר אין בית־המדרש אַריין.

דורכן פענצטער האָט אים חנה באַגלייט מיט פאַרטרערטע צערפולע אויגן. פון איר גאַנצן וועזן האָט אַרויסגעשטראַלט אַ פאַרבאַרגענע ליכט פון אַ ריינער נשמה, וואָס האָט געאָטעמט מיט ברכה און צידקות, אירע ליפּן האָבן געציטערט ווי זי וואָלט אויסגעקושט יעדן טראָט וואָס ער איז געגאַנגען נענטער צום בית־המדרש, אויפן אַלטן דרך — דער דרך פון דעם אייביקן ייד.

אַ דין תורה מיט גאָט

ביי דער באַרבע שטייען ווערבעס געבויגענע אין טרויער, שפּיגלען אָפּ אין גרויען וואַסער דעם צער און פּיין, וואָס האָט קיין גרונט נישט... נאָר דער, וואָס האָט אַמאָל געלעבט אין דעם שטעטל, קען עס פילן און פאַרשטיין.

דער וואָס ווייסט נישט זעט פאַר זיך אינמיטן פעלד, דאָ און דאָרט, אַ שטיין, אַ זכר פון אַ ווינקל־שטיין, פון אַ הויז צי אויפן גלאַטן פעלד אַ טיפע גרוב — פון אַ קעלער.

ווייטער איז אַלץ פאַרוואַקסן מיט ווילדגראָז. דער איינציקער עדות פון דעם שטעטל איז דער קלויסטער, וואָס גלאָצט מיט זיינע צלמים אין פינצטערן חלל און וואַרפט אַ שרעק אויף דעם פוסטן אַרום.

נאָך פון דעם ערשטן וועלט־קריג האָבן ביידע חילות, די רוסן מיט די דייטשן, געקעמפט פאַר דער באַברע, אויפגעריסן דאָס שטעטל מיט סנאַריאַדן, וועלכע האָבן סווישטשענדיק געצונדן אַ הויז, ביז אַלץ איז אַוועק מיטן פייער.

אַ פערטל יאָרהונדערט איז פאַרפלויגן... אַ גרויער, פאַרנעפּלטער באַגינען האָט די ברוינע בעסטיע ווי אַ שוואַרצע כמאַרע געבראַכט, מיט שטאָל און מיט פייער געפאַנצערס.

און די לעצטע צוויי יידישע משפחות האָבן זיי האַלב־נאַקעטע אין די בלויזע העמדער, פון די בעטן אַרויסגעשלעפּט, מיט די פּיצלעך קינדער אויף די הענט, וועלכע האָבן געציטערט און געוויינט פון שרעק, געטריבן זיי צום טייך.

ווען זיי זענען שוין געווען ביזן האַלדז אין וואַסער, און זייערע

קולות זענען דערגאַנגען ביז צום הימל, האָבן זיי די קוילן איינגעשטילט... און די כוואַליעס האָבן זיי מטהר געווען... רויטע וועלן האָבן זיך געיאָגט, ווי זיי וואָלטן וועלן אַנטלויפן פון די פאַרבלוטיקטע ברעגן ערגעץ אין דער ווייט, וווּ עס זענען קיין מענטשן נישטאָ...

די ווערבעס האָבן עס צוגעזען און נאָך שטייפער דעם טרויער פאַרצויגן, און טיפער געבויגן די צווייגן צו דער ערד...

אינמיטן דער נאַכט, ווען די גאַנצע וועלט שלאָפט, הייבן זיך אַרויס אינמיטן פעלד די שול אויפן זעלבן אָרט, ווו זי איז געשטאַנען. אַלע לאָמפּן צינדן זיך אָן, די הענגלייכטער ווערן פול מיט ליכט, אין שול ווערט לעבעדיק...

אין ווייס בלענדיקע קיטלען און טלתים דאַווענען זיי מיט התלהבות. עס קומט צום לייענען, נעמט מען אַרויס די תורה מיט דער גאָלדענער עטרה, און מען רופט אויף דעם ערשטן דעם כהן: — יעמוד רב חיים־זרח ברב משה הכהן! — עס דערנענטערט זיך צו דער תורה אַ גרייז גרויער זקן, וואָס זעט אויס כולו־רוחניות, און מיט שעפּטשענדיקע ליפּן מאַכט ער די ברכות אויף דער תורה.

אָפּגעלייענט, רופט מען אַ צווייטן: — יעמוד רב זלמן ברב יצחק הלוי! אין אַ לאַנגן קיטל מיט אַ גאָלדענער באָרד, וואָס כוואַליעט ביזן גאַרטל, גייט ער אַרויף אויף דער בימה מיט געמאָסטענעם טראָט, און מאַכט די ברכה, אַז ער פאַרקלינגט די שול.

צו שלישי, רופט מען דעם גאַסט, וואָס איז נישט לאַנג אָנגעקומען אויפן עולם־האמת: — יעמוד רב אלקנה ברב לייב שלישי!

דורך די ווייסע קיטלען און טלתים, באַוועגט זיך מיט ציטערדיקע טריט, אין אַ פאַרבלוטיקטער צעלעכערטער העמד, מיט אָפענע ווונדן, אַ יונגער מענטש פון די מיטעלע יאָרן. ער גייט אַרויף אויף דער בימה, און מאַכט די ברכה: ברכו את אדוני לעולם ועד — און בלייבט שטיין. דער בעל־קריאה זאָגט אים אונטער, אפשר האָט ער פאַרגעסן. ער שטייט מיט פאַרלאָשענע ליפּן ביים ספר און ענטפערט נישט. אין שול ווערט אַ געטומל... די מתים קוקן זיך איבער, פאַרשטייען נישט, וואָס דאָ קומט פאָר.

דער שמש, וועלכער שטייטביים זייט, רופט זיך צו צו אים:

— זאָגט מיר נאָך די ברכה, וואָרט ביי וואָרט, און מיר וועלן קענען פאַרענדיקן דאָס לייענען.

אלקנה ווערט בלאַסער ווי ער איז, און הויבט אָן מיט זיין הייזעריקער שטים:

— רבותי! איר זעט, איך שטיי דאָ פאַר אייך אָן אַ טלית און אָן אַ קיטל. מיין גאַנצער קערפּער איז צעלעכערט פון קוילן. איך בין אַ קדוש. איך מיט מיין פרוי און קינדער. די בלוט איז נאָך נאָס אויף מיין העמד, די וווּנדן טריפן נאָך ווי ביי אַ לעבעדיקן. איך וויל איר זאָלט מיך אויסהערן. די ברכות קען איך נאָך פון ייִנגלווייז, און איך וועל זיי קיינמאָל נישט פאַרגעסן. נאָר ווי קען איך איצטער זאָגן: אשר בחר בנו מכל העמים, ווען מען שעכט אונדז אויס אין מיליאָנען? ווען מען שטיקט אונדז אויס ווי מייז אין די גאַז־קאַמערן? איז מיט וואָס האָט ער אונדז אויסדערוויילט פון אַלע פעלקער — צו פאַרניכטן אונדז?!

— דאָ איז דאָ מיין טאַטע, זאָל ער עדות זאָגן. ער איז געווען כל־ימיו אַ שניידער, און איך נאָך זייענדיק אַ ייִנגל, בין שוין געפאָרן אין דער פרעמד צו לערנען תורה, ווו בין איך נישט געווען? סלאָבאָדקע, ראַדאָם, מיר און וואָלאָזשין, געליטן הונגער, קעלט און בושה ביי פרעמדע טישן, זיך געוואָלגערט אויף האַרטע בענק, אַלץ לכבוד התורה! צו זיין אַ רב ביי ייִדן.

און דאָ, דאָס שטעטל איז חרוב געוואָרן, אינגאַנצן צוויי ייִדישע פאַמיליעס זענען מיר פאַרבליבן אין איר, קומט אונדז אַזאַ מיתה־משונה?

— ווייט מיין ברכה, ווען איך זאָל איר זאָגן, נישט זיין קיין פאַרשוועכונג פון דער קדושה, ווייל זי שטימט נישט מיט דעם היינטיקן בלוטיקן אמת! ווען איך זאָל זאָגן: אשר נתן לנו תורת אמת, וחיי עולם נטע בתוכנו — איז עס אַן אייביקער לעבן, צי איז עס אַן אייביקער טויט? אייביק טויט מען אונדז אַזוי אין מיליאָנען! און דאָס איז נאָך אַ בחירה!...

— מעג איך מאַכן די ברכות? אדרבה, משפּט איר!

נאָך אַן איבערייד פון דעם גבאי מיט דעם בעל־קריאה, איז געבליבן מען זאָל רופן אַ צווייטן צו שלישי.

— יעמוד רב אברהם יעקב ברב מאיר יוסף!

אַ דאַרער, בלאַסער יונגערמאַן, אין קיטל און טלית, מיט אַ שוואַרצער באָרד איבער אַ געל־וואַקסענעם פּנים שטעלט זיך נעבן ספר, און זיינע ליפּן ציטערן. פון אָנהויב האָבן זיי געמיינט דאָס ער מאַכט אין דער שטיל די ברכות. נאָכדעם האָבן זיי געהערט ווי ער זאָגט:

— איר ווייסט גאַנץ גוט, אַז איך האָב תמיד געמאַכט די ברכות ביים ספר ווי אַ פרומער און גלויביקער ייד, איך בין שוין דרייסיק יאָר אויפן עולם־האמת. אַוועק בין איך פון דער זינדיקער וועלט אַ יונגער מענטש פון ניין־און־צוואַנציק יאָר, איבערגעלאָזן אַ פרוי מיט פיר פּיצלעך קינדער. די ייִנגסטע איז אַלט געווען אַ וואָך. זי האָט דעם טאַטן קיינמאָל נישט געקענט. רחל, מיין פרוי, מיט די קינדער, זענען געלאָפן אונטער אַ האָגל פון קוילן און סנאַראַדן, זיך געוואַלגערט אין דער פרעמד, געליטן הונגער און נויט, און נישט אָנגעקומען צו קיינעם, חלילה. זי האָט געזוכט צו פאַרדינען דאָס שטיקל ברויט בכבוד פאַר איר און די קינדער. זי האָט מקריב געווען איר יונגן לעבן, בכדי צו זיין אַ געטרייע מאַמע פאַר אירע קינדער, נישט ברענגען קיין שטיף־טאַטן אין איר שטוב. טאָ פאַרוואָס האָט עס עפּעס איר מיט מיינע קינדער, משה בערל און פרומקע, מיט אירע פּיצלעך קינדער, געקומען צו פאַרסמען, צו דערשטיקן און פאַרברענען, און נישט קומען צו קיין קבר ישראל?! קען איך מאַכן אַ ברכה: אשר בחר בנו מכל העמים?

די מתים ווערן אומרויק. עס ווערט שפּעט. מען דאַרף וואָס גיכער

— יעמוד רב מרדכי ברב יחזקאל!

אַ שוואַרץ פאַרברענטער פּנים באַזוימט מיט אַ ווייסער זילבערנער באָרד, אין טלית און קיטל וואָס בלאַסקעט, רעדט מיט אַ פעסטער און זיכערער שטים:

— רבותי! איר קענט דאָך מיך אַלע. איך האָב צענדליקער יאָרן געלערנט מיט אייך משניות, בין מנחה למעריב. איך בין געווען פון די ערשטע באַלעבאַטים פון שטעטל. נישט איין הויז איז געווען פאַרשריבן

אויף מיין נאָמען. איך האָב ביי קיינעם קיין גראָשן נישט צוגענומען. מיט וואָס איך האָב געקענט, האָב איך געלינדערט די נויט פון דעם געדריקטן. די טיר פון מיין הויז איז געווען אָפן פאַר אַלעמען. מיינע זין האָב איך געשיקט לערנען אין די ישיבות. מיינע טעכטער האָב איך חתונה געמאַכט פאַר למדנים. טאָ פאַרוואָס קומט עס מיין רחלען, אָט די טאָכטער, וואָס איז פאַרבליבן אַ יונגע אלמנה, וואָס האָט אַזוי פיל געליטן אַלץ פאַר אירע קינדער זיך מוסר נפש געווען, פאַרוואָס קומט איר מיט די קינדער אַזאַ מיתה־בחניקה? ניין! היינט קען איך נישט מאַכן קיין ברכה אשר בחר בנו מכל העמים!

עס זענען נאָך נישט געקומען צו זיך די מתים נאָך מרדכיס לעצטע ווערטער, און עס הערט זיך שוין:

— יעמוד רב מאיר יוסף ברב דוב!

אַ הויכער און אַ דאַרער, מיט אַ צווייִשפּיציקער גרויער באָרד, איינגעוויקלט אין קיטל און איבערגעדעקט מיטן טלית ביז איבער די אויגן, שלעפּט זיך מיט ציטערדיקע טריט צו דער בימה.

ווען ער איז אַרויפגעגאַנגען, איז ער ווי אויסגעוואַקסן, זיך אַליין איבערגעוואַקסן. ער האָט אַ קוש געטאָן דעם ספר מיטן ברעג פון טלית, און אויפגעהויבן די הענט אין דער הויך, מיט די ווערטער:

— זאָל מיר דער אויבערשטער מוחל זיין! איך פיל, אַז דאָ איז אַ דין־תורה פון די קדושים מיט גאָט. און אויף אונדז ליגט אַ פליכט ווי פאָטערס זיך איינצושטעלן פאַר אונדזערע קינדער. כל־ימי בין איך געווען אַ מלמד אין סוואַלקער תלמוד־תורה, ווען מיין זון רב יעקב, איז אַ יונגער אָוועק פון דער וועלט, האָב איך צוגענומען מיין אייניקל צו זיך, אים דערצויגן צו זיין אַן ערלעכער ייד. נישט איינמאָל האָב איך זיך געלייגט שלאָפן אַ הונגעריקער, בכדי ער זאָל עסן צו דער זאָט. עס זענען געווען צייטן, ווען איך בין אַרומגעגאַנגען געשוואָלן פון הונגער, און קיינער האָט פון דעם נישט געוווּסט. איך האָב געדינט גאָט מיט מיין גאַנצן האַרצן און מיט מיין גאַנצער נשמה. איך בין ביים לעבן געווען אַ לעבעדיקער „שולחן־ערוך". פאַרן שלאָפן פלעג איך זיך צוגרייטן נעגל־וואַסער פאַר מיר און פאַר מיין אייניקל. איך האָב

געדינט גאָט מאהבה נישט מרעה. שטענדיק געלערנט. אפילו ביים עסן געהאַלטן אַ ספר אין האַנט. פרייטיק צונאַכט און שבת־צו־נאַכט פלעג איך לערנען עין־יעקב מיט אַן עולם יידן אין בית־המדרש. מיינע קינדער זענען געגאַנגען אין ישיבות. און איך אַליין בין געזעסן יום ולילה על התורה ועל העבודה. ווינטער, אין די לאַנגע נעכט, פלעג איך עלף אין אָוונט זיך אויפהויבן פון געלעגער און צוזאַמען מיט קאַזלאָווסקין לערנען אַ גאַנצע נאַכט גמרא. איך האָב קיינמאָל נישט קיין שלעכטס אויף קיין שונא נישט געבעטן, נאָר אַנשטאָט דעם געבעטן גוטס פאַר זיך. איז דאָס די גוטס וואָס מיר איז געקומען? מיין זון, דעם מוסמך, משה־שמואל, האָט מען דערשאָסן ווי אַ הונט אינמיטן גאַס. זיינע קינדער, מיינע אייניקלעך, צעהאַנגען אויף די ביימער פון טשערוואָני־באָר. און מיין שנור מיט די צוויי קינדער, אָוועקגעשיקט אין טרעבלינקע, דערשטיקט זיי און פאַרברענט! — ווי קענען מיר היינט זאָגן די ברכות מיט דער פולער כוונה, מיט דעם גאַנצן האַרצן, ווי אַ ייד דאַרף זאָגן די ברכות ביי דער תורה? איך קען עס אויך נישט! גאָט, דו ווייסט דעם אמת, זיי מיר מוחל!

אַ ים פון טרערן האָט זיך אַ גאָס געטאָן אויף דער ספר־תורה, און ער איז זיך פאַרגאַנגען אין אַ יאָמערלעכן געוויין. אַלע אין שול האָבן מיט־געוויינט, און אַ שטילע יללה האָט געגומען שפּאַלטן די הימלען.

די ליכט, די שול, די ווענט און די שטערן זענען פאַרגאַנגען אין יאָמער און געפּאָדערט אַן ענטפער פאַר די יידן, די קדושים...

ווען זיי זענען געגאַנגען צוריק צום בית־עולם, האָט אַ טייל מתים געזוכט זיך אָפּצוזונדערן פון די „זינדיקע", די מעכב־הקריאהניקעס, די וואָס וואָגן צו האָבן טענות צו גאָט. אָבער דער אלטער רב, מיטן ווייס־שטראַליקן פּנים, ווי אַן אָפּשיין פון דער שכינה, האָט זיך אָפּגע־שטעלט און, מיט אַ שוואַכער און פאַרכטיקער שטים זיך געווענדעט צו אַלעמען:

— הערט מיר צו, טייערע קינדער מיינע! דאָ בין איך נישט קיין רב. אַ רב בין איך געווען אויף יענער וועלט. דאָ איז דאָ אַ בית־דין של מעלה, זיי דאַרפן משפּטן. דאָס וועט איבערגעגעבן ווערן צו זיי, נאָר

דאָס וויל איך אייך זאָגן, אַז מיר אַלע, רבנים, צדיקים, יראי־שמים מיט אַלע אונדזערע מצוות, זענען נישט ראוי צו שטיין נעבן זיי, נעבן די קדושים, נעבן די טהורים, ווי אלקנה, ווי רחל, ווי משה־שמואל זענען! די אבות האָבן נישט דערגרייכט צו דער זכיה, וואָס זיי... גאָט האָט בלויז אויסגעפּרוווט אברהם מיט זיין זון צו דער עקידה, אָבער רחל האָט נישט נאָר אירע קינדער געפירט צו דער עקידה, נאָר איז אַליין אויך אַרויף מיט זיי אויף דער עקידה פון קידוש־השם! און אַזוי אלקנה, אַזוי משה־שמואל, און אַזוי גאַנצע עדות. גאַנצע קהילות, גאַנצע שטעט און לענדער. זיי זענען דאָך הייליקער ווי אונדזערע אבות! זיי איז באַשערט געווען צו זיין די אויסדערווייילטע על קידוש־השם! זאָלן מיר אַלע זיך צוטוליען צו דער קדושה, כאָטש זייער נאָענטקייט פילן, די נאָענטקייט פון גאָט!... קומט אַלע, זאָלן מיר נאָכגיין נאָך זיי, מיט יראת־הכבוד, און זוכה צו זיין צו שטעלן אונדזערע טריט אין זייערע פוס־טריט, וואָס פירן צום כסא־הכבוד, דאָרף פאַרגעזעצט ווערן ווייטער: ווו די שכינה וויינט און בעט מחילה ביי די הרוגים, זיי זאָלן איר מוחל זיין. און זיי, פאַרבלוטיקטע, שטייען אַ זעקס מיליאָניקע עדה, און טרייסלען די זיילן פון כסא־הכבוד, און נאָך אַ האָר — און די וועלט וועט אונטערגיין, און זיין זכר וועט נישט פאַרבלייבן, נישט פון עולם־התחתון און נישט פון עולם־העליון.

אַ גרויליקע נאַכט...

פון סוּוואַלקער פּאָגראָם

דער מאַרק האָט געשוויבלט און געגריבלט מיט גוים און יידן. די פורן האָבן זיך געבראַכן פון צייטיקן אויבס. שמאַלציקע פלוימען האָבן געררונען מיט אַ קלעפּיקער זאַפט ווי סמאַלע. זוניקע עפּל האָבן געפלאַמט ווי די פּנימער פון די שיכורע פּויערים. געלבלעכע באַרנעס האָבן גערייצט מיט די האַניקדיקע געלקייט פון אַ פולע־לבנה נאַכט. עופות, קאַטשקעס און גענדז האָבן געלעכערט מיט זייערע קולות די לופט און פאַרגרעסערט דעם מאַרקישן רעש. קאַשיקעס אייער, ווי קרעלן, כאַטש נעם און צי זיי אַן אויף אַ בענדל. אַרום דעם האָבן זיך געדרייט פּויערטעס מיט געבלומטע פאַטשיילקעס איבער די קעפּ פון וועלכע עס האָט אַרויסגעקנאַקט געזונטע, קאַרשן־רויטע באַקן מיט פאַרריסענע נעזלעך. פּויערים, אין גרויע, זאַמד־קאָלירטע קליידער, מיט פאַרשאַשקעטע פּנימער, און יונגען ווי די סאָסנעס, ווי די דעמבעס פון די וועלדער; און יידן און יידענעס, פאַרשמאַיעט, פאַריאַכמערט, מיט שוואַרצע מלבושים און טונקעלע קליידער, גרוי און שוואַרץ האָבן זיך געמישט און געדרייט ווי טאָג און נאַכט וואָלטן זיך געפּלאָנטערט אויפן מאַרק און אויסגעלאַכט געוואָרן מיט אַ הירזשעדיקן געלעכטער פון די אָגערס.

ווי אַ ווירבל־ווינט וואָלט פאַרבייגעלאָפן און אַלעמען אין אויער אַריינגערוימט אַ סוד.

די ערד האָט אַ ציטער געטאָן, און אַלץ איז אויפגעטרייסלט געוואָרן ביזן גרונט. פון אַלע זייטן איז געוואָרן אַ געלאַף, אַ געיעג, אַ געפּאָר. אַ געשפּאָן פון די פערד, אַ געקלאַפּ פון די קאָלבעס, אַ געקנאַל פון

דעם ברוק. די אייזערנע רעדער האָבן צעליאַרעמט דעם דרויסן מיט אַ פיינלעכן געשריי פון אייזן מיט שטיין אין אַ צעטומלטער וועלט.

— די דייטשן קומען! — האָט זיך געטראָגן פון מויל צו מויל די שוואַרצע בשורה אין האַרבסטיקן דרויסן, און אַ פּאַניק, ווי אַ וואַלד־שרפה, פאַרשפּרייט.

די פויערים האָבן געזוכט צו פאַרקויפן וויפל עס לאָזט זיך, אַבי נישט פירן צוריק אין דאָרף אַריין. אַ העפלט, אַ פערטל, וויפל מען האָט געבאָטן האָבן זיי גענומען, און זיך געיאָגט אַ היים. כל־חמתו האָבן זיי אויסגעלאָזט צו די פערד, זיי האָבן געבייטשט אָן אויפהער, כאָטש זיי זענען געווען גאָט־די־נשמה־שולדיק אין דער גאַנצער מלחמה פון רוס מיטן דייטש.

אין דעם פּלוצלונגן זול וואָס די בהלה האָט אַרויסגערופן, האָט זיך געקענט פאַרגינען דער יאַנאָווער־מלמד פון סובאַלקער תלמוד־תורה איינהאַנדלען ביי אַ פויער, וואָס איז שוין געלאָפן אַ היים, עטלעכע גענדז, צו פיר גילדן אַ גאַנדז. דאָס האָט דער אָרעמער מלמד באַרעכנט, איז דאָך בזיל־זול, ביליקער ווי פלייש, האָט ער פון דעם קריג פון „שמערקען" מיט „וועלוולען" אָפּגעלעקט אַ ביינדל און אַריינגעכאַפּט די איינציקע מציאה אין זיין גאַנצן לעבן.

אין דעם איינצימערדיקן שטיבל, וואָס איז געווען איבערגעצאַמט מיט אַ ווענטל, פאַר אַ שטיקל קיך, איז געווען קאַנטיק דער ערב־סוכות. זיין טאָכטער, נעשע־לאה, אַ כלה מיידל, אַ פולבלעכע, אַ ווייסע הויט מיט ראָזלעכע באַקן מיט אַ פּאָר שוואַרצע, צניעותדיקע אויגן, איבער וועלכע ס'האָבן זיך געכוואַליעט קרויזן פון קאַשטאַנען־האָר, וואָס האָבן זיך דורכגעריסן דורך דעם טיכל פון דעם איבערגעדעקטן קאָפּ, איז געווען פאַרנומען ביים פליקן די גענדז.

נעבן איר, אין דעם שמאָלן קיכל, איז געזעסן יונה־פישקע, אַ בחור, איר ברודערס אַ שוואָגער, וואָס איז איר געקומען העלפן צורעכט מאַכן די גענדז. אַ בלאָנדין, מיט שטילע, מילדע אויגן, וואָס האָבן אַרויסגעקוקט מיט הימלישע בלויע בליקן ווי אַ מיט־זומערדיקער טאָג. אַ דין־סטרונע־דיקער קערפּער, ווי אַ בויגן, פול מיט יוגנטלעכן רייץ. ביידע האָבן זיך

געפּאַרעט ביי די געבדז. ווייסע פּוך און פּעדערן האָבן אַריינגעבראַכט אַ ווייכע ליכטיקייט אין דער טונקל־באַלויכטענער קיך, ווו ס׳האָט געקאָפּטשעט אַ לעמפּל מיט געלבלעכן שיין.

אינמיטן נאַכט. אַ געקלאַפּ אין די לאָדנס. מען רייסט די טירן.

— עפנט אויף!

דער אַלטער מלמד, אַ צעשראָקענער, האָט געהייסן דער טאָכטער זיך אָנטאָן און איבערדעקן דעם קאָפּ מיט אַ טיכל צו פאַרשטעלן דאָס יונגע פּנים. און אַליין, אַרויפגעכאַפּט אַ פּאָר הויזן אויף זיך, מיט אַ ווייסער העמד און אַ שוואַרצער יאַרמעלקע, איז ער געגאַנגען אויפריגלען די טיר.

צוויי פּאַניעס, מיט בלוט־פאַרלאָפענע אויגן און רציחהדיקע פּנימער, האָבן מיט נאַגייקעס געוואָרפן זיך אויף אים. אַ געוויין און אַ געשריי, ווי נישט פון צוויי שוצלאָזע מענטשן, נאָר גאַנצע דורות וואָלטן אַרויס־געקלאָגט פון זיי, און דער יאָמער האָט געריסן די ווענט.

אין בעט איז געלעגן אַ קינד. אַ יתום, געציטערט אונטער דער איבערגעדעקטער פּערענע. אַ געקראַך פון די שויבן מיט אַ ריטשען און געוואַלדן האָבן אים געצוווּנגען אַרויסשטעלן דאָס קעפּל. פאַר זיינע אויגן האָט זיך אָפּגעשפּילט אַ מוראדיקער בילד. די טאָכטער איז געשטאַנען נעבן פענצטער און מיט פאַרבלוטיקטע פינגער געזוכט אין די שויבן און געשריגן: ראַטעוועט: ווי אַ ווילד געוואָרענע האָט זי זיך געריסן פון די הענט פון סאָלדאַט, וואָס האָט געזוכט איר כלומרשט צו באַרויקן... אַנטקעגן אים, נעבן בעט, האָט מיט אַ צעיוכעטן פּרצוף דער צווייטער סאָלדאַט אַרויסגעצויגן די שאַבלע און זיך פאַרמאָסטן איבערן האַלדז פון דעם אַלטן. אַ יאָמערלעכער געשריי, און אַ געריטש ווי פון אַ געשאָכטענעם האָט זיך אַרויסגעריסן פון זיין האַלדז.

אין דעם מאָמענט, איז ווי אַ בליץ דורכגעלאָפן דורכן קינדערשן מוחל. ער האָט זיך אַרויסגעשאַרט פון אונטערן שעניק, ווו ער האָט זיך געהאַט פאַרשטעקט, ווי אַ צעשראָקענע חיהלע, און ווי אַ ווינט זיך אַרויסגעכאַפּט פון שטוב. נאַקעט און באָרוועס איז ער געבליבן שטיין ביים טויער אין האַרבסטיקן דרויסן און געקלערט, ווו צו גיין.

דריי וועגן האָט ער געהאַט. די נאָענסטע, אַנטקעגן, איבערן גאַס, אין

בית־מדרש. אָבער דער בית־מדרש איז פאַרשלאָסן, און ס'איז נאַכט... מתים...

אַ צווייטע, צום פעטער, אַ קוואַרטל פון דאַנען, אָבער ער האָט אויסגעקליבן די ווייטסטע, צו דער מומען, דעם מלמדס פאַרהייראַטע טאָכטער.

קלערנדיק, וועלכע פון די דריי וועגן צו נעמען, האָט אים באַווירקט דער געדאַנק, אַז ס'קענען זיין אַז זיי האָבן באַמערקט אַז ער פעלט און זיי וועלן נאָכלויפן אים צו שעכטן מיטן לאַנגן חלף, ווי דעם זיידן...

ער האָט זיך געלאָזט לויפן אין מיטן גאַס ווי ער וואָלט מורא געהאַט פאַר די ווענט. און אָט שטייט ער ביי אַ הויף וואָס וואָלט אים פאַרקירצט אויף אַ העלפט דעם וועג, נאָר ס'איז מיטן־נאַכט, שדים... איז ער געלאָפן רונד־אַרום דעם מאַרק. די קראָמען זענען געווען אָפן מיט ליכט און גאַזע־לעמפלעך באַלויכטן. ציווילע און סאָלדאָטן האָבן געטראָגן גאַנצע פעק מיט רויב. אויפן טראָטואַר און אויפן בריק האָבן זיך געצויגן שליאַדן פון אויסגעשאָטענעם מעל, צוקער, קאַשע. די ווייסקייט האָט געשריען, אין דער שוואַרצער האַלדז פון דער נאַכט, פון דאָ און דאָרט האָט זיך געצויגן אַ יאָמער פון יידישע הייזער, אימהדיק, פחדימדיק...

ער לויפט, קוקט הינטערווייַלעכץ, צי מען יאָגט אים נישט נאָך... און אָט שטייט ער שוין ביים פענצטער פון דער מומען, קלאַפּט אין די לאָדנס:

— עפנט!

פון אינעווייניק פרעגט מען ווער עס איז, און מען דערקענט גלייך די שטים פון יתום. ווי אַ ציטערדיקע טייבעלע נעמען זיי אים אַריין אין שטוב. אַ וויינענדיקער כליפּענדיקער דערציילט ער אַלץ וואָס ער האָט געזען.

אויף דער ערד ליגן סאָלדאַטן, אויפגעריסענע פון שלאָף, און קוקן פאַרוווּנדערט אויפן נאַקעטן נפשל...

די טאָכטער פאַלט צו מיט אַ געוויין און געבעט, זיי זאָלן מיטגיין מיט איר צו ראַטעווען דעם פאָטער מיט דער שוועסטער.

ווען זיי זענען געקומען צום מלמד אין שטוב זענען שוין די צוויי

באַנדיטן אָוועק. זיי האָבן צוגענומען דעם רעגנמאַנטל וואָס יונה־פישקע האָט פאַרגעסן אין אָוונט מיטצונעמען, און האָבן אָנגעזאָגט, אַז זיי וועלן קומען אין אַ פּאָר שעה אַרום, זאָל זיין צוגעגרייט פאַר זיי אַן אָפּגעקאָכטע גאַנדז.

און אפשר, האָט דאָס קינד וואָס איז אַנטלאָפן זיי אָפּגעהאַלטן פון צו טאָן דאָס ערגסטע... איבערגעדעקט מיט דער פּערענע איבערן קעפּל איז געלעגן דאָס יתומל, און אַרויסגעקוקט מיט צוויי צעשראָקענע, שוואַרצע אויגעלעך אויף דעם זיידן און מומען, וואָס זענען געשטאַנען לעבן זיין בעט און תפילה־געטאָן אין האַרצן צו גאָט:

— ער זאָל כאָטש נישט אָפּקרענקען. אַזאַ קאַלטע נאַכט. נאַקעט און באָרוועס, באַשיץ אים, גאָט!

דריי דורות...

אַ זילבערנער גלעקל־געקלאַנג איז געלאָפן פאַרויס איבערן וואַלד און אָנגעזאָגט מיט זיין עכאָ: אַ שליטן פאָרט!

ווייסע, פוכיקע שנייעלעך האָבן מילד זיך צעלייגט אויף די בוימער און וועגן און פאַרשפּונען דעם וואַלד מיט זיידענע פעדים, וואָס בלאַנקען און מיניען, קנוילן און וויקלען אים, ווי אַ קינד אין וויקעלעך.

אין שליטן זענען געזעסן צוויי פאַרשוינען מיט פאַרשנייטע אַקסלען און קעפּ. פון איינעם האָט זיך אַרויסגעזען אַ שוואַרצע בערדל, וואָס איז געווען קענטיק, אַז ער איז דער מאַן. אין די פאַרהענטשקעטע הענט האָט ער געהאַלטן די לייצעס מיטן בייטש, און אַ פּאָר שוואַרצע, פינקלדיקע אויגן, וואָס האָבן געשניטן די ווייסקייט ווי מיט הייסע גליענדיקע קוילן האָבן מיט זייערע בליקן ווי אויסגעחוזקט דעם קאַלטן אַרום.

נעבן אים איז געזעסן אַ פרוי, איינגעוויקלט אין אַ פּאַטשיילע, וועלכע פלעגט אַלע ווײַלע, פאַרטייעט, אַריינקוקן דורך אַ שפּעלטעלע נעבן איר ברוסט, און גלייך עס פאַרדעקן, ווי זי וואָלט מורא געהאַט, אַז דאָס טייבעלע, וואָס טוליעט זיך דאָרט צו איר וואַרעמען לייב זאָל פון איר נישט אַרויספליען.

הינטער זיי, אויפן שליטן, זענען געלעגן פּעק מיט בעבעכעס. עטלעכע בענקלעך, אַ טישל, אַ זאַק מיט קאַפּולן, עטלעכע קישנס און אַ פּערענע, צונויפגעבונדן אין אַ ליילעך, און סתם שמאַכטעס פון דער אָרעמער באַלעבאַטישקייט.

שפּעט אין אָוונט. פון דער ווייטן בליצט אויף אַ שטעטל. דאָ און דאָרט ווינקט אַרויס אַ פענצטער מיט אַ שיין פון ליכט. דאָס מאַכט נאָך

בולטער די פינצטערניש פון די איבעריקע הייזער מיט די אויסגעלאָשענע פענצטער, וועלכע שטייען ווי גלאָמפּעס, צו וועלכע עס טוליען זיך שאָטנס, וואָס לויערן אין דער נאַכט...

זיי זענען פאַרפאָרן אין אַ זייטיק געסל, נעבן אַן איינגעהויקערטער, הילצערנער כאָטע, וועלכע ער האָט נאָך געהאַט געדונגען מיט אַ צייט צוריק.

צושערט האָט ער אַראָפּגענומען פאַרזיכטיק די פרוי מיטן צוגעטו־ליעטן פּעקל. אַריינגעפירט זי אין שטוב, אַראָפּגענומען אַ בענקל, אַ טישל, אָנגעצונדן אַ ליכט צוגעשמאָלצן איר צום טיש. און צווישן די טאַנצנדיקע שאָטנס אויף די ווענט האָבן זיך באַוועגט הענטעלעך און אַ קעפּל פון אַ קינד, וואָס האָט זיך געצויגן צו דעם ליכט...

ער האָט אויף גיך אַראָפּגענומען די זעק מיט די פּעק פון שליטן, ווי ער וואָלט זיך אַריינגעגנבעט דאָ, אַריינגעשליידערט זיי אין צימער, אַריינגעפירט דאָס פערד אין שטאָל, אים געגעבן דעם אָבראָק און אַ טרונק, און געגאַנגען מאַכן אַ לאַד אין זייער נייער היים.

פריִער פאַר אַלץ האָט ער צונויפגעשרויפט דאָס הילצערנע בעט, אַריינגעלייגט אַ שעניק, אויסגעבעט מיט קישנס און איבערגעדעקט מיט אַ פּערענע און אַריינגעלייגט דאָס קינד, נאָכן געבן איר דאָס פלעשל מיט מילך.

זיי האָבן פון אַ זאַק אַרויסגענומען אַ שוואַרצן ראַזעוון ברויט, קיילעכדיק און גרויס ווי אַ ראָד, אָפּגעשניטן צוויי לאַנגע פּענעצן, און פון אַ שטיקל לייוונט אַרויסגעוויקלט אַ ווייסן אויסגעטריקנטן קעז, אָפּגעבראָכן צו־שטיק, זיך אָוועקגעזעצט אויף די שטולן נעבן דעם נאַקעטן הילצערנעם טיש און געגעסן זייער וועטשערע מיט אַפּעטיט, פאַרטרונקען נאָכער מיט מילך, זי אַ דריי־פיר שלונג, און ער אַ דריי־פיר שלונג — און עס איז ליידיק די פלאַש. זאַט און צופרידן, האָבן זיי זיך אויפגעשטעלט, צוגעגאַנגען מיט שטילע טריט צום בעט, מורא געהאַט איר אַנצורירן, זיי זאָלן איר נישט אויפוועקן, און פאַר זייערע אויגן האָט געלויכטן אַ פּנימל, באַקרוינט מיט דינע, גילדענע הערעלעך, וועלכע ליגט ווי אַ מלאכל איינגעטוליעט אין פּערענע.

ס'האָט זיי ביידן פאַרקלעמט דאָס האַרץ פון פרייד און פון גליק.

זיי האָבן זיך גענומען מיט מוט איינצואָרדענען זייער נייע היים. צעלייגט און צעפּאַקט, בכדי מאָרגן, ווען עס וועלן אַריינקומען די שכנים זיך צו באַקענען מיט זיי, זאָל שוין זיין מער־וויינִיקער אויפגעראַמט.

צווישן זיך האָבן זיי אָפּגעמאַכט, אַז קיינער דאַרף נישט וויסן, אַז דאָס איז אַן אַדאָפּטירטע קינד. דאָס איז אַ סוד, וואָס דאַרף גיין מיט זיי אין קבר אַריין. דאָס קינד אַליין טאָר קיינמאָל נישט וויסן, אַז איר מאַמע איז געווען אַן אוקראַיִנער שיקסע, וועלכע האָט פאַרקויפט איר קינד צוליב שאַנד און אַרעמקייט.

זיי האָבן טאַקע דאָס צוליב איר, וועמען זיי האָבן אַ נאָמען געגעבן שרהלע, פאַרלאָזן די שטאָט מיט באַקאַנטע, זיך פאַרקליבן אין אַ זייטיק שטעטל, וווּ קיינער קען זיי נישט און קיינער ווייסט זיי נישט, בכדי אָנצוהייבן אַ נײַ לעבן. דערציִען דאָס קינד, ייאָס זאָל זיי ליבן ווי טאַטע־מאַמע, און פאַרטרייבן דעם אומעט און בענקשאַפט, וואָס האָט זיי גענאָגט צען יאָר נאָכאַנאַנד, זינט זיי האָבן געהייראַט און קיין קינד איז נישט געקומען.

די צייט איז געלאָפן. חיים דער שוסטער האָט געשמט איבערן גאַנצן געגנט אַלס אַן ערשטקלאַסיקער בעל־מלאכה. ער האָט געהאַט אַרבעט לרוב און פאַרדינט זיין ברויט צו־זעט.

שרהלע איז אויסגעוואַקסן אַ מויד ווי אַ צימעס. אירע בלאָנדע געלאָקטע האָר האָט זי פאַרפלאָכטן אין צעפּ, ווי צוויי גרויסע קיטקעס איבער שבתדיקע חלה. זיי זענען איר אַראָפּגעהאַנגען איבערן ווייסן נאַקן, וועלכער איז געווען פול און קיילעכדיק און געבעטן זיך צו גלעטן...

פון אירע גרויסע אַגרעסן אויגן האָבן אַרויסגעשטראַלט יוגנט־פייערלעך, וואָס האָבן געלויכטן און געוואַרעמט און געצונדן מיט ליבע־פלאַמען דעם אַרום...

צווישן די געזעלן, וואָס האָבן געאַרבעט ביי חיימען דעם שוסטער, האָט זיך געפונען איינער אַ הויכער און שוואַרצער יונג, וועלכער אַרבעט פון ערשטן טאָג אָן דאָ מיט חיימען. ער האָט זיך ווי ביי אים אויסגעהאָדעוועט, כמעט צוזאַמען מיט שרהלען. וואָס עלטער ער איז געוואָרן,

אַלץ מער האָט ער געזען פֿון זיך ערשט צוגעזען... אָט אָט אַזױ, אַזױ ס׳איז

אַלץ מער האָט ער גענומען פּילן, אַז עפּעס בריט זיך ביי אים אין האַרצן, אַליין נישט װיסנדיק װי דאָס אַנצורופֿן. אַ בענקשאַפֿט, אַן אומעט, װאָס פּייניקט, װאָס גריזשעט, און דאָך איז עס אַזױ זיס... עפּעס ליידט מען, און דאָך װאָלט זיך װעלן מער ליידן... שטאַרקער פּילן, טיפֿער זאָל װיי־טאָן... אָט דער װוּנטש, אָט דאָס ציִען, אָט דאָס בענקען נאָך איר...

ביי טאָג, װען ער האָט געאַרבעט ביים װאַרשטאַט, און זי האָט זיך אַרומגעדרייט אין שטוב, איז גענוג געװען, אַז זי זאָל װאַרפֿן אַ בליק אויף אים, אַז ער זאָל זיך צעװאַרעמען אין זיין אַרבעט: ציִען די דראַטװע װי אַ מכשף, קלאַפּן די אייזערנע טשװעקעס װי אַ מאַשין, װי אַ טייװל װאָלט אין אים אַריין און געיאָגט ער זאָל אַרבעטן, ער זאָל װאָס מערער פּאָר שיך אַרויסגעבן, בכדי צו פֿאַרדינען מערער געלט.

אין אָװנט, װען ער פֿלעגט אַװעקגיין איינער אַליין אַהיים, איבער די פֿינצטערע געסלעך, פֿלעגט ער פּילן, אַז די פֿיס שלעפּן זיך אים װי איבערגעהאַקטע, װי ער װאָלט זיי נישט קענען רירן פֿון אָרט, װי אַ האַלבער מענטש װאָלט ער געװען און די צװייטע העלפֿט איבערגעלאָזן דאָרטן. ער האָט זיך קוים דערשלעפּט אַהיים, אַריינגעװאָרפֿן זיך אין בעט, און זיך געדרייט פֿון איין זייט אויף דער צװייטער, נישט קענענדיק איינשלאָפֿן.

װאָס אַ טאָג איז אים אַלץ קלאָרער געװאָרן, אַז ער קען אָן שרהלען נישט לעבן. ער האָט גענומען זוכן פּלענער, װי אַזױ עס איר געבן צו פֿאַרשטיין, און װי אַזױ צו געװינען איר האַרץ.

ביסלעכװייז האָט ער זיך גענומען בייטן. ער האָט זיך איינגעקויפֿט נייע, שבתדיקע בגדים. אין דער װאָכן פֿלעגט ער אויך קומען ריינער און בעסער געקליידעט. אַפֿילו דעם פֿאַרטוך צו זיין אַרבעט האָט ער אויך גענומען אָפּטער בייטן — אַ נייערן, אַ ריינערן. די שװאַרצע קודלעס זיינע, װאָס פֿלעגן אַראָפּהענגען און פֿאַרשטעלן זיין פּנים און די אויגן און צוגעבן אַ װילדקייט צו זיין בליק, האָט ער גענומען איינקעמען מיט אַ װייסן שריִנט ביים זייט פֿון קאָפּ, װעלכער האָט צוגעגעבן שיינקייט צו די שװאַרצע, פֿאַרחלומטע אויגן, װאָס האָבן געפֿלאַקערט מיט ליבע.

שרהלע װייסט אַליין נישט, װי אַזױ דאָס איז געשען. פּלוצלונג האָט

זי דערזען פאַר זיך אַן אַנדער לייזערן. ביז איצט האָט זי געזען נישט מער — אַן איינגעבויגענע פּלייצע מיט צעוואָרפענע קודלעס, וואָס ציט אַ דראָטווע, שלינגט הויפנס מיט אייזערנע טשוועקלעך, אָדער קלאַפּט מיטן האַמער, אַז פאַרגלושעט זאָל ער ווערן, פּונקט נאָכמיטאָג, ווען איר באַפאַלט אַ שלאָף און זי וויל זיך צושפּאַרן אין צווייטן צימער.

און איצט זעט זי פאַר זיך אַ שלאַנקן, ברוינעטן יונג, וואָס זיצט עפּעס ווי אויסגעגליכן. ביים וואַרשטאַט. ווער רעדט נאָך, ווען ער קומט צוגיין מיט דער קורטקע, ווייליונגעריש פאַרוואָרפן אויף די אַקסל, אַ צוגעקעמטע גזשיבע, און אויגן — גרעסערע, ווי איבערגעביטענע, טיפערע, ווי פאַרבאָרגענע פלאַמען וואָלטן דאָרט זיך געטאַיעט, צו פאַרצוקן, צו פאַרשלינגען, צו פאַרברענען...

צוערשט האָט זי זיך געשראָקן פאַר זיי. מורא געהאַט אויף זיי אַ בליק צו טאָן. ביסלעכווייז האָט זי דערפילט אַ תשוקה, באַגערט, וואָס מערער אין זיי צו קוקן, ווען ער באַמערקט נישט... עפּעס ווי די פלאַמען וואָלטן איר גערופן, גערייצט און געצויגן, אַזוי ווי אַ קעסלגרוב.

שבת, ווען אַלע זענען געווען אינדערפרי ביים דאַווענען, איז לייזער אַוועק צו שרהלען אין שטוב, אַן אויסגעפּוצטער אין אַ גראַנאַט אַנצוג, מיט אַ ווייסער העמד און אַ געבלומטן קראַוואַט, מיט אַ ווייסינקן טיכעלע אין דער אויבערשטער קעשענע, און אַ פּאָר שוואַרצע גלאַנציקע לאַקירקעס.

— גוט־שבת דיר, שרהלע! — האָט ער אַן עפן געטאָן די טיר, און איר פאַרשעמט געפרעגט: — קען מען אַריינגיין?

זי, אַ צעשראָקענע פון דעם פּלוצלונגדיקן וויזיט, אַנגעטאָן אין אַ וואָכעדיק שטוב־קליידל מיט צעפּראַלעטע האָר, וואָס זי האָט נאָך נישט באַוויזן צו פאַרקעמען, האָט מיט אַ בלוט־פאַרלאָפענעם פּנים, מיט צעפלאַמטע רויזן אויף אירע באַקן, אים געענטפערט:

— דו ביסט דאָך שוין אינעווייניק! — און אַנטלאָפן אין צווייטן צימער.

זי האָט זיך צוגעקעמט, איבערגעביטן אַ קליידל אויף זיך און מיט

נישט קיין זיכערע טריט געבליבן שטיין ביים טיר פון צימער, און האַלב כעסיק אים אַ פרעג געטאָן:

— וואָס עפּעס אינמיטן דערינען?

— גאָרנישט! — האָט ער האַלב־שטאַמלענדיק איר געענטפערט, און אָנבעמענדיק זיך מיט מוט איז ער צו צו איר, אַרויסגענומען אַ פּושקעלע, אין וועלכער עס איז געלעגן אַ מעדאַליאָנטשיקל מיט אוירינגלעך, און דערלאַנגט איר:

— נאַ, אַט האָסטו אַ מתנה פאַר דיינטוועגן.

— ווער האָט עס געשיקט? — פרעגט זי האַלב־פאַרוויטלט.

— דו ווייסט נישט? — ענפערט ער איר — אָנו, פּרוביר טרעפן?

זי האָט אַראָפּגעלאָזן די אויגן און געבליבן שטיין מיט דעם פּושקעלע אין האַנט, און שטיל, ווי צו זיך אַליין, געשעפּטשעט: אַ דאַנק!...

— נישטאָ פאַר וואָס. טראָג עס געזונטערהייט! — האָט ער אַרויסגענומען דעם מעדאַליאָנטשיקל און אָנגעטאָן עס אויף איר ווייסן האַלז, וועלכע האָט געציטערט ווי אַ טויב, און מיט טרערן פון גליק אין די אויגן האָבן זיי זיך ביידע, ווי פאַרשעמטע, אַ ווײַלע אָנגעקוקט, אַרויפגעפאַלן איינע אויף די אַנדערע און זיך צעקושט.

צוויי קוואַלן האָבן דורכגעבראָכן דעם פעלז און זיך פאַראייניקט אין איין טאַנצנדיקן שטראָם...

נאָך יענעם שבת איז זייער סוד אויפגעדעקט געוואָרן פאַר אַלעמען. די עלטערן האָבן געגעבן זייער הסכמה. און נאָכן אָפּזיצן אַ קורצע צייט חתן־כלה האָבן זיי חתונה געהאַט און גענומען בויען אַ לעבן פאַר זיך.

✶

שוין עטלעכע יאָר נאָך דער חתונה. זייער ליבע, ווי ערשט נעכטן געבוירן. נאָר אַ שטילער אומעט פאַרשפּינט די ווענט פון הויז ווי מיט שפּינוועב. אַ פּיינלעכע שטילקייט שפּרייט זיך אויס איבער אַלץ. מען הערט נישט קיין פּיפּס און קיין קול פון אַ לעבעדיק נפשל. קיין קינד איז נישטאָ. קיינער קען זיי דעם צער נישט אַזוי מיטפילן ווי זייער אייגענע טאַטע־מאַמע. זיי קומען אַריין צו זיי אין שטוב. קיין זאַך, גאָט

צו דאַנקען, פעלט זיי נישט. איר מאַן איז אַ גאָלדענער אַרבעטער און זיי האָבן פּרנסה בהרחבה, נאָר וואָס? — דער עלנט! און ווייל קיין קינד איז נישטאָ, בענקט זיך אַזוי. שרייט עס אַרויס פון ברוסט, ווינקט עס אַרויס פון דער שטילקייט. אַזש ממש עס אַנצוטאַפּן מיט די הענט.

— ווייסט איר גאָר וואָס — האָט איינמאָל די אַלטע געפּרוווט אַרויפצופירן אויף אַ געשפּרעך — ווען גאָט געבן, אַז עס וועט קומען אַ קינד, וועט עס זיין נאָך איינס. דערווייל וואָלט איך אייך געראָטן, בכדי אַריינצוברענגען פרייד אין לעבן, צו אַדאָפּטירן אַ קינד.

איך קען אַ סך מענטשן, וואָס האָבן אַזוי געטאָן, און סיי די עלטערן און סיי די קינדער זענען אַלע גליקלעך. און נאָך בעסער, דאָס קינד דאַרף גאָרנישט וויסן פון דעם. פאַרן קינד דאַרף עס בלייבן אַן אייביקער סוד.

— גוט, ווי מאַכט מען עס? — רופט זיך אָפּ לייזער, דער איידעם — אַלע וייסן דאָך, אַז מיר האָבן קיין קינדער נישט, און דאָ וועלן מיר אַראָפּברענגען פלוצלונג אַ קינד. איז ווען ער וועט אויפוואַקסן וועלן די קינדער אין גאַס צי אין שול אים אויפוואַרפן אַז ער איז אַן אַדאָפּטירטער, ווייל אין שטעטל וועט מען דאָך וויסן דעם אמת...

— ווייסט איר גאָר וואָס — מישט זיך אַריין דער שווער, ר' חיים — איך האָב אַן עצה: איר וועט אַדאָפּטירן אַ קינד און מיט אים אַוועקפאָרן אין אַ ווייטן לאַנד, ווו קיינער קען אייך נישט און ווייסט נישט. אַזוי וועט עס בלייבן אַ סוד פאַרן קינד. איר וועט פילן, אַז איר האָט דערצויגן אַ קינד אויף דער וועלט מיט אַלע ליבע פעדים פון פרייד און פון צער, וואָס עלטערן האָבן פון קינדער.

✱

אַ גילדענער פרימאָרגן האָט צוגעפירט די שיף צו די האַוואַנער ברעגעס. ווייסע, פאַרחלומטע מויערן האָבן גערופן צו זיך. דער ים האָט געפּערלט מיט שוימיקע גריוועס פון זוניקע אינדן, וואָס האָבן געשפּרונגען אויף פעלזיקע ברעגעס און זענען צעשראָקענע געלאָפן צוריק.

אַנגעשפּאַרט אויפן פאַרענטש זענען געשטאַנען לייזער מיט שרהן

מיט אַ קינד אויפֿן האַנט, און באַטראַכט די מענטשן, וואָס זענען געשטאַנען ביים פּאַרט, ווען די שיף האָט לאַווירט איינצואַנקערן זיך. אַ בלאָנדע קעפּעלע מיט בלויע אויגעלעך האָבן געשמייכלט צו דער העלקייט פֿון דרויסן. צו דעם טראָפּישן פֿרימאָרגן.

לייזער איז אַריין אַרבעטן אין אַ שיך־פֿאַבריק, ער האָט גלייך גוט פֿאַרדינט. זיי האָבן זיך איינגעאָרדנט אין אַ צימער, אין איינער פֿון די פּאַרטאַווע גאַסן, וווּ, דאָס רוב יידישע אימיגראַנטן האָבן געוווינט.

רבקהלע, אַזוי האָט געהייסן זייער בלאָנדע טעכטערל, די אַדאָפּטירטע פּאַלאַטשקע, האָט זיך דערצויגן צוזאַמען מיט די אַלע קובאַנער יידישע קינדער. די עלטערן האָבן איר אָפּגעהיט ווי דאָס אויג פֿון קאָפּ. קיין זאַך איז נישט געווען צו שווער פֿאַר זיי. זיי האָבן איר אַלץ געהאַלטן אין איין שטאָפּן און פֿירן אין קינטע צו אַ דאָקטער, כאָטש ס׳האָט איר גאָרנישט געפֿעלט און איז געווען פֿעסט ווי אַ נוס. נאָר אַזוי ווי קיין געלט קאָסט נישט, ווייל מען צאָלט דאָך מאָנאַטלעך, זאָל מען איר אָפּוועגן, באַטראַכטן און אפשר טאָקע קריגן פֿאַר איר אַ פֿלעשעלע וויין צו שטאַרקן. דאָס שאַדט דאָך קיינמאָל נישט.

אונטער די וואַרעמע שטראַלן פֿון דער קובאַנער זון און דער גוטער פֿלעגע פֿון דער היים, איז רבקהלע אויסגעוואַקסן שלאַנק ווי אַ פּאַלמע. אירע בלאָנדע לאָקן האָבן זיך ווי געגרייצט מיט דער זון: מיינע זענען שענער!... אַז זי איז דורך אין גאַס, האָבן מענער מיט די אויגן איר געגעסן, נאָכגעזאָגט איר ליוב־ווערטער, קאָמפּלימענטן און ליבעס דער־קלערונגען אויף דעם געבלומטן שפּאַנישן לשון.

די מאַמע האָט איר כמעט קיינמאָל נישט געלאָזט גיין אַליין. געהיט איר ווי דאָס אויג פֿון קאָפּ.

צווישן די עלטערע בחורים, וואָס פֿלעגן כלומרשט אַרויפֿגיין צום טאַטן, ווי באַקאַנטע, איז געווען איינער, וואָס האָט געוואָרפֿן אַן אויג אויף איר. ער איז געווען אַ שטילער יונגערמאַן, גוט איינגעאָרדנט, מיט אַן אייגענעם געשעפֿט און אַ גוטן נאָמען אַלס אַ ראַיעלער סוחר. ער האָט געהייסן סאַלאָמאָן.

פֿון אָנהויב האָט רבקהלע נישט געוואָלט הערן און זען. זי האָט

געקוקט אויף אים ווי אויף אַ קלעק, ווי אַ צוטשעפעניש. זי האָט געחלומט פון אַן אַכצן יאָריקן קובאַנער, וואָס זאָל זיין אין אירע יאָרן, שיין, שלאַנק און יונג, מיט אַ פּאָר קליינע וואָנצעלעך, אַן אויסגעפּוצטער אין אַ ווייסן דריל־אַנצוג, וואָס זאָל ראָמאַנטיש זיך דערקלערן אין ליבע, ווי אַ פּרינץ אַ פּרינצעסין...

און דאָ איז גאָר געקומען אַן עמיגראַנט, וואָס איז מיט אַ צען יאָר עלטער פון איר, און דרייט איר אַ קאָפּ פון גאָלדענע גליקן — פון ביזנעס מיט ליבע...

וואָכן און יאָרן זענען געפלויגן. דעם אויסגעטרוימטן קובאַנער האָט מען צו איר נישט צוגעלאָזן, און סאַלאָמאָן איז דאָרטן געוואָרן ווי אַן היימישער. ער פלעגט זיי נעמען צוויי־דריי מאָל אין דער וואָך אין קינאָ. נאָכער זיי אַריינפירן אין קאַפע, וווּ מען פלעגט זיך פּאַסמאַקעווען מיט זיסוואַרג און אייז־קרעם. אַמאָל האָט ער געדונגען אַ מאַשין און אַרויסגעפאָרן שפּאַצירן הינטערן שטאָט, צווישן די בלומיקע אַלייען. די נאַכט האָט געצויבערט. שטערנדלעך האָבן געווונקען. די פּאַלמעס האָבן זיך געסודעט און דאָס האַרץ האָט גענומען בענקען... אַלץ האָט אויסגעזען אַזוי פאַרכישופט, אַז סאַלאָמאָן איז ביי איר עפּעס געוואָרן ווי אַן אַנדערער. ער האָט געקראָגן דעם געשטאַלט פון איר אויסגעטרוימטן געליבטן. זי האָט דערפילט, אַז זי איז נישט גלייכגילטיק צו אים. זי האָט זיך גענומען דערנעענטערן, צוטוליען. די מאַמע האָט עס באַמערקט, געשמייכלט און געקוואָלן...

זומער צייט זענען זיי געפאָרן אין פּלאַיע ביים ים. די מאַמע איז געבליבן זיצן ביים ברעג. זיי בײדע האָבן זיך אַריינגעוואָרפן אין די צעברויזטע אָרעמס פון די כוואַליעס, וועלכע טראָגן און ציען, שלעפּן און גלעטן, רופן און לאַשטשען. זיי האָבן זיך געלאָזט שווימען מיט די פּנימער צעשטראַלטע אַנקעגן דער זון.

מיטאָגצייט האָבן זיי זיך אָוועקגעלייגט אונטער אַ שאָטן פון אַ בוים מיט די זון פאַרברוינטע לייבער, פון וועלכע עס האָט געשלאָגן מיט פייער. זיי האָבן זיך צוגערוקט איינער צו די אַנדערע, און ביידנס

לייבער האָט געבערענט. אָט אַזוי האָט די ווירקלעכקייט באַזינט דעם טרוים און אַליין זיך פאַרוואַנדלט אין אַ טרוים.

*

רבקה און סאַלאָמאָן זענען שוין זעקס יאָר פאַרהייראַט און קיין קינד איז נאָך אַלץ נישטאָ.

די געשעפטן זענען אַוועק זייער גוט. זיי האָבן זיך אַריבערגעצויגן אין איינער פון די פאַרשטעט פון האַוואַנאַ, נעבן ים, אין אַ פּאַלאַצל. אַריינגעפירט די בעסטע און מאָדערנסטע מעבל פאַר טויזנטער דאָלאַרן. געקויפט אַן אייגענע מאַשין. מען לעבט אין לוקסוס און אין רחבות.

די שוואַרצע דינסט זוכט צו האַלטן ריין און שיין די שטוב. אָבער דער קלאַנג פון לעבן, דער אָטעם פון אַ בייעם נפשל, דער ציטער פון געוויין, די פרייד פון געלעכטער — פעלט. אַלע טעג דאָס זעלבע. שטיל. אַן לעבן. ווי אַן איינזאַמער בוים, וועמענס צווייגן זענען אַראָפּגעפליקט געוואָרן פון שטורעם. נישט ער נעמט אויף ליכט, נישט ער קען וואַרפן אַ שאָטן.

פאַר וועמען רעדט זיך אַראָפּ אַ קינד דאָס האַרץ, אויב נישט פאַר דער מאַמען? רבקה האָט איר דערציילט וועגן דער גאַנצער פּוסטקייט פון איר לעבן, מיט אַלע אירע רייכקייטן און פאַרגעניגנס, וועלכע זענען מער נישט ווי אויסערלעכער גלאַנץ...

— ווייסטו גאָר וואָס, מיין טאָכטער, איר זענט נישט די איינציקע אויף דער וועלט. איר קענט אַדאָפּטירן אַ קינד און עס דערציִען און פילן די פרייד און לייד ווי עכטע טאַטע־מאַמע. ווייל אין דער דערציִונג ליגט דער שכר פון די עלטערן און דער דאַנק פון דעם קינד.

*

אין דעם אויבערשטן צימער, וואָס איז זעלטן ביז איצט גענוצט געוואָרן, זענען פונאַנדערגעעפנט די פענצטער. די ווייסע גאַרדינען כוואַליען זיך אין ווינט און פלאַטערן מיט פרייד אַנטקעגן דער פרימאָרגנדיקער זון.

פון אינעווייניק רייסט אַ קינדערשע שטים, הילכט מיט לעבן און פרייד, וואָס גייט אויף.

אין אַ ראָזן וויגעלע, אויף בלאַנקע ליילעכער, איז געלעגן אַ פריש אויסגעבאָדן קינד און זיך געשפּילט מיט די הענטעלעך און פיסעלעך, וועלכע האָבן זיך געוואָרפן אין דער לופט.

אַל־דאָס־גוטס וואָס עלטערן קענען נאָר געבן אַ קינד, האָט מען דער אַדאָפּטירטער קובאַנער, וועמען מען האָט אַ נאָמען געגעבן רחלע.

אַ ספּעציעלע ניאַניע האָט מען פון ערשטן טאָג אָן גענומען פאַר איר, וועלכע האָט איר געהיט אויף שריט און טריט.

אַז זי איז אונטערגעוואַקסן, האָט מען איר אַריינגעגעבן אין אַ יידישער שול, בכדי צו געבן איר אַ גוטע יידישע דערציִונג.

זי האָט אָנגעהויבן מיטן קינדער־גאָרטן און האַלט שוין איצט ביי דעם גראַדואירונגס־אָוונט. מען האָט זיך נישט אַרומגעזען ווי די יאָרן זענען געלאָפן.

רחהלע איז אויסגעוואַקסן אַ שוואַרץ חנעוודיקע יידישע טאָכטער, מיט שוואַרצע אויגעלעך און טונקעלע קאַשטאַנען האָר. זי האָט צו דער גראַדויִרינג שוין אויסגעזען ווי אַ סעניאָריטאַ פון אַ יאָר פופצן, כאָטש זי האָט נאָך קיין צוועלף יאָר נישט געהאָט. זי איז געווען זייער גוט אַנטוויקלט, זיך אויסגעצייכנט אין דעקלאַמאַציעס און טענץ.

אויף אייבער פון די ערשטע בענק פון טעאַטער, זענען געזעסן צוזאַמען זיידע־באָבע, טאַטע און מאַמע. אין זאַל האָט גערוישט און געזשומעט ווי אין אַ בינשטאָק. פּיצלעך קינדער זענען ווי איבערנאַכט אויסגעוואַקסן אַרטיסטקעס. אין לאַנגע קליידער, מיט רויטע בעקלעך און געשמינקעטע ליפּן, האָבן זיי אויסגעזען אויף דער בינע ווי אַ קרומער שפּיגל אויף די גרויסע און האָבן אַרויסגערופן פרייד און געלעכטער.

עס ווערט שוין שפּעט אין האַלבער נאַכט. עס גייען די לעצטע קינסטלערישע נומערן פון די גראַדויִרטע. אין זאַל איז פינצטער, און אונטער דער באַלייכטונג פון אַ שטאַרקן פּראָזשעקטאָר, טויכט אויף

אין אַ ווייסער זיידענער קלייד, אין ביבלישן סטיל, אַ צאַרטע קינד, וועלכע זעט אויס מיט איר רייפן יוגנטלעכן קערפּער ווי אַ צייטיקע בלום.

זי טאַנצט אויס מיט פאַרשידענע באַוועגונגען און זשעסטיקולאַציעס דעם טאַנץ פון רות. אַט בויגט זי זיך און קלייבט די זאַנגען; דאָ בינדט זי די גאַרבן; און אַט שטייט זי הכנעהדיק פאַר בועזן און דעקלאַמירט מיט פייער און פּאַטאָס: „ווּ דו וועסט גיין, וועל איך גיין; ווּ דו וועסט זיין וועל איך זיין! דיין פאָלק איז מיין פאָלק! דיין גאָט איז מיין גאָט!"

אַז דאָס טאַנצט זי אויס מיט הארץ און נשמה דער ביבלישער רות און אייגענעם סוד פון איר לעבן — האָט זי אַליין נישט געוווּסט.

זי האָט מיט איר טאַנץ און דעקלאַמאַציע עלעקטריזירט דעם עולם. אַ שלל פון אַפּלאַדיסמענטן האָט זיך אַראָפּגעלאָזן אויף איר. נאָך שטאַרקער זענען זיי געוואָרן, ווען מען האָט צוגעטראָגן איר אַ בוקעט רויטע טוליפּאַנען.

זי האָט קוים זיך דורכגעריסן דורכן געזאַמל פון קינדער און עלטערן, וועלכע האָבן זיך געקנוילט אַרום דער בינע. אַן אויפגעלויכטענע, אַ צעשטראַלטע, איז זי צוגעפאַלן צו זיי. די באָבע און די מאַמע האָבן איר אַרומגעכאַפּט, און מיט טרערן אין די אויגן באַגאָסן איר פּנים מיט קושן.

זיי האָבן אַלע דריי געוויינט פון פרייד און פון גליק. די טרערן האָבן אַראָפּגעטריפט אויף די בלומען, וועלכע האָבן אויפגעציטערט, ווי זיי וואָלטן דערפילט דעם געטלעכן אָטעם פון דער ביבלישער רות, וואָס איז פון דריי דורות רות געפאַלן אויף זיי און אַנגעדייטעט דעם גאַנג פון דער אייביקייט...

דער סאַכאַרינטשיק...

אַ שוואַרץ־חנעוודיקער ייִנגל מיט אַ פּאָר צאַפּלדיקע אויגן פאַרצויגן מיט איין ברעם, וואָס איז געווען פאַרוואַקסן איבערן נאָז, ווי אַ שוואַרצער ראַם פון וואַלד ביים ראַנד פון טייך.

אַ געדיכטער קאָפּ קאַשטאַנען־האָר מיט אַ ווייסן שרינט ביים זייט און אַ גזשיבקע פאַרריסן אויף אויבן, מעשה ווויל־יונגעריש.

קורצע, גאַליפּע־הייזלעך, אַ ספּאָרטאָווער־רעקל, אַ היטל מיט אַ לאַנגן דאַשעק, האַלב רונדיק, פאַרבויגן, ווי אַ פערטל לבנה, האָבן בולטער געמאַכט דעם שאָטן פון וועלכן עס האָבן אַרויסגעלויכטן צוויי ליכטיקע אויגן ווי שטערן.

פון חדר, גמרא, ישיבה — אַוועק. וואָס טוט מען? זיין מוטער, איז נאָרוואָס צוריקגעקומען פון ראַטן־פאַרבאַנד מיט דריי קינדער, ווו זי איז געווען אַ בעזשינקע.

אַ נייע מלוכה, פּוילן, איז אויפגעשטאַנען. אַ מאַמע מיט פיר קינדער דאַרפן עסן, דאַרפן אַ היים — די אַלטע היים איז אַוועק מיטן פייער גלייך ביים אויסברוך פון ערשטן וועלט־קריג. פון דעם גאַנצן שטעטל זענען בלויז צוויי הייזער מיטן קאַסטשאָל פאַרבליבן. איז מען אַריבער אין אַ דערביייִק שטעטל.

יידן האַנדלען, וואַנדלען — מען מסחרט. מ׳לעבט פון מערק און ירידן. יחידים שמוגלען סחורה פון דייטשלאַנד קיין פּוילן און ווייטער קיין ראַטנפאַרבאַנד. דאָס רוב איז אַנגעגאַנגען דער שמוגל מיט סאַכאַרין־טאַבלעטן און קריסטאַל.

ער איז אַריינגעצויגן געוואָרן. ער ווייסט אַליין נישט ווי אַזוי. זאָל זיין די נויט ? דער הונגער ? די האָפענונגס לאָזיקייט ?

אַרום סובאַלק ציִען זיך שטעטלעך, וואָס גרענעצן זיך מיט מזרח־פּרייסן. מיט אַ בלויזן פּעסל האָט מען געקענט אַריבערגיין די גרענעץ איינע ביי די צווייטע. זענען די שטעטלשע קרעמער געווען אָפּטע באַזוכער אין דייטשלאַנד. און מען האָט געפירט סחורה אויף כשר און אויף טריף.

אין פינצטערע נעכט, ווען מען האָט נישט געזען אַ טראָט פאַרויס אַ מענטש, האָט זיך אויסגעדוכט, איז אַ בוים און אַ בוים — אַ מענטש, איז מען געגאַנגען איבער וויסטע פעלדער מיט פּעק אויף די פּלייצעס, געפירט פון פויערים וואָס ווױנען האַרט ביי דעם גרענעץ. און אַמאָל האָט מען געפירט פראַנק און פריי גאַנצע פורן מיט שמוגל, ווען די גרענעץ וואַך איז געווען איבערגעקויפט פוןביידע זייטן...

אויף יעדן בריק, ביי יעדער אַרויספאָר און אַריינפאָר פון שטאָט און פון שטעטל, זענען געשטאַנען פוילישע פּאָליציילייט, צי „קאַנאַריקעס" — זשאַנדאַרן, וואָס האָבן געזוכט און געניִשטערט אין די היי אונטער די געזעסן, אין די זעק און אין די פּעק — און זעלטן ווען זיי האָבן געפונען.

די וועגענער מיט סאַכאַרין זענען געגאַנגען מיט דאָפּלטע דעקן. די דראָבינקעס אויסגעהוילטע אינעווייניק זענען געווען אָנגעשאָטן מיט צענדליקער קילאָ פון סאַכאַרין. — אַזוי האָבן געפירט די גרויסע שמוגלערס. די קלענערע, האָבן זיך באַנוגט מיטן פירן אויף זיך: — אין טאָרבקעס אויפן לייב אונטערן העמד; אויפן ברוסט־קאַסטן ביז אַראָפּ צום בויך.

אַנדערע האָבן אָנגעפילט די פּאָלטעס הינטער דער פּאָטשעווקע מיט זעקלעך, ווי קישקעס, פון אויבן ביז אונטן, אין וועלכע עס איז אַריין אַ וועלט מיט סאַכאַרין.

דער יונגער סאַכאַרינטשיק האָט זיין קערפּערל אַרומגעוויקלט מיט שמאָלע טאָרבקעס אין וועלכע עס זענען געלעגן פאַרבער שאַכטלעך צו הונדערט און פינף הונדערט טאַבלעטן אין אַ שאַכטל.

מיט זיסן פאַנצער אויף זיך האָט ער געמאַכט אַן אומשולדיק פּנימל, און איז שטענדיק געזעסן אויפן קאָזשאָל, ווי אַן אונטערשמייסער, און

קיינעם האָט קיינמאָל נישט געקענט איינפאַלן, אַז דאָס איז אַ שמוגלער.

נישט איין מאָל האָט מען אַלע פּאָסאַזשירן אַראָפּגענומען, רעווידירט, און ער איז זיך געשטאַנען ביים זייט ווי אַן אומשולדיק נפשל, וואָס פאַרשטייט גאָרנישט, וואָס דאָ קומט פאָר. עס האָט אויסגענוצט אַלערליי סאָרטן רייזעס און אונטערנעמונגען, וואָס אַ גרויסער וואָלט גאָרנישט געוואָגט עס צו טאָן.

ער האָט זיך דערוווסט, אַז היינט פאָרט יענער פורמאַן אויף אַן אָרדער פון דער רעגירונג צו פירן סאָלדאַטן, צי מלוכה־אַנגעשטעלטע, האָט ער פאַר אַלעמען אין די אויגן, אויפן הויף פון מאַגיסטראַט, וואָס האָט געשווימלט מיט פּאָליציי, סאָלדאַטן און שפּיקעס, געבראַכט צוויי פּעק מיט סאַכאַרין, זיי אַריינגעלייגט אין וואָגן אונטערן געזעס.

ביים אַרויספאָר, אויפן בריק, איבער דער שוואַרצער אַנשע, האָט מען נישט געוואָגט אַפילו אָפּצושטעלן די פור, אויף וועלכע עס זענען געזעסן צוויי כרוקעס ווי פּריצים, פון דער בייער פוילן.

עס איז צוגעפאַלן דער אָוונט. פון ביידע זייטן וואַלד, איבערן שאָסיי, וועבן גלי פליגלעך ליכטיקע פעדים, ווי פּאָספּאָר־שטראַלן איבערן וועג, פאַרשפּינען מיט ליכט דעם נאַכטיקן אַרום. אַ שאַרפער טערפּענטין־ריח זעצט פון דעם סאָסנע וואַלד, פילט אָן די לופט מיט שיכרות פון בליִוונג. די סאָלדאַטן הייסן אָפּשטעלן די פור. גייען אַראָפּ און ברענגען אַרויף עטלעכע גליוועורים, לייגן זיי אָוועק פון פאָרנט אויפן היי און די גליוועורים לייכטן, ווי אָנגעצונדענע באַטאַרייקעס, די גאַנצע צייט אויפן וואָגן.

נישט אַלע מאָל איז אים אויסגעקומען צו פאָרן אַזוי רויִק און זיכער. נישט איין מאָל האָט זיין האַרץ געקלאַפּט שטאַרקער ווי די סאַכאַרינקעס אין די שאַכטלען אונטער זיין האַרצן.

פרילינג. דער וואַלד שווימלט און גריבלט מיט רויטע און שוואַרצע יאַגעדעס, גויעס מיט געבלומטע טיכלעך און קליידער, מיט פאַרריסענע הינטנס צום הימל, רייסן יאַגעדעס, פילן אָן גאַנצע קוישן און פירן עס צו פאַרקויפן אין שטאָט. בלוי, מאַט, מיט טוי פאַרצויגן, ווי שוואַרצע

קרעלן, מיניען און ווינקען צו די פֿאַרבייגייער, ווי פֿאַרשייטע מיידלעך מיט שוואַרצע אויגן־בליקן.

רויט, פֿייערדיק, ווי צעפּלאַמטע ליפּן פֿון רייפֿער יוגנט, וואָס בעטן זיך צו קושן רופֿן צו זיך די רויטע. אין דער יאָגעדע־צייט, פֿירט ער, אַ חוץ די נאַרמאַלע פּאַרציע סאַכאַרין אויף זיך, צוויי גרויסע מילך־קרוגן אָנגעפּילט מיט סאַכאַרין און פֿון אויבן פֿאַרדעקט מיט אַ הויפֿן יאָגעדעס. נאָך אַ נס, וואָס דאָס קלאַפּן פֿון די רעדער און פֿון די פּאַטקאָוועס האָט פֿאַרשלונגען דעם עכאָ פֿון די טרייסלענדיקע סאַכאַרינקעס אויף זיין לייב. און דער פּאָליצמאַן, דער זשאַנדאַר, וואָס איז נישט איין מאָל געזעסן נעבן אים אויפֿן קאָזשאָל, האָט עס נישט געהערט.

ווינטער. נאַכט. אַ זאַווערוכע מאָלט און קערט, שניידט מיט דינע, זילבערנע ריטער, לאָזט נישט אויפֿמאַכן קיין אויג. אַ ווילד־געדריי פֿון ווייס־פֿאַרגליווערטן שוים מיט אַ ווינטיש געוואָי פֿאַרדעקט אַלץ און אַלעמען. די פֿערד, וואָס קענען שוין דעם וועג פֿירן דעם שליטן אַליין איבער בערג פֿון שניי. וואָס האָבן פֿאַרמעקט אַלע וועגן און שטעגן, צו זיך אַ היים.

די קעלט, דער פֿראָסט, דער שלעכטער וועטער שרעקן אים נישט. פֿאַרקערט, זיי זענען זיינע פֿריינט... זיי העלפֿן אים שמוגלען. ווער ווייסט עס שטיין אין אַזאַ וועטער און אָפּוואַרטן אין מיטן נאַכט אַ שליטן?

— „סטאָי!" — האָט פֿון דער פֿינצטערניש אַרויסגעוואָיעט אַ שטים.

זיי זענען דאָ! גלייך ביים אַריינפֿאָר, ווי פֿאַרקערפֿערטע שטיקער זאַווערוכעס מיט פֿאַרפֿלאַמטע פּנימער. הייסן אַרויסגיין פֿון שליטן. אָנגעצונדן די באַטערייקעס, געזוכט און געשנישטערט — גאָרנישט נישט געפֿונען.

אַ כרוקישער, כפֿול־שמונהדיקער מי־שברך... און אַ שפּיי אויפֿן שניי.

פֿאַרביטערטע האָבן זיי זיך אָפּגעטראָגן. געווען זיכער, אַז זיי האָבן געכאַפּט אַ העכטל... און זיי ווילן מאַכן אַ פּאָר זלאָטעס...

פֿאַרטאָג. דער דרויסן מיט די הייזער איינגעניורעט אין זיך, אַלץ

רוט און שלאָפט. ביי רחלען אין פענצטער ברענט שוין אַ לעמפּל, זי גרייט פאַר איר בכור צידה־לדרך.

ווי אַן אָפּגעריסענע שטיקל־נאַכט, אין אַ פינצטערן דרויסן, איז ער געלאָפן איבער ליידיקע גאַסן, ווי אַ ציטערדיקע קעצעלע, צום פורמאַן, וואָס האָט זיך געקליבן צו גיין אויפנעמען זיינע פּאַסאַזשירן.

זיין מוטער איז אַ גאַנצן טאָג אַרומגעגאַנגען מיט אַ קלאַפּעריי אין האַרצן. זי האָט קיינעם נישט געזען. אויף אירע ליפּן האָט זי געשעפּטשעט אַ תפילה, גאָט זאָל אים אויסהיטן, ער זאָל חלילה נישט אַריינפאַלן.

אין אָוונט, אַ פאַקלעמטע ליגט זי אין בעט מיט ביידע טעכטער נעבן זיך, איר יינגסטער זון אין צווייטן צימער, אויפן שלאָף־באַנק. אַלע שלאָפן שוין. נאָר זי קען מיט קיין אויג נישט צומאַכן. די מינוטן ציִען זיך ווי פון פעך. שעהען — ווי יאָרן. אַלע ווײַלע, האָט זיך איר אויסגעדוכט, זי הערט אַ געקלאַפּ אויף די טרעפּ, אַ סקריפּ פון טיר, מען האָט אים געכאַפּט. פּאָליציילייט, ווי וואַלד־גזלנים, באַפאַלן איר אָרעמע היים אין דעם פישער־געסל, טרייבן זיי אַרויס פון די בעטן, די קינדער וויינען און קלאָגן דערשראָקענע זוכן אין אַלע ווינקלען, אין די שעניקעס, אונטערן בעט, טאַפּן אין די בעטגעוואַנט צו געפינען נאָך סאַכאַרין...

אַ שוואַרצע נאַכט האָט אַריינגעקוקט אין פענצטער און נאָך מער פאַרפינצטערט איר שרעק...

וואָס האָט זי נישט איבערגעלעבט אין די נאַכטיקע שעהען? וויפל שרעקלעכע געדאַנקען זענען נישט דורכגעלאָפן דורך איר מוח? ביז זי האָט דערלעבט צו זען, ווי איר קינד האָט זיך אַריינגעשאַרט אין שטוב, אַראָפּגעשלעפּט פון זיך די זעקלעך מיט סאַכארין — און צוריק דער מאַמען אַריינגעגעבן אַ האַרץ...

ס'האָט אויסגעבראָכן דער פויליש־סאָוועטישער קריג. די רויטע אַרמיי שטייט שוין ביי וואַרשע. דאָס שטעטל איז שוין ווייט הינטערן פראָנט ביי די רויטע. אַלץ שטייגט. עסן פעלט. פון די גרויסע שטעט קומט מען אויסקויפן אין די קלענערע. ס'איז אַ יקרות. מען קריגט פאַר קיין געלט נישט. ווער עס האָט באַהאַלט אויס.

אין שטוב געפינט זיך עטלעכע קילאָ סאַכאַרין. פון גראָדנע איז אַראָפּגעקומען אַ יוגנטלעכער, וואָס באַצאָלט פֿאַר דעם אַ פּרייז. עס וועט קלעקן, פֿאַר דער פֿאַמיליע. אויף עטלעכע מאָנאַט צו לעבן. נאָר ווי פירט מען עס אַרויס פון שטעטל ?

אויפן בריק, פון יאַגיסטאָוועד קאַנאַל, שטייט אויף דער וואַך יושקע, דעם שטאָבינער־גלעזערס זון, וועלכער איז זיינער אַ בן־עיר. ער בעט זיך ביי אים, אַז ער זאָל אים דורכלאָזן מיט דער סאַכאַרין, וואָס אַ צווייטער האָט עס געקויפט אויפן וועג צום וואָקזאַל.

— איך שטיי אויף דער וואַך. כ׳מוז אויספאָלגן די באַפעלן פון דער מאַכט! נישט דיר און נישט קיינעם — וועל איך דורכלאָזן. — איז געווען זיין ענטפער.

סוף־זומערדיקער אָוונט. אַ בלויער ראָם — דער וואַלד, נעמט אַרום דאָס שטעטל. פּאַזע דעם קאַנאַל. אינעם וואַלד, גייען צוויי יוגנטלעכע אויסמיידנדיק די וואַך אויפן וועג צום באַן. זיי זענען אַדורך בשלום. און פֿאַר דעם געלט האָט די מוטער איינגעקויפט קאָרן. און מיט אַ האַנט־מילכל צוגעשרויפט ביים קאַנט פון טיש, שטייט ער גאַנצע טעג און מאָלט דעם קאָרן. איינמאָל, צוויי מאָל, דריי מאָל ביז ס׳איז געוואָרן דינער דאָס מעל.

יונגע, מוסקולירטע הענט קנעטן דאָס טייג אין דער דייזשע, ווי איין שטיק קליי, וואָס יערט מיט ברכה און זעט.

ברוינע לאָבנס, ווי רעדער זענען אַרויסגענומען געוואָרן פון אויוון. פֿאַר דער קורצער צייט פון דער אָקופּאַציע האָבן זיי פון קיין הונגער נישט געוווסט.

די לאָבנס ברויט האָבן אַרויסגעזוגען פון זייער באַהעלטעניש און אָנגעפילט די היים מיט רו און גליק.

פון דרויסן, איבערן ברוק, גאַנצע מעת־לעתן, טאָג ווי נאַכט, ציִען זיך אָבאָזן פון דער רויטער אַרמיי, וואָס לויפט צוריק. אייזן און שטיין יאָמערן אויס דעם מענטשלעכן צער, וואָס וואָרפט אָן אַ מרה־שחורה ביים געבראָזג פון די רעדער.

אין דער היים, ווי ליכטיקע זונען, ברוינע לאָבנס אַליין געמאָלן,

געקנאַטן און געבאַקן פון אייגן שווייס און פּראַצע לייכטן מיט רו און זעט, וואָס גיבן שוץ פינף לעבנס, אין אַ דרויסנדיקן מבול פון בלוט און רציחה...

קובאָ

איבערגעריסן דעם פאָדעם...

וועדאַדאָ, איינגעטונקט אין גרינסן פון בוימער און גראָזן, צוגעפוצט מיט אַ שלל פון פאַרביקע בלומען, וועלכע שפּילן זיך מיטן ווינטל נעבן די ווייס־פאַרחלומטע מויערן, באַזוימט מיט אַ בלויער לענטע פון ים, וועמעס פעלזיקע סקאַלעס לאָזן אים ווייטער נישט גיין.

וועדאַדאָ איז פאַר יעדן אימיגראַנט ווי אַ צויבער־שטעטל, וואָס לאָקט און רופט יעדן איינעם: קומט, קוקט מיך אָן. און באַוווּנדערט מיין שיינקייט!

יעדער מויערל פאַר זיך, איז ווי אַן אָפּגעשלאָסענער פּאַלאַץ, ווי אַ סוד פאַרקערפּערט אין ציגל און שטיין.

אין וועדאַדאָ האָט דער גרינער אימיגראַנט פון קאָנסטאַנטינאָפּאָל, דער ספרדישער ייד יצחקי, וועלכער איז געקומען אין קובאַ נאָך דעם ערשטן וועלטקריג, זיך געלאָזט מיט אַ פּעקל אונטערן אָרעם, איינגעוויקלט אין אַ סאַראַטע פאַרצושלאָגן זיינע סחורות פאַר די באַלעבאָסטעס און דינסטן.

ער איז געגאַנגען פון איין פּאַלאַץ צום צווייטן, געקלאַפּט אין די טירן. זעלטן ווען מען האָט אים געעפנט און אַריינגעלאָזן.

ביסלעכווייז האָט ער זיך אויסגעגרינט. און פון די ערשטע פאַר ערטער, ווו אים איז געלונגען צו פאַרקויפן זיינע שטאָפן פון זיידנס, סאַטינען אויף קליידער, פּידזשאַמעס און קימאָנעס, האָט אים איינע רעקאָמענדירט צו דער צווייטער, און עס האָבן זיך אים אָנגעהויבן צו עפענען די פאַרשלאָסענע טירן איינע נאָך דער אַנדערער.

יצחקי, וועלכער איז געווען אַ יונגער בחור, מיט אַ פּאָר שוואַרצע,

מזרח־אויגן, אונטער געדיכטע טונקעלע ברעמען, וואָס באַזוימען זיינע בליקן, ווי אַ וואַלד אַ טייך, און אַ מאַטאָוון פּנים מיט אַ שלאַנקן בויגעוודיקן קערפּער, האָט אויף אַלעמען געמאַכט אַ גוטן איינדרוק.

די קונים האָבן אים גערופן „על טורקאַ" — דער טערק. ווייל דאָס רוב פּעדלער צו יענער צייט זענען געווען טערקן, צי אַראַבער פון מיטל־מזרח, וואָס האָט געהערט צו טערקיי. זיין מוטער־שפּראַך איז געווען לאַדינאָ — דער אַלטער שפּאַניש פון סערוואַנטעסעס עפּאָכע, וועלכע האָט געקלונגען אויסטערליש, פרעמד, אָבער גלייכצייטיק אינטערעסאַנט, ווי אַלץ וואָס פרעמד איז.

יצחקי איז געווען געוווינט צו אַלערליי באַהאַנדלונגען. ס'זענען געווען ערטער, ווו מען האָט אים אַריינגעלאָזן בלויז דורך דער הינטער־טיר, און בלויז די דינסט איז געווען דער קונה. אַז די באַלעבאָסטע האָט זיך צוגעקוקט צו דער דינסטס מציאות, האָט זי אויך באַשטעלט פאַרשידענע אַרטיקלען.

ס'זענען אָבער אויך געווען ערטער, ווו מען האָט אים אַריינגעלאָזן פון פראָנט, אין פאָדער־צימער צי אין זאַל. דאָ האָט ער זיך שוין געפילט ביי זיך שטאָלצער, ניישט ווי דער פּעדלער מיטן פּעקל, נאָר ווי אַ גאַסט, וואָס איז געקומען אויף אַ וויזיט צו זיינע באַקאַנטע.

אין איינער פון די פריינדלעך אים אויפנעמענדיקע הייזער, האָט זיך געפונען אַ מוטער, פון אַ יאָר 36, און אַ טאָכטער פון אַ יאָר 17. דאָס איז געווען ביי דער פאַמיליע ראָדריגעז.

אַזוי ווי דער מאַן איז שטענדיק געווען אין האַוואַנאַ, ביי דער אַרבעט, פלעגט ער זיך שטענדיק טרעפן מיט די צוויי פרויען אַליין אין דעם גרויסן זאַל.

איבער די פענצטער זענען געהאַנגען דינעס, טיולענע פאָרהאַנגען, איבער זיי, אָן דער זייט, פון דאַמאַסקאַ, גאָלד־קאָליר געפוצט.

די אין פּליוש־געבעטע שטולן זענען געווען פאַרדעקט מיט אַ געבלומטן איבערצי. אויפן טיש, מיט שפּיגל באַדעקט, האָט געמיניעט דער בלומענטאָפּ מיט די קינסטלעכע בלומען, און אין דער הויך האָט

געווימלט די קרישטאָלענע קאַנדעלאַברע מיט די געשליפענע פּראַנזן, וועלכע האָבן געפינקלט מיט אַלערליי רעגנבויגנדיקע קאָלירן.

איבער די ווענט זענען געהאַנגען צוויי גרויסע בילדער, איינע אַ קובאַנער לאַנדשאַפט, און די צווייטע — אַ בילד פון אַ יונגער פרוי, וועלכע לויפט מיט צעפלאָסענע האָר צו דער אויפגייענדיקער זון מיט באָרוועסע פיס אויף דעם גרינעם גראָז באַגאָסן מיט ליכט.

די ערשטע צייט זענען די געדאַנקען ביי אים געווען פאַרטאָן אויף צו מאַכן אַ פּאָר דאָלאַר, צו פאַרקויפן וואָס מער סחורה. און ער האָט מער געקוקט אויף דעם שטאָף ווי אויף דער פרוי, וואָס הילט זיך איין אין איר. שפּעטער, ווען זיינע ביזנעס זענען שוין אַוועק אויף אַ זיכערן וועג, האָט ער אין יעדן קונה געזעצט, דער אַחוץ אַ קונה, אויך אַ מענטש, דאָ און דאָרט אַ שיינע פרוי, ביי דעם און ביי יענעם אַ רייצנדיקע דינסט, אַן עלעגאַנטע טאָכטער, אַ צאַפּלדיק שטיקל לעבן, וואָס איז אַן עבירה אויב מען באַמערקט עס נישט...

ביי דער פאַמיליע ראָדריגעז האָט ער באַמערקט, אַז זיי שענקען אים מער אויפמערקזאַמקייט ווי אומעטום. נישט איינמאָל האָט מען אים צוגעטראָגן אַ טעפּעלע שוואַרצע קאַווע, אַ שטיקל זיסוואַרג, און אים אַרויסגעוויזן פריינטלעכקייט.

ער האָט געקוקט אויף דער מאַמען און אויף דער טאָכטער, און אים האָט זיך אויסגעדוכט, אַז זיי זעען ביידע אויס ווי שוועסטער, בלויז איינע עלטער פון דער צווייטער.

פאַרשידענע געדאַנקען זענען אים אַנגעלאָפן אין מוח, און ער האָט זיי געזוכט אָפּצוטרייבן. אָבער וואָס אָמאָל מערער האָט ער געפילט, ווי מען שפּינט דאָ אַ נעץ פאַר אים, און אַז ער אַליין איז נישט גלייכגילטיק צו זיי.

צווישן די פאַרשידענע באַשטעלונגען, וואָס זיי האָבן אים געהייסן ברענגען, איז געווען אַ פּאָר קימאָנעס. ער האָט דאָס געבראַכט, און זיי זענען געגאַנגען אָנמעסטן.

די טאָכטער איז אַריינגעלאָפן פריער פאַר דער מאַמען אין דער נייער קימאָנע פון שוואַרצן זייד, מיט פלאַמיקע מימאָזן געשטעמפּלט.

זי איז צוגעלאָפן צו אים און געהייסן אים פאַרבינדן דאָס בענדל אַרום דער טאַליע.

ער האָט אַרומגענומען איר צאַפּלדיקן קערפּער, און דערפילט אַ ברי אין די פינגער, ווי עס וואָלט דאָס פייער פון אירע לענדן זיך אַריינגעכאַפּט אין אים... די רויטע מימאָזן האָבן זיך צעלייגט אויף אירע נאַקעטע בריסטן, וועלכע האָבן זיך אַרויסגעבערגלט ווי צוויי צעעפנטע בלומען אין פרילינג פון לעבן.

דורך דער קימאָנע מיט די ברייטע פאַלדן, וואָס האָבן געכוואַליעט אויף איר יונגן קערפּער, איז זי ווי אויסגעוואַקסן פאַר אים, שלאַנקער געוואָרן, און געצאַפּלט אונטער דעם זייד ווי אַ ציטערדיקע פלאַנץ.

אירע טונקל־ברוינע ביר־אויגן זענען ווי גרעסער געוואָרן. די כוואַ־לעדיקע קאַשטאַנען האָר האָבן זיך געפאַלדעוועט איבער אירע אַקסלען און איר זון־פאַרברענט פּנימל האָט אויפגעלויכטן ווי אַ פולע אויפגייענ־דיקע לבנה.

אַז די מוטער איז אַריין אין איר נייער קימאָנע, שטיל און עלעגאַנט, האָט זי געמאַכט אַן איינדרוק, ווי עס וואָלט זיך אַנגעצונדן נאָך אַ לעמפּל אין דער קעגנוואַרט פון אַ גרויסן לאָמפּ.

זי האָט אַ לויכט געטאָן, אָבער די גאַנצע ליכט איז פאַרט געפאַלן פון איר יונגער טאָכטער.

ער האָט זיי ביידן אָפּגעגעבן קאָמפּלימענטן, און איז אַוועק ווי אַ צעטראָגענער צווישן די שאָטנס פון די ביימער.

שטילע ליבע־פּעדעם האָבן זיך גענומען וועבן צווישן דעם „טורקאָ" און דער שיינער טאָכטער פון ראָדריגעזן.

די מוטער האָט עס באַמערקט אין דעם פּוצן זיך פון דער טאָכטער, ווען דער פעדלער דאַרף קומען, דעם אַרויסקוקן דורכן פענצטער פאַר זיין אָנקומען און דעם באַגלייטן אים מיט פאַרבענקטע בליקן דורכן פענצטער ביי זיין אַוועקגיין.

ער איז אויך וואָס אַמאָל געקומען מיט אַ קלענערן פּעקעלע, נישט מער ווי מיט זייער באַשטעלונג, אַנגעטאָן נעט, ווי נישט צו דער אַרבעט, ווי אויף אַרומשפּאַצירן אין גרינע אַלייען.

איינמאָל האָט די דינסט אים געעפנט די טיר און פאַרשוווּנדן אין איר צימער, בלויז די טאָכטער איז אַליין געווען אין הויז.

— וווּ איז די מוטער ? — האָט ער געפרעגט.

— זי איז געגאַנגען צום דאָקטער, זי פילט נישט גוט — האָט זי אים געענטפערט, און אים געהייסן זיך זעצן און צוּוואַרטן.

ער האָט אויפגעעפנט דאָס פּעקל. און גענומען ווייזן די בײַיע שטאָפן פאַר די קליידער, וואָס ער האָט פאַר זיי געבראַכט.

זי האָט גענומען אַ שטיק זיידנס, אָנגעפּאַסט אויף איר קערפּער, פון וועלכן עס האָט זיך אַרויסגעשיילט אירע רייציקע בריסטן, און אים אַ פרעג געטאָן :

— וואָס זאָגסטו, עס קליידט מיר ?

— וואָס זאָל איך זאָגן ? — האָט ער איר באַלד פאַרשעמט געענטפערט — אַז שענער פאַר דעם זייד ביסטו אַליין ! און וואָס פאַר אַ ווערדע האָבן די געשטעמפּלטע בלומען אויף איר, אַז דו ביסט די לעבעדיקע בלום דאָך אַליין... — דער שטאָף פאַרדעקט בלויז דאָס שענסטע וואָס אין דיר — די יוגנט ! דעם פייער ! די פרויענשאַפט !

ער האָט בעת־מעשה אַליין זיך דערשראָקן פאַר זײַנע רייד.

זי האָט אים אָנגעקוקט פאַרוווּנדערט, מיט אַ פּאָר פאַרליבטע אויגן, וואָס ווילן באַהאַלטן דעם סוד אין זיך, און פאַרבאַהאַלטנדיק — גיבן זיי עס אויס, ווי געצאַמטע פייער, וואָס רייסט זיך דורך שפּאַרונעס, רופט און ברענגט מיט בליקן, וואָס צינדן דאָס בלוט...

דאָס צווייטע שטיקל סחורה האָט ער זיך אַליין אויפגעשטעלט זי אַליין אָנצופּאַסן. ער האָט אַרויפגעלייגט אויף אירע אַקסלען דאָס שטיק זייד. זי האָט זיך ווי אַ וואָקל געטאָן, אַריינגעפאַלן אין זײַנע אָרעמס ווי אַ צייטיקע פרוכט, מיט האַלב־פאַרמאַכטע אויגן, האָט ער זי אָרומ־גענומען, צוגעדריקט זי צו זיך ווי אַ קינד און זי אָנגעטרונקען מיט קושן ווי אַ דורשטיקן ביים קוואַל.

— וואָס טוסטו ? — האָט זי אים געפרעגט האַלב פאַרחלשט — ווי האָסטו עס געוואַגט ?...

אָבער אירע פייכטע אויגן פון ליבע און גליק, האָבן דעם ענטפער פאַר אים שוין געגעבן...

זיי האָבן זיך אַוועקגעזעצט איינער נעבר צווייטן, און גענומען זיך אַראָפּרעדן פון האַרצן.

שוין אַ לענגערע צייט — זאָגט ער — ווי ער פילט אַ בענקשאַפט צו זיין נעבן איר נאָענט. ווי ער וואָלט געזוכט זיין אַנדערע העלפט און ביי איר עס געפונען. אָן איר פילט ער זיך אומרויק, צעריסן; נעבן איר — איז ער גאַנץ, ווי זי וואָלט געווען זיין פאַרלאָרענע העלפט.

זי האָט זיך צוגעטוליעט צו אים, גלעטנדיק די פוכקע הערעלעך פון זיינע הענט. אָנגעשפּאַרט אויף זיין ברוסט, דערציילט זי — פון לאַנג שוין, פון לאַנג, ליגט זי אין איר צימער אויף איר בלאַנקן בעט־געוואַנט און חלומט אונטער דער בלויקייט פון דער קובאַנער נאַכט, וואָס רינט אַריין אין איר צימער דורך די אָפענע פענצטער, ווי אַ קוואַל פון אַ פאַרכישופטער וועלט, און פילט אַזאַ בענקשאַפט נאָך אים, נאָך זיינע שוואַרצע אויגן, אין וועלכע עס טליען די פלאַמען פון ליבע, וואָס ציען זי אַזוי צו אים. און אַז נישט איינמאָל ווערט זי אַנטשלאָפן, פילנדיק זיין זיסן אָטעם, וואָס דאָס ווינטל ברענגט איר צו טראָגן אין זיינע אָרעמס, ווי אַ קוש פון אים צו איר...

— האָסטו מיר געשיקט קושן פון דיין גלעלגער אין די טרוימערישע נעכט? — האָט זי אים לאַשטשענדיק ווי אַ קעצעלע זיך איינגעניורעט, אים אַ פרעג געטאָן.

— זיכער האָב איך דיר געשיקט! אַניט וואָלסטו זיי נישט געקראָגן! וואָלסט זיי נישט געפילט! ווען צוויי מענטשן ליבן זיך, פילן זיי אינטויִטיוו איינער דעם צווייטן, און ליידן צוזאַמען. דער פיין און צער פון בענקשאַפט און טרויער, איז זיסער פון פרייד, ווייל עס איז טיפער, האַרציקער, ריינער און אמתדיקער!

— יאָ, מיין טייערע, און וואָס וועט זיין ווייטער? — האָט ער צו איר גערעדט. — יעדער ליבע האָט אַ ציל. דעם ציל דאַרף מען פאַרווירק־לעכן. אָבער דאָ — און ער איז געבליבן שטיין, ווי ער וואָלט זיך פאַרהאַקט...

— וואָס דאָ ? — האָט זי אים געפרעגט.

— גאַרנישט! — האָט ער געפּרוווט אָװעקטרייבן דעם געדאַנק פון זיך, און געוואָלט פאַרפירן דעם געשפרעך אויף אַן אַנדער וועג.

זי האָט געפילט, אַז דאָ איז עפּעס דאָ אַ סוד, וואָס ער קען נישט אַרויסזאָגן. און זי האָט אים גענומען מוטשען מיט פראַגעס:

— איך בעט דיר, זאָג מיר, וואָס מיינט דיין „אָבער דאָ" ?

— גוט! איך וועל דיר זאָגן! ליבע ווייסט נישט פון קיין שום סודות! ליבע מוז זיין אָפנהאַרציק, און וואָס עס זאָל נישט זיין, מוז איך דיר זאָגן, כדי דו זאָלסט פאַר מיר אויך קיין סודות נישט פאַרדעקן.

איר האַרץ האָט גענומען קלאַפּן פון שרעק. זי האָט געמיינט, אַז ווער ווייסט וואָס, אפשר האָט ער שוין אַ צווייטע ? און דאָ וועלן אַלע אירע טרוימען אַריינפאַלן אין אַ טיפן אָפּגרונט און מיטשלעפּן אַמאָל אויך זי אַליין.

— האָסט שוין אפשר אַן אַנדערע ? — האָט זי מיט שרעק אַרויסגערעדט, קוקנדיק אויף זיינע ליפּן, ווי זי וואָלט וועלן אַראָפּלייענען פון זיי דעם ענטפער.

— קיין אַנדערע האָב איך נישט! — האָט ער איר האַלדזנדיק געענטפערט — דו ביסט ביי מיר די איינציקע, וועמען איך האָב ליב מיט מיין גאַנצן האַרץ און נשמה!

— נו, איז וואָס ? — האָט זי אים קושנדיק געפרעגט — טאָ וואָס איז דאָ די שטערונג ?...

— יאָ, איך וועל דיר זאָגן, מיין טייערע! איך וויל דו זאָלסט וויסן, אַז איך בין אַ טערק פון דער נאַציאָנאַליטעט, איך בין נישט קיין קריסטלעכער טערק, און אויך נישט קיין מאַכמעדאַנישער טערק, נאָר אַ ייד!

— אַ ייד ? — לאַכט זי זיך פאַנאַנדער, און קוקט אים אָן פאַרוווּנדערט.

— „טו ערעס כודיאַ" ? דו ביסט אַ ייד ? — שטעלט זי אָן אירע צוויי פינגער ווי הערנער אויפן שטערן — טאָ אַוווּ זענען דיינע הערנער ? — טאַפּט זי אים ביי די שלייפן, ווי זי וואָלט זיך שפּילן מיט אים, און לאַכנדיק פון זיין חכמה, וועלכע זי פאַרשטייט נישט...

— גאַנץ איינפאַך — גיט ער איר צו דערקלערן — איך בין אַ ייִדיש קינד! מיינע עלטער־זיידעס האָט מען מיט פינף הונדערט יאָר צוריק אַרויסגעטריבן פון שפּאַניע, זענען זיי דאַן געקומען קיין טערקיי, און די מוטער־שפּראַך פון די דעמאָלטדיקע שפּאַנישע ייִדן איז פאַרבליבן ביי אונדז ביז היינטיקן טאָג. דעריבער קלינגט מיין שפּאַניש אַ ביסל אַנדערש. אָבער אַזוי ווי קיין פרומער בין איך נישט, איז אויב דו ווילסט, און דיינע עלטערן וועלן נישט זיין דאָקעגן, וועט אונדזער ליבע קיינעם נישט שטערן, וועלן מיר קענען חתונה האָבן אין געריכט, אויב דו וועסט וועלן.

— יאָ מיין טייערער! דו זעסט, מיר זענען אויך נישט קיין פרומע קריסטן. די מאַמע גייט ווען נישט איז אין קלויסטער, דער פאָטער כמעט ווי קיינמאָל נישט. אַז די רעליגיע זאָל זיין אַ שטערונג — קען איך זיך נישט פאָרשטעלן.

— פאַר מיר ביסטו נישט קיין ייִד, נאָר אַ מענטש! פאַר מיר ביסטו מיין אויסגעטרוימטער געליבטער, דער פאַרקערפּערטער חלום פון מיינע טרוימען־נעכט! פאַר מיר ביסטו דער מאַן און די וועלט פון ליבע און גליק!

ווען די טאָכטער האָט איבערגעגעבן דער מוטער דעם סוד פון זייער ליבע, האָט די מאַמע געלאַכט.

— דאַרפסט עס מיר נישט דערציילן, איך ווייס עס שוין פון לאַנג! אַ מאַמע זעט אַלץ! אַ מאַמע פאַרשטייט! ווען איך בין אַוועק צום דאָקטער, איז עס בלויז געווען אַ תירוץ אייך צו לאָזן אַליין, איר זאָלט זיך קענען אויסרעדן די הערצער איינער פאַרן אַנדערן...

די טאָכטער איז אַרויפגעפאַלן אויף דער מאַמען ווי אַ פּיצעלע קינד, און איר אויסגעקושט דאָס פּנים, באַגיסנדיק זי מיט טרערן פון פרייד און פון גליק.

— יאָ, מאַמע, איך האָב מיט דיר וואָס צו רעדן. דו זאָגסט, אַז דו ווייסט אַלץ, אָבער אַ מענטש, ווי קלוג ער זאָל נישט זיין, קען קיינמאָל אַלץ נישט וויסן. דאָס לעבן האָט אַזוי פיל סודות, שטערונגען, שטרויכלונגען, אַז דער קליגסטער קען זיך פון זיי נישט אַרויסדרייען!

— וואָס איז געשען? זאָג מיר, מיין טאָכטער!

— איך וועל מיט דיר רעדן וועגן אים. דו ווייסט ווער ער איז?

— זיכער ווייס איך! — ענטפערט די מוטער — ער איז אַ טערק! נו איז וואָס?

— יאָ, מאַמע, ער איז אַ טערק, ווי מיר קענען אים פון ערשטן טאָג אָן, אָבער ער איז פון דער יידישער רעליגיע, ער איז אַ „כודיאָ"!

די מוטער האָט אויסגעגלאָצט אויף איר אַ פּאָר אויגן פון איבער־ראַשונג און פאַרוואונדערונג, ווי זי וואָלט פאַרשן, צי רעדט זי דאָס מיט איר ערנסט, צי אין שפּאַס..

— וואָס הייסט אַ כודיאָ? — פרעגט איר די מוטער, און זעצט פאָר ווייטער — אַ כודיאָ איז דאָך אַ טייוול מיט הערנער! אַ כודיאָ איז דאָך דער, וואָס האָט געהרגעט אונדזער גאָט! זיי זענען דאָך שוין פון לאַנג נישטאָ אויף דער וועלט! איך לעב דאָך שוין 36 יאָר, און איך האָב נאָך קיין כודיאָ פאַר מיינע אויגן נישט געזען!... ער, דער טורקאָ, אַ בודיאָ? ווי קען עס זיין? ער איז דאָך אַ מענטש גלייך ווי מיר אַלע! ער האָט דאָך אַזעלכע איידעלע מאַניערן! ער איז דאָך אַן אייראָפּעער! וואָס מאַכסטו זיך נאַריש? האָסטו נישט געפונען פון וועמען צו שפּאַסן, נאָר פון דיין מאַמען?...

— יאָ, מאַמע, איך וויל דו זאָלסט מיר פאַרשטיין. די זאַך איז צו ערנסט איך זאָל שפּאַסן פון דעם! ער איז טאַקע אַזוי ווי דו קענסט אים. ער איז דער שיינער, דער יונגער געליבטער מיינער! אָבער לויט ווי ער האָט מיר דערקלערט, לעבן מיר אינגאַנצן אין טעות! ער איז אַ ייד, און נישט נאָר ס'איז אַ חרפּה צו געהערן צו דעם פאָלק, נאָר פאַרקערט, ער שטאָלצירט מיט דעם! זיין פאָלק האָט געגעבן דער וועלט די ביבל, גרויסע גייסטער, גאונים אויף אַלערליי געביטן. און כעסוס, אונדזער גאָט, איז אויך געווען אַ זון פון אַ כודיאָ! און דאָס וואָס מען האָט אונדז דערציילט, אַז אַ כודיאָ איז אַ טייוול, שטאַמט עס פון די פינצטערע מוחות פון דער שפּאַנישער אינקוויזיציע פון מיטלאַלטער, וועלכע האָט די יידן באַרויבט, צוגענומען זייער האָב און גוסט, און בכדי צו באַרעכטיקן זייערע פאַרברעכנס, האָבן זיי פאַרשפּרייט דעם קלאַנג

אַז דער ייד איז קיין מענטש נישט, ער איז אַ טייוול מיט הערנער!...
זיי האָבן צוגענומען פון זיי דעם געטלעכן געשטאַלט און געגעבן זיי דעם געשטאַלט פון דעם טייוול בכדי אָנצושרעקן די אומוויסנדיקע, און צו פאַרדעקן זייער רויב און פאַרברעכן!

אַ לאַנגע צייט נאָך דעם, איז די מוטער אַרומגעגאַנגען ווי אַ נישט־דאָיקע. עפּעס ווי די גאַנצע וועלט וואָלט זיך פאַר איר געביטן. דער „טורקאָ" איז אַ ייד; דער ייד איז נישט קיין טייוול, נאָר אַ מענטש, און נישט נאָר אַזוי אַ מענטש, נאָר פאַרקערט, אַ העכערער, אַ בעסערער און אַן אינטעליגענטערער! זי האָט געוואָלט זיך איינלעבן מיט דעם, אָבער עס איז איר אָנגעקומען שווער.

מיט דער צייט האָט זי שלום געמאַכט מיטן געדאַנק. זאָל זיין אַזוי! וויבאַלד איר טאָכטער ליבט אים, זאָל זיי גאָט בענטשן און זייער ליבע נישט צעשטערן!

אַז ער איז געוואָרן אַן אָפיציעלער חתן, ווען די עלטערן האָבן שוין איינגעשטימט אויף דעם שידוך, פלעגט ער קומען אָפטער, מיטברענגען מתנות, אַמאָל פאַר דער כלה און אַמאָל פאַר איר מוטער.

זיי פלעגן זיצן ביז שפּעט אין דער נאַכט אויף דער וועראַנדע. די לופט איז געווען קיל. דאָס ים־ווינטל האָט זיך געשפּילט מיט די צווייגן פון די ביימער און געווייעט אויף זיי מיט אויסטערלישע פּעכערס.

די מילדע אָוונט־לופט האָט זיי פאַרשיכורט, אָוועקגעפירט זיי אין וועלטן פון צויבער, ווו איינער צום צווייטן האָט זיך געטוליעט, אָנגע־טרונקען מיט קושן די דורשטיקע ליפּן און געצונדן פייערלעך אין די תאווה־פולע אייגן.

די שפּיל פון ליבע איז אָנגעגאַנגען אַזוי מאָנאָטן. ביז עס איז געקומען דער טאָג, ווען זיי זענען אַריין אין אַ מאַשין צוזאַמען מיט אירע עלטערן און געפאָרן אין געריכט זיך פאַרשרייבן ווי מאַן און ווייב.

נאָך דער חתונה האָט ער אויפגעהערט צו פּעדלען, ער האָט געעפנט אַ געשעפט און געלעבט זיך מיט זיין פרוי אין ליבע און גליק, ווי אַ גאָט־געבענטשטע פּאָר.

אַז עס איז געבאָרן געוואָרן דאָס ערשטע קינד, אַ ייִנגעלע, האָט

ער ביי איר געפּועלט אַז מען זאָל אים מלן, ער זאָל נישט ווערן אָפּגעריסן פון זיין שטאַם. ער האָט אין שפּיטאָל געבראַכט דעם מוהל, און צוזאַמען מיט דעם דאָקטער דורכגעפירט די אָפּעראַציע, און זיין קינד איז אַריין אין דעם בונד מיט דעם יידישן פאָלק.

יאָרן זענען געלאָפן. דאָס קינד האָט, ווי אַלע קובאַנער קינדער, קיין רעליגיעזע דערציונג נישט געקראָגן, אָבער די מאַמע פלעגט אים אַריינברענגען אין קלויסטער און אים געהייסן זיך צלמען.

דער פאָטער ווידער, האָט אים עטלעכע מאָל מיטגענומען אין דער ספרדישער סינאַגאָגע, ווו מיט אַ יאַרמולקע אויפן קאָפּ האָט אים דער פאָטער געהייסן זאָגן אויף שפּאַניש אַ תפילה פאַרן יידישן גאָט. דאָס איז געווען יום־כפור.

ביידע רעליגיעס האָבן זיך צו אים נישט געקלעפּט. אים האָט ווינציק אינטערעסירט אי דער גלח און אי דער חכם. מער פון אַלץ איז אים געלעגן אין קאָפּ די פּילקע, דער בעיס־באָל, מיט אַלע זיינע באַרימטע העלדן.

נאָך זייענדיק אין אוניווערסיטעט, האָט ער זיך פאַרליבט אין אַ סטודענטקע, וועלכע איז געגאַנגען מיט אים אין זעלבן פאַקולטעט. זיי האָבן צוזאַמען געלערנט, ראָמאַנסירט און באַשלאָסן נאָכן אַרויסקריגן די טיטלען חתונה צו האָבן.

דאָס מיידל איז געווען שיין און יונג, מיט אַלע מעלות. און ער איז געווען ווי אַ יונגער בוים, מיטן פולן זאַפט פון לעבן, וואָס וואַרט אויף זיין פרילינג פון ליבע.

ביידע עלטערן זענען איינגעגאַנגען אויף דעם שידוך. די כלה האָט אָבער געוואָלט, אַז די חתונה זאָל פאָרקומען אין קלויסטער, דער גלח זאָל מאַכן די רעליגיעזע צערעמאָניע.

דער פאָטער, יצחקי, האָט איר געפּרווט צורעדן צו אַ געריכטלעכער חתונה, אַזוי ווי ביי אים איז געווען. אָבער די כלה איז באַשטאַנען אויף אירן.

דעם חתן האָט נישט געאַרט. ער האָט אַזוי געקענט גיין אין שול ווי אין קלויסטער, אַבי צופרידנשטעלן די געליבטע.

זיין מוטער אין געווען צופרידן, וואָס איר קינד וועט חתונה האָבן ווי אַ קריסט דאָרף; נישט ווי זי, וואָס האָט זיך באַנוגנט מיטן געריכט.

אַזוי ווי ער איז געווען איינער קעגן אַלע, האָט ער גאָרנישט געקענט אויפטאָן. אין האַרצן האָט אים גענאָגט. ער האָט געפילט, אַז פּלוצלונג, נאָכן אָפּלעבן עטלעכע און צוואַנציק יאָר מיט אַ פרוי, און האָבנדיק שוין אַ קינד צו חתונה מאַכן, איז ער עלנט, איינער אַליין, קיינער פאַרשטייט אים נישט. זיין נשמה ווערט צעריסן פון פּיין, און קיינער קען אים גאָרנישט נישט העלפן...

פון אָנהויב האָט ער באַשלאָסן, אַז ער וועט צו דער חתונה אין קירכע נישט פאָרן, און ער האָט עס דערקלערט זיין זון און פרוי. זיי האָבן אים געגומען איבעררעדן, אַז עס וועט זיין אַ חרפּה פאַר דער כלהס משפּחה, ווען ער, דער פאָטער, וועט נישט קומען צו זיין איינציקן קינד אויף דער חתונה. זיי וועלן עס גאָרנישט קענען איבערטראָגן. זאָל ער שוין נישט פאַרשטערן זיין שמחה.

ער האָט אונטערן דרוק פון זיין פרוי, און איבערהויפּט פון זיין בן־יחיד, וועלכער האָט געבעטן ווי אַן אומשולדיק קינד זיין פאָטער, ער זאָל זיין ביי זיין שמחה, איינגעשטימט צו פאָרן.

ווען ער איז צוגעפאָרן מיט זיין פרוי צו דער קירך, האָט ער דערזען פאַר זיך די ליכט מיט די צלמים און די געטשקעס פאַר דער אָפענער טיר. די פיס האָבן זיך אים געגומען ברעכן, און ער איז געבליבן שטיין אויפן טרעפּל.

זיין פרוי איז אַריין מיט די איבעריקע געסט אינעווייניק. ער האָט זיך פאַרקערעוועט צו אַ זייטיקער טיר, ווו ער האָט גוט געקענט זען, ווי זיין זון שטייט מיט זיין כלה, און דער גלח גיט זיי, מיטן גלאַנציקן צלם אויף זיין ברוסט, די ברכה צו זייער הייראַט.

אין האַרצן האָט ער דערפילט אַ ריס, ווי אַן אָדער וואָלט אין אים געפּלאַצט, ווי אַ זאַך וואָס וועט זיך שוין קיינמאָל נישט קענען פאַרהיילן. און אַ פייַנלעכע ווונד האָט אין אים געברענט.

איך — האָט ער ביי זיך געטראַכט — האָב חתונה געהאַט מיט אַ קריסטין, אָבער די פאָדעם פון מיין גלויבן איז געבליבן גאַנץ. קיין גלח

האָט מיך נישט געבענטשט, און איך האָב מיין קינד, מיין איינציקן זון, געמלט, אים אַריינגעפּירט אין אַ בונד מיטן יידישן פאָלק און יידישן גאָט. אמת טאַקע, איך האָב נישט געלעבט ווי קיין ייד, אָבער קיין קריסט בין איך דאָך נישט געוואָרן!... אָבער דאָ, מיין קינד, האָט איצט אין דער קירך איבערגעריסן די פאָדעם פון תכלית, דאָס הייליקסטע און טייערסטע פון מיין פאָלק! מיט דעם, וואָס מיינע אור־עלטערן האָבן זיך געלאָזט איבער שטורמישע ימען, אויף צעבראָכענע שיפן, צו ראַטעווען זייער לעבן, אַבי נישט אָננעמען דעם קריסטלעכן גלויבן. זיך געלאָזט וואַרפן אין די אויטאָדעפעס מיטן שמע־ישראל אויף די ליפּן אין דער צייט פון דער שפּאַנישער אינקוויזיציע.

פינף הונדערט יאָר געהאַלטן הייליק און טייער דעם פאָדעם פון גלויבן און אים נישט געלאָזט אויסבייטן אויף די שוואַרצע, פאַרבלוטיקטע קרעלן פון דער קריסטלעכער קירך. און דאָ, איצט, פאַר מיינע אויגן, איז עס געשען... ער איז שוין מער נישט קיין ייד! ער געהערט שוין צו דער מחנה פון די, וואָס טרייבן און יאָגן און ברענען דעם ייד. ער איז אַריבער צו זיי!...

וואָס האָב איך געקענט טאָן? די הויפּט־שולד איז דאָך מיינע! איך האָב דאָך אים שוין אַ האַלבן קריסט אויף דער וועלט געבראַכט! האָט איצט די אַנדערע העלפט זיינע, די יידישע, דער קריסט, צוזאַמען מיט דער קריסטין, זיין געליבטע, צוגערויבט. און אויס ייד! איבערגעריסן דעם פאָדעם אויף אייביק!...

ווען מען איז אַרויס פון דער קירך, און זיך אַריינגעזעצט אין די מאַשינען צו פאָרן אַ היים, האָט מען זיך אַרומגעזען, אַז דער פאָטער פעלט... די פרוי איז אַרומגעלאָפן אים זוכן. זי האָט אים געפונען שטייענדיק אָנגעשפּאַרט מיטן קאָפּ אין דער וואַנט פון קירך, ווי אַן אונטערגעזעגטער בוים, אין וועמענס אויגן האָבן זיך אויפגעריסן פאַר־שטיקטע טרערן־קוואַלן פון דורות, וועלכע האָבן דערפילט, אַז זייער קדושה, זייערע קרבנות, זייערע יסורים פון טויזנטער יאָרן פון יידישן גלויבן, איז איבערגעריסן געוואָרן.

דעם פֿאַדעם פֿון תכלת האָט דער שאַרף פֿון דעם צלם איבער־געהאַקט, און שוואַרצע פֿאַטשערקעס, איינגעטונקט אין יידיש בלוט, פֿאַרנעמען זיין אָרט...

אַ סוד פון ים...

מאַקס האָט געטריבן זיין מאַשין אויפן פעד־שוואַרצן שאָסיי, וועלכער איז געווען צעגליט פון דער זון, איבער די בערג פון אָריענטע.

די מאַשין האָט זיך געשלענגלט צווישן די בערג אַלץ העכער און העכער. ער איז געפאָרן און געפאָרן, און אים האָט זיך אויסגעדוכט, אַז ער שטייט אויף איין אָרט.

אַ פּרעכטיקע פּאַנאָראַמע האָט זיך פונאַנדערגעוויקלט פאַר זיינע אויגן: אונטן איז אַ טיפער טאָל, „קאַרידאָר דעל קאָברע״. מען זעט אַרויס בלויז דעם קלויסטער, ווי ער וואָלט געשטאַנען און זיך גערייצט מיט די דורכפאָרער: איר זענט אַריינגעפאַלן אין אַ כישוף־קרייז! איר וועט פון דאַנען שוין נישט אַרויסגיין !...

דאָ, אין טאָל, דאַכט זיך איז שוין נאַכט. שוואַרצע שאָטנס פון די בערג לויערן אַרום און וואַרפן אָן אָן אימה.

און אין דער הויך, איבער די שפּיצן פון די בערג, זאַלבט נאָך די זון אירע לעצטע שטראַלן, ווי זי וואָלט זיך געקלאַמערט מיט אירע שפּיצבערגער אָן די בערג, נישט וועלנדיק פאַרזינקען אין תהום פון דער נאַכט.

אָט די ליכט־און־שאָטן שפּיל פון בין־השמשות, צווישן בערג און טאָל, האָט מאַקסן פאַרשיכורט.

דער שאָסיי, וועלכער ציט זיך בויגל־אַרטיק אויף די ראַנדן פון די בערג, אַרום „קאַרידאָר דעל קאָרבע״, לויערט מיט שרעק פון די זיפן און מוטיקט מיט דער גראַנדיעזקייט פון אַרום, זעט אויס ווי אַ

געשלאָסענער קרייז, פון וועלכן דו וועסט זיך שוין קיינמאָל פון אים באַפרייען...

אַ ווייכע, סאַמעטענע בלויקייט שפּינט זיך איבער די גרין־באַדעקטע פּאַלמען־בערג.

די מאַשין רייסט, וויל זיך באַפרייען פון די בערג און די שאָטנס, וואָס קנוילן זיך ווי שוואַרצע געוואַנטער. נאָר אינמיטן, ווי דורך אַ שפּאַלט, לייכט אויף פּאָר דיר, פּאָר אַ צענדליק קילאָמעטער פון דער ווייט, אַ ברילליאַנטענער האַלז־באַנד, וואָס מינעט אויף אַן אומזעבאַרער געטלעכער האַנט, וועלכע איז אויסגעשטרעקט אַנצוטאָן עס אויף דעם שלאַנקן האַלז פון אַ בת־מלכה, ערגעץ צווישן די בערג — דאָס איז סאַנטיאַגאָ דע קובאַ.

זי ליגט אויסגעשפּרייט צו־פוסנס דעם קאַריבישן ים. שמאָלע געסלעך אויף בערג און אין טאָלן. דאָס רוב הייזער געבויט אין שפּאַנישן קאָלאָניאַלן סטיל, דיקע ווענט, שווערע טירן, פאַרגראַטעטע פענצטער אָן שויבן, עס זאָל אַריינגיין לופט און באַשיצן אירע איינוווינער.

די שטאָט שטייט אַרומגערינגלט מיט ריזיקע בערג, וועלכע מען זעט אַרויס כמעט פון יעדער גאַס און געסל. זיי דערמאָנען דעם מענטשן, אַז ער איז אַ קינד פון דער נאַטור, און מאַכן אים נאַטירלעכער, אָפנהאַרציקער, פריינטלעכער, פאַרטרייבן די גרויס־שטאָטישע אָפּגע־שלאָסנקייט און קאַלטקייט, וואָס יאָגט פון די גרויע ווענט.

מאַקס איז אָנגעקומען אין שטאָט, זיך דורכגעשפּאַרט די שמאָלע געסלעך, פאַרפאָרן אין האָטעל. האָט ער פריער פאַר אַלץ אָנגעקלונגען אין טעלעפאָן צו זיין קובאַנער געליבטער, און איר איינגעלאַדן צו גיין מיט אים אין אָוונט אין קינאָ. זי האָט אים געענטפערט, אַז די מאַמע לאָזט זי נישט, נאָר מאָרגן וועלן זיי זיך טרעפן אויף דער פּלאַזשע פון „סיבאָנעי”.

אויפן ווייסן זאַמד איז זי געלעגן מיט איר ווייסן באָד־אַנצוג, פון וועלכן עס האָט זיך אַרויסגעשיילט איר ברוינער קערפּער, ווי געגאָסן פון בראָנז.

אירע גרויסע, שוואַרצע אויגן, מיטן געשניצטן נעזעלע אויפן קיילעכ־

דיקן פּנים, אונטער דעם שאָטן פון אירע כוואַליעדיקע קאַשטאַנען־האָר, האָבן געגליט מיט פאַרבאַהאַלטענעם פייער... איר דינער קערפּער מיט די צייטיקע בריסטן און פולבלעכע היפּטן, האָבן גערייצט יעדן פאַרבייגייער.

מאַקס איז געקומען, אַ וואָרף געטאָן זיינע בליקן איבער די הונדערטער פרויען, וואָס זענען געלעגן ביים ברעג ים, און זי נישט באַמערקט. איז ער געגאַנגען זוכן זי אין ים, אפשר באָדט זי זיך שוין דאָרט.

זי האָט אים דערזען. האָט זי געהייסן איר שוועסטערל זאָל אַוועק־טראָגן אירע הילצערנע שיך צו דער מאַמען, וועלכע איז געזעסן פון פאַרנט, אין קלוב, אונטערן שאָטן, בכדי זיך נישט צו פאַרברענען פון דער זון.

זי איז אַריינגעשפּרונגען אין ים, זיך אַ לאָז געטאָן אונטערן וואַסער. מאַקס האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ פון וואַסער, זיך אַרומגעקוקט פון אַלע זייטן, געזוכט — און פון וואַסער אַרויס האָט אויפגעטויכט אַ יונגער פּנימל באַגאָסן מיט זון און צעשטראַלט פון יוגנטלעכע פרייד.

— האַלאָ, איך זוך דאָך דיך אַרום! אַוווּ ביסטו געווען? — האָט ער שווימענדיק זיך אַ לאָז געטאָן צו איר.

— פאַרזיכטיק! — האָט זי אַ מאַך געטאָן מיטן האַנט צו אים — די מאַמע זיצט דאָרטן, זי וועט נאָך באַמערקן!...

— קום, וועלן מיר שווימען ווייטער אין דעם ים אַריין! — האָט ער זיך צו איר געוועגדעט.

ביים ברעג האָבן די כוואַליעס זיך געשפּילט מיט די מענטשן. זיי אַרויסגעוואָרפן ווי שפּענדלעך אויפן זאַמד. אַנדערע האָבן זיך צוגעהאַלטן ביים שטריק, וואָס איז געווען צוגעבונדן צום טראַמפּלין, און זיך געראַנגלט מיט די כוואַליעס, זיך נישט געלאָזן אויסשפּייען פון ים.

מאַקס און לאַליטאַ זענען אַוועקגעשוווּמען ביי אַ פופציק מעטער פון ברעג. די כוואַליעס האָבן זיי געהוידעט אַרויף און אַראָפּ, און זיי האָבן זיך, ווי נישט ווילנדיק, אַנגעשלאָסן איינער אָן דעם צווייטן, באַרירט זייערע זון־פאַרברענטע קערפּערס, ווי צופעליק... נישט וויל

זיי האָבן אַזוי געוואַלט, נאָר דער ים האָט עס זיי ביידן אַזוי צונויפֿ־געבראַכט שפּילעוודיק...

פון דעם לינקן זייט ברעג שניידט זיך אַ הויכער באַרג, וועלכער זעט אויס ווי אַ שטורעם וואָלט אָפּגעריסן פון אים אַ העלפט, און ער שטאַרצט מיט זיין איבערגעשניטענער נאַקעטקייט און וואַרפט אַ שאָטן אויפן ים־ברעג.

זיי האָבן זיך פֿאַרקירעוועט הינטערן באַרג, צוגעשווומען צום ברעג, וואָס איז געווען פֿאַרשטעלט פון אַלעמען, און זיך געלייגט אָפּרוען אויפן זאַמד.

זיי האָבן זיך גענומען שפּילן מיטן זאַמד, ווי קליינע קינדער. קלייבן מער קעפּלעך, דורכזיפּן דעם זאַמד צווישן די פינגער, און ביסלעכווייז, שפּילעוודיק, זיך אַזוי צוגערוקט איינער צו דעם אַנדערן, אַז זיי האָבן דערפּילט דעם שטראָם פון בלוט איינער ביים צווייטן. און מאַקס האָט וואַרפנדיק אַ בליק אויפן ים, צי עס פּאַרט נישט קיינער אויף אַ שיפֿל, זיך אַרויפגעוואָרפן אויף אירע צעגליטע ליפּן, אַרויינגענומען איר אין זיינע זון־פֿאַרברענטע אָרעמס, און איר פֿאַרשאָטן מיט קושן, ווי דער ים דאָס זאַמד...

זי האָט פון אָנהויב זיך ווי געווערט, געוואָלט אַרויסרייסן פון זיינע אָרעמס. אָבער דער הייסער אָטעם זיינער האָט איר ווי צעטומלט, זי האָט זיך פֿאַרלאָרן און זיך אונטערגעגעבן צו אירע געפילן, וועלכע זענען געווען פֿאַרשלאָסן, און זיך אַרויסגעריסן פון אָפּגרונט, און זיך געלאָזן ווי די כוואַליעס צום בענקענדיקן ים, און אים נאָך שטייפער פֿאַרצויגן מיט אירע שלאַנגישע אָרעמס, און נישט אַרויסגעלאָזט אירע ליפּן פון זיינע.

אָנגעזעטיקט מיט קושן פון ליידנשאַפֿט, מיט צעפּלאָמטע פּנימער און צעשטראַלטע אויגן פון אויפגעריסענע קוואַלן פון יוגנט און גליק, האָבן זיי זיך ביידע גלייך, ווי פון אַ בויגן אויסגעשאָסן, אַריינגעוואָרפן אין ים, אַ ניורקע געטאָן, און אַרויסגעריסן די קעפּ פון די כוואַליעס באַגאָסענע מיט זון, פון וועלכע עס האָבן געוונען טראָפּנס פון פּערל.

זי איז צוגעשווומען צום ברעג, זיך געגאַנגען וויזן פֿאַר דער

מאַמען, זי זאָל זי גאַרנישט חושד זיין. זי האָט זיך כלומרשט געפֿאַרעט ביים ראַדיקול, אָבער אַזוי ווי די מאַמע האָט איר גאַרנישט געפֿרעגט, ווייל זי האָט דאָך געזען, אַז איר קינד באָדט זיך, האָט זי גאַרנישט גערעדט און ווידער אַוועק אין ים אַריין.

פֿאַרנאַכט. דער ים ווערט אָנגעגאָסן מיט צעשמאָלצענעס גאָלד, אין וועלכן די זון גיסט מיט דער פֿולער האַנט. די כוואַליעס רייצן זיך, ווי זיי וואָלטן מיט קנוילן פֿון גילדערנע פֿעדים פֿאַרשפּונען דעם ים, און פֿאַרצויגן כישופֿדיקע נעצן צו פֿאַנגען אין זייערע אָרעמס.

מאַקס און לאָליטאַ ליגן אונטערן שאָטן פֿון באַרג, און זי גיסט אויס איר האַרץ פֿאַר אים:

— איך קען דיך שוין באַלד דריי יאָר צייט. פֿון דעם ערשטן מאָמענט, וואָס איך האָב דיך דערזען אין קאַפֿע, אַנטקעגן מיין טיש, האָב איך דערפֿילט אין זיך אַ ציטער, ווי אַ סטרונע וואָלט זיך אויפֿגעכאַפּט אין מיין האַרץ און אָנגעהויבן צו שפּילן. איך האָב דעמאָלסט נאָך אַליין נישט געוווּסט דעם באַדייט פֿון דעם, אָבער וואָס מער איך האָב מיט דיר זיך באַקענט, האָב איך דערפֿילט, אַז דאָס שפּילט אין מיר דאָס ליד פֿון ליבע. און וואָס אַמאָל פֿיל איך ווערט עס שטאַרקער, הייסער, טיפֿער, ווייטאַקדיקער. און איך קען זיך נישט העלפֿן. וויפֿל איך זאָל עס נישט וועלן פֿאַרשרייען אין זיך, פֿאַרטויבן אָט דאָס ליד, פֿאַרגעסן די בענקשאַפֿט — רייסט עס זיך נאָך העכער, מאַכט עס מיך נאָך ווילדער... איך וואָלט דאַן, געפֿלויגן, דוכט זיך, פֿון סאַנטיאַגאָ קיין האַוואַנאַ, אַבי דיך נאָך אָנצוקוקן... איך ווייס נישט צי דו ווייסט עס, צי דו פֿילסט עס, אָבער פֿאַר דער צייט וואָס דו ביסט נישטאָ, וואָס דו פֿאַרסט אַרום, דוכט זיך מיר, אַז איך לעב נישט, איך עקזיסטיר נישט. און אַלץ וואָס איך טו, איז ווי אַן אויטאָמאַט. איך גיי אַרום אין שטוב ווי אַ נישט-דאָיקע, ווי אַ שאָטן, ווי אַ פֿרעמדע! אַלע לאַכן פֿון מיר, אָבער איך קען זיך נישט העלפֿן! וויפֿל איך זוך, מיטן כּוח פֿון געדאַנק, זיך צו נעמען אין די הענט אַריין, פֿאַל איך אין אַנמאַכט — אַזוי שטאַרק איז מיין ליבע צו דיר!... דו ווייסט עס כאָטש, צי נישט? וויפֿל מאָל דוכט זיך מיר, אַז טאָמער וועט דיך אַ צווייטע פֿרוי פֿון מיר אַרויסכאַפּן,

װעל איך דאָס נישט אַריבערטראָגן. װעל איך זוכן מיט דיר זיך צו פאַראײניקן טויטערהײט, אויב עס װעט נישט זײן באַשערט מיר לעבע־דיקערהײט... נײן, ס'איז נישטאָ קײן קראַפט אין דער װעלט, װאָס זאָל מיך פון דיר קענען אָפּרײסן, אַפילו נישט דער טויט!... זאָג מיר, טײערער מאַקס מײנער, װען װעט זײן דער גליקלעכער טאָג אין אונדזער בײדנס לעבן, װען מיר װעלן אונדזערע געפילן און געדאַנקען נישט דאַרפן פאַרבאַהאַלטן, נאָר קענען איבערלעבן צוזאַמען זײן, װי מאַן און װײב ?...

— דער טאָג איז נישט װײט! — האָט ער איר געענטפערט, און אַ ציטער איז דורכגעלאָפן, װי אַ בײזער רוח, איבער זײן לײב. ער האָט מיט זײנע בליקן געגרונטעװעט אין אירע אויגן, געפאָרשט, צי זי האָט דעם ציטער נישט באַמערקט.

זי האָט אים נאָך הײסער אַרײנגענומען איר אירע אָרעמס, צוגעטוליעט אירע צאַפּלדיקע ברוסטן צו זײנע, און אים פאַנאַדערגעעפנט איר האַרץ, װי אַ שעמעװדיקע בלום, װאָס איז פול מיט ליבע־ריחות, און אים עס איבערגעגעבן דורך קושן, װי מיט האָניק אויף די ליפּן...

זײ האָבן זיך אָפּגעזעגנט. זײערע טרערן האָבן זיך צונויפגעמישט אין בײדנס פאַרשלאָסענע ליפּן, און זײ האָבן זײ אַראָפּגעשלונגען װי ביטערע פּילן.

אויף מאָרגן האָט מאַקס געטריבן זײן מאַשין שוין אַהײם, קײן האַװאַנאַ.

✶

אין אײנעם פון די פּאַרטאַװע, שמאָלע געסלעך, דאָס רוב פון אײנשטאָקיקע אָפּגעבליאַקירטע מויערן, װױנט זײן כלה פּערליטאַ.

אין אָװנט האָט ער זיך אויסגעפּוצט אין זײן װײסן פלאַנעלענעם אָנצוג, מיט דער װײסער העמד און רויט־בלומיקע בינדע, און געגאַנגען מאַכן אַ סיורפּריז זײן כלה.

ער האָט אָנגעקלאַפּט אין טיר, און זי האָט אים אויפגענומען, אַביסל אַ צעשראָקענע, פון זײן פּלוצלונגדיקן אָנקום, מיט אירע שטילע, פאַר־

חלומטע בלויע אויגן, און אַ ווייס־ראָזינקן פּנימל, אונטער אַ קרוין פון גאָלדענע בלאָנדע האָר, מיט שטילע, איינגעהאַלטענע קושן, וואָס זאָלן נישט אַרויסגעבן אירע פאַרבאַהאַלטענע פלאַמען פון ברוסט.

זיי האָבן זיך אַוועקגעזעצט אויף דער געבעטער סאָפע, אונטער דעם ראָזן שיין פון אַבאַזשור פון שטייענדיקן לאָמפּ, וועלכער האָט געוואָרפן אַ ראָזלעכע ליכט אויף זייערע פּנימער, און אָנגעפילט דעם צימער מיט אַ ראָמאַנטישער אַטמאָספערע, ווו עס בליִען די בלומען פון ליבע.

— דו ווייסט, די צייט איז קורץ, מען דאַרף באַשטעלן די בילעטן צו דער חתונה. מיר האָבן דאָך אָפּגערעדט, אַז גלייך ווי דו וועסט קומען פון דער איצטיקער רייזע, נאָך דער „סאַפּרע״, וועלן מיר חתונה האָבן. איז דאַרפן מיר באַשטימען דעם דאַטום, און זיך גרייטן צו פאַרווירקלעכן אונדזער גרויסן טרוים!...

— יאָ, מיין טייערינקע פּערליטאָ — האָט ער גלעטנדיק די זיידענע האָר פון איר קאָפּ, וועלכע איז געלעגן אָנגעשפּאַרט אויף זיין ברוסט, און זיך געגרונטעוועט מיט אירע בלויע אויגן אין זיינע שוואַרצע, ווי דער בלויער הימל אין דעם שוואַרצן גרונט — דו ווייסט גאַנץ גוט ווי איך האָב דיך ליב. און איך וועל מיין וואָרט האַלטן. גאָט צו דאַנקען, איך האָב אין דער „סאַפּרע״ אָפּגעשפּאָרט עטלעכע טויזנט דאָלער, און מיר וועלן קענען גליקלעכע גיין צו דער חופּה.

אַ וואָך פאַר דער חתונה זענען זיי געגאַנגען אין חתונה־זאַל אויף רעפּעטיציע, צוזאַמען מיט זייערע דאַמען און אונטערפירערס.

דער פּיאַניסט האָט געשפּילט דעם חופּה־מאַרש און דער צערעמאָניע־מייסטער האָט זיי געלערנט ווי צו גיין צום טאַקט פון דער מוזיק, שטיל, געלאַסן, מאַיעסטעטיש, אָט אַזוי ווי אַ קעניגין שפּאַנט מיט געמאָסטענע טריט צו באַטרעטן איר טראָן...

— נאָך אַ וואָך — האָט זי לאַשטשענדיק זיך צו אים אַ נויג געטאָן — וועט די רעפּעטיציע זיין אַווירקלעכקייט. מער נישט ווי אַ וואָך! אַ, ווי לאַנג זי זעט מיר אויס צו זיין! — האָט זי ווי אַ ציטער געטאָן פאַר אירע אייגענע רייד.

— נאַרעלע, עס וועט אַריבערלויפן, אַז מיר וועלן זיך גאַרנישט אַרומזען, און מיר וועלן זיין די גליקלעכסטע פּאָר אויף דער וועלט! — האָט ער זי צוגעדריקט צו זיך ווי געבנדיק איר שוץ און פאַרזיכערונג פאַר איר אומבאַוווסטער שרעק.

— איצטער דאַרפט איר נישט מאַכן קיין שטיק! — האָט דער צערעמאָניע־מייסטער אויסגערופן, און זיך אַ לייכטן בייזער געטאָן. — גייט נאָך נאָכן טאַקט פון דער מוזיק, און מאַכט ניט קיין קונצן. דאָס לאָזט אויף שפּעטער! — האָט ער שמייכלענדיק אַרויסגערעדט, ווי ער וואָלט וועלן פאַרווישן די ערנסקייט פון זיין פריערדיקן בייזערן זיך.

✶

שבת פאַרנאַכט. די כלה זיצט אין איר קימאָנע אָן אויסגעפּוצטע. די גאָלדענע לאָקן פאַרקאָמט. עס פעלט נאָר אַרויפצוזעצן די קרוין אויפן קאָפּ.

אירע חברטעס זענען געקומען איר העלפן זיך אָנטאָן. דאָס זיידענע ווייסע חופּה־קלייד ליגט אויסגעצויגן אויפן בעט, עס זאָל זיך נישט צעקנייטשן. דער בוקעט בלומען שטייט אויפן טיש און וואַרט, אַז די כלה זאָל אים אַריינגעמען אין אירע הענט און פאָרן מיט אים צו דער חופּה.

עפּעס אַן אומרו, פילט זיך, שוועבט אַרום צווישן די ווענט. קיינער אָנט נישט וואָס דאָס איז. די צייט לויפט. די שטערן רייסן זיך אַריין דורך די פענצטער און ווינקען זיך איבער...

די כלה איז אומגעדולדיק. זי וואַרט מען זאָל איר שוין הייסן אָנטאָן דאָס חופּה־קלייד און פאָרן צו באַגעגענען דעם קליקלעכסטן אוונט פון איר לעבן.

דער גרויסער חתונה־זאַל איז אויסגעפּוצט מיט אַ ריי לאַנגע טישן, איבערגעצויגן מיט ווייסע, בלאַנקע טישטעכער, באַפּוצט מיט בלומען, וועלכע ציִען זיך ווי גירלאַנדעס, וואָס זוימען זיי אַרום.

פון צייט צו צייט פאָרט צו אַ מאַשין. עס טאַנצט אַרויס אַ פּאָרל אין באַלאָווע קליידער און לויפט שנעל אַרויף די טרעפּ צום זאַל.

אין דרויסן, אַנטקעגן דעם חתונה־זאַל, קלייבן זיך קופּקעס מענטשן און שושקען זיך צווישן זיך.

מאַשינען נאָך מאַשינען קומען אָפּטער מיט אויסגעפּוצטע חתונה־געסט. און דאָ, די קופּקעלעך אַנטקעגנאיבער, ווערן וואָס אַמאָל אַלץ מערער. מען מורמלט: דער חתן איז נישטאָ...

די צייט, זי שטייט נישט אויף איין אָרט, זי לויפט. וואָס אַמאָל קומען אַלץ מערער געסט. אָבער נישט די מחותנים און אויך נישט די נאָענסטע פאַמיליאַרן פוןביידע משפחות זעט מען.

דער מורמל פון דרויסן האָט זיך אַריינגעגנבעט אין זאַל. אַ דינער טרויער נעמט זיך וועבן צווישן די אויסגעפּוצטע חתונה־טישן מיט די עלעגאַנט געקליידעטע געסט, און וואָס אַמאָל ווערט ער אַלץ דיקער. עס נעמט זיך עקבערן אין האַרצן אַ חשד, וואָס מען ציטערט עס אַרויפּ־ברענגען אויף די ליפּן. אָבער עפּעס נאָגט. אַ שטילער ציטער רייסט זיך פון זיך אַליין און יעדער איינער פאַרשט אין צווייטנס אויגן, וויל עפּעס דערגיין, און קריגט קיין ענטפער.

די נאַכט ווי אַ שוואַרצע שפּין, שפּרייט זיך אויס איבער די בלישטשעדיקע קאַנדעלאַברעס און וואַרפט אַן אימה אויף די אויסגעפּוצטע געסט, וועלכע וואַלטן וועלן אַרויסטאַנצן פון זייערע באַלאַווע קליידער און אַנטלויפן ערגעץ פון זיך אַליין...

*

מאַקס איז אין טאָג פון זיין חתונה אויפגעשטאַנען אינדערפרי, און געפאָרן, ווי יעדער טאָג, זיך באָדן אין ים.

ער האָט זיך אָוועקגעלייגט אויף דעם הייסן זאַמד, זיך געוואַרעמט אין די מילדע שטראַלן פון דער זון, און נאָכדעם אַריינגעשפּרונגען אין ים אַריין, ווי ער האָט ליב געהאַט. ער איז געשווומען אונטערן וואַסער געניורקעט טיף, געוואָרפן קלאַפּטער מיט זיינע זון־פאַרברוינטע שטייפע אָרעמס, זיך געשפּילט מיט די כוואַליעס, וועלכע האָבן אים געטראָגן ווי אַ גוטן ברודער אויף זייערע פּלייצעס. און אַז ער האָט זיך געהאַט גוט אָנגעשטיפּט, איז ער אַרויס עסן מיטאָג.

אויף אַ קיילעכדיקן טישל, אונטערן שאָטן פון אַ בלויען זון־שירעם, האָט אים דער קעלנער געגרייט זיין ביפשטעק, מיט די ברוינע קאַרטאָ־פּעלעך, ווי ער האָט ליב געהאַט. אַ פרישער גרינס־סאַלאַט, נאָר־וואָס פון אייזקאַסטן אַרויסגענומען, מיט רויטע פּאָמעדאָרן, האָבן זיך געשפּילט אין דעם ווייסן טעלער. אַן אָפּגעבראַטענער עפּל איז געלעגן בייט זייט אין אַ טעצעלע מיט זיין צעקנייטשטער שאָל, וואָס האָט אויסגעזען ווי ווי אַן אָפּגעברענטער צעקנייטשטער פּנים פון דער זון. ביי דער לינקער זייט איז געשטאַנען אַ פולע שוימיקע גלאָז ביר, וואָס האָט מיט איר גאָלדענעם רייץ גערופן צו מאַכן לחיים.

אַז ער האָט זיך אויפגעשטעלט האָט דער קעלנער זיך געדרייט אין דרייען, ווי ער וואָלט נישט וויסן ווי אים אָפּצודאַנקען פאַרן גוטן טיפּ, וואָס ער האָט אים געגעבן. און מאַקס האָט זיך געלאָזט שפּאַצירן אונטערן שאָטן פון די בוימער.

פאַרנאַכט־צו האָט ער געדונגען אַ שיפל און זיך געלאָזט אין אָפענעם ים אַריין.

ווייט פון ברעג, אַרומגערינגלט פון דעם בלויען וואַסער, זייענדיק מיט זיך אַליין, האָט ער פונאַנדערגעוויקלט דעם פּלאַנטער פון זיין האַרץ און מוח.

אָט באַלד, נאָך אַ פּאָר שעה, וועל איך דאַרפן גיין צו דער חופּה מיט פּערליטאַן. זי זיצט דאָרטן און פּוצט זיך ווי אַ כלה און ציילט די מינוטן, וועלכע ציִען זיך איר ווי יאָרן.

און דאָרט, אין סאַנטיאַגאָ, שטייט פאַרחלומט לאַליטאַ און קוקט אויס אירע אויגן פון בענקשאַפט איבער די ווייטע בערג, און קלערט וועגן מיר...

אָ, וואָס טו איך דאָ?! פאַרוואָס זאָל איך לאַליטאַן פאַרראַטן? פאַרוואָס זאָל איך איר אַזוי פיל ווייטאָק פאַרשאַפן? פאַר דעם וואָס זי האָט מיר אַזוי פיל ליבע געגעבן?!... פאַר דעם, וואָס זי טראָגט מיך פיר און צוואַנציק שעה פון מעת־לעת אין איר ברוסט?!... ווי וועט זי עס איבערטראָגן?!...

און דאָ, וואָס זאָל איך טאָן? זאָל איך נישט גיין צו דער חופּה?...

דריי יאָר צייט האָב איך געצויגן. מער האָב איך נישט געקענט. איצטער איז שוין צו שפעט! איך מוז גיין צו דער חופה!

עס האָט שוין גענומען רודערן דאָס שיפל צוריק צום ברעג. אַ צעטומלטער פון די אַלע פראַגעס, וועלכע האָבן אים געשלאָגן אין מוח, ווי די כוואַליעס אין שיפל, און נישט געפינענדיק קיין ענטפער, איז אים אַרויף אין זכרון די לעצטע רייד פון לאַליטאַן, וואָס האָט מיט טרערן אין די אויגן, ליגנדיק מיט אים אויפן ברעג פון ים, געזאָגט: „וויפל מאָל דוכט זיך מיר, אַז טאָמער וועט דיך אַ צווייטע פרוי פון מיר אַרויסכאַפן, וועל איך דאָס נישט אַריבערטראָגן, וועל איך זוכן מיט דיר זיך צו פאַראייניקן טויטערהייט, אויב עס וועט נישט זיין באַשערט מיר לעבעדיקערהייט"...

און וואָס וועט זיין, אַז זי וועט זיך דערוויסן? זי, מיט איר הייסן אָריענטאַלישן בלוט, וועט זיך פאַר קיין זאַך דאַך נישט אָפּשטעלן! זי וועט האַלטן איר וואָרט, און קומען מיט מיר זיך פאַראייניקן טויטערהייט! און די כלה וועט בלייבן אַן אַלמנה, און אפשר נאָך מיט אַ קינד אין איר טראַכט?...

נו, וועט דאַן זיין בעסער? וועל איך האָבן פאַראומגליקלעכט דריי, אויב נישט פיר פערזאָן...

אפשר וואָלט איך געזוכט אַ מיטל, ווי אַזוי זיי אַלעמען צו באַפרייען פון דער טראַגעדיע און איך אַליין זאָל זיין דער קרבן?.. וועלן זיי אונטערליידן אַ שטיקל צייט, און אַלץ וועט נאָכער פאַרגעסן ווערן. און ביידע, מיינע געליבטע, וועלן זיך אויפזוכן זייערע באַשערטע, און נאָכדעם לעבן גליקלעך...

פאַרוואָס זאָל איך דערפירן צו אַן אומגליק פון נאָך צוויי פערזאָן, און פון אַזעלכע, וואָס וואָלטן זייער לעבן אַוועקגעגעבן פאַר מיר, פאַרוואָס זאָל איך נישט אַוועקגעבן מיין לעבן פאַר זיי?...

און פילנדיק, אַז ער שטייטביים ראַנד פון צו לייזן דאָס פּראָבלעם, מורא האָבנדיק, אַז ער זאָל שפעטער נישט חרטה האָבן, האָט ער זיך געגעבן אַ וואָרף אַריין אין ים, זיך אַרונטערגעלאָזן טיף, טיף. געשווומען מיט די לעצטע כוחות אַראָפּ, אַראָפּ צום גרונט... ער זאָל זיך אַליין

נאכער נישט קענען ראַטעווען, ווען די לעצטע מינוטן פון לעבן זיך נעמען ראַנגלען מיט אים און אים וועלן אַרויפברענגען אויף דער אויבערפלאַך...

די כוואַליעס האָבן צום ברעג, אַ לײדיק שיפל געבראַכט... און ערגעץ האָט זיך געוויגט אַ וויאָסלע אויפן וואַסער ווי אַ שטומער עדות, ווי אַ שווימענדע מצבה נאָך אַ דערטרונקענעם...

ס'איז מיטן נאַכט. ביים ברעג פון דער פלאַזשע שטייען מענטשן און וואַרטן מיט אומגעדולד אויף יעדער פישערמאַן, וואָס קומט מיט זיין שיפל צום ברעג.

די פישערלייט שניידן דעם ים אונטער דעם ליכט פון די שטערן, וועלכע רייצן זיך מיט אים: אָט דאָ ליגט ער... זיי שווימען צו, דערזעען זיי, אַז דאָס איז אַ שפּיל אַזאַ פון שטן. אָט דאַכט זיך זעען זיי אים, און אַז זיי דערגרייכן, איז עס נישט מער ווי אַ שאָטן פון אַ כוואַליע, ווי אַ צונג פון אַפּגרונט, וואָס לאַכט אַלץ און אַלעמען אויס...

*

אין גרויסן חתונה־זאַל הערט מען, דאַכט זיך, ווי די ווייסע טישן וויינען, פאַרוואָס מען האָט זיי פאַרשעמט...

די בלומען זיפצן אין זיך איינגעהאַלטן, ליגן אויסגעשפּרייט ווי אויף אַ קבר. זיי קלאָגן אויף זייער פינצטערן מזל, וואָס פריער האָבן זיי זיך געפרייט — מיר וועלן זיין דער בוקעט בלומען פון דער כלה! מיר וועלן אויספלעכטן בלומענקראַנצן אַרום די טישטעכער פון די חתונה־טישן! און צום סוף דאַרפן מיר גאָר זיין טרויער־בלומען אויף אַן אומבאַשטימטן קבר... פון אַ חתן אין דער נאַכט פון זיין חופּה...

אַ שטילער זומערדיקער אָוונט. יונגע פּאָרלעך זיצן פאַרליבטע ביים ברעג ים, צוגעטוליעטע איינער צום צווייטן, און גנבענען אַריין קושן ווען קיינער באַמערקט נישט...

אין דער הויך ווימלען די שטערן און ווינקען זיך איבער אויף זייער הימלישן לשון, די סודות פון דעם אוניווערס.

דאַן טוליען זיך מערער אַיין די פאַרליבטע, און אַ קאַלטער ציטער

נעמט זיי אַרום. און פּאָר זייערע אויגן, ווי פון טונקלען האָריזאָנט, פון דעם נאַכטיקן ים אַרויס, פון טיפן אָפּגרונט, שווימט אַרויס מאַקס, אַן אויסגעפּוצטער אין זיינע חתונה־קליידער, און נעבן אים גייט די כלה אין איר ווייסער לאַנגער חופּה־קלייד, און הינטער זיי אַלע געסט, אויסגעפּוצטע, יום־טובדיקע, מיט ליכט־צעשטראַלטע פּנימער. און פאַרויס לויפן די כוואַליעס, ווי קליינע קינדער, וואָס טראָגן בוקעטן פון ווייסע גלאַדיאָלן. לויפן און שטיפן, זינגען און טאַנצן, צום טאַקט פון מוזיק, וואָס קומט פון טיפן תהום אַרויס און רייסט ביז צו די ווייטסטע שטערן, וועלכע ברעכט דאָס האַרץ...

אין די כוואַליעס קנוילן זיך אַלץ נענטער און נענטער, און טאַנצן צו צום פעלזיקן ברעג, נעמען אים אַרום, ווי מחותנים, וואָס פאַלן אַרויף איינער אויפן צווייטן נאָך דער חופּה, און צעקושן זיך מיט אים, און שעפּטשען מיט שוימיקע ליפּן:

— מזל־טוב !... מזל־טוב !...

צו כל נדרי...

פון אַלע זייטן האַוואַנאַ האָבן זיך געצויגן יום־טובדיקע יידן, ווייס און העל געקליידעט, צו כל נדרי. שטיקער זון האָבן געוויקלט אַרום זיי בלענדיקע טליתים און פאַרהילט אין אַ צויבערלעכן שקיעה־שיין.

אויפן הימל האָט אַ סימפאָניע פון פאַרבן, אויף דין־דינע פייפּלעך, פאַסטוך־אַרטיק, זיך צעשפּילט מיט אַ שלל פון קאָלירן, ווי בענקענדיקע טענער פון אַ פאַרחלומטע פּאַווע־וואָלקנס, וואָס לייזן זיך אויף...

אַ פּאַרשפּעקטיקטער, איז יאָסל דער פעדלער מיט אַ טלית־זעקל אונטערן אָרעם אַריבער די שוועל פון דער שול. צוויי קובאַנער, קאָנטראָלאָרן, וואָס זענען געשטאַנען אין קאָרידאָר ביים אַריינגאַנג, האָבן אים פאַרהאַלטן און געבעטן אַ בילעט.

אַ פאַרשעמטער פאַר זיך אַליין האָט ער געטראַכט: — אַ ייד... יום כיפּור צו כל נדרי... בעטן פאַר גאָט... דאַרף האָבן אַ בילעט! וואָס טוט זיך דאָ?

דאָס איז דאָס ערשטע יאָר, וואָס ער גייט דאַוונען בציבור. גלייך ווי ער איז געקומען פון דער אַלטער־היים איז ער אַריינגעפאַלן אין אַ פאַרוואָרפן שטעטל פון דער פּראָווינץ. ראש־השנה און יום־כיפּור האָט ער פאַרשלאָסן זיין קרעמל, אַרויסגענומען דעם אַלטן מחזור און געדאַוונט ביחידות. צו די געלבע, פאַרפלעקטע בלעטער, פון יאָרן געבעטן און געוויין, האָבן זיך געריסן זודיקע טרערן, גלייכע קוילן פון אַן איינזאַמען, פאַר־וואָרפענעם יידן, וואָס תפילהט צו גאָט.

— ווו גייט מען מיטן טלית אונטערן אָרעם? צוריק אין שטוב? איינער אַליין, פאַר די פיר ווענט אויסגיסן דאָס האַרץ... גיי־ווייס, אַז

אַ ייד צו כל־נדרי דאַרף גיין, ווי צו אַ טעאַטער־פאָרשטעלונג, מיט געלט אין טאַש!...

אויפן טראָטואַר, נעבן דער שול, אונטער דעם מאַסיוון געוועלב פון בויגן־אַרטיקע זיילן, האָט אַרומגעשפּאַצירט חיים דער שרייבער.

ער אַליין איז שוין צענדליקער יאָרן אין קיין שול נישט געגאַנגען. דער ערשטער וועלט־קריג, די רעוואָלוציע, האָט אים דאָס רוב פון דער יוגנט, אַראָפּגעפירט פון יידישן דרך. זיי זענען געוואָרן אויפגע־קלערט, וועלטלעכע מענטשן... איז מען געגאַנגען יום־כיפור שפּאַצירן אין די פּאַרקן, אין די וועלדער, און געלאָזן דאָס דאַווענען פאַר אַלטוואַרג.

אָבער טיף אין האַרץ איז עפּעס פון גאָט פאַרבליבן. אים איינגאַנצן אַרויסרייסן קען מען נישט... אָבער דאַווענען — ווי פּאַסט עס? איז גייט מען שטילן די בענקשאַפט מיטן אַרומדרייען זיך אַרום דער שול און זען ווי אַנדערע יידן גייען דאַווענען. דאָס אַליין איז אַ באַפרידיקונג. זיך פאַראייניקן מיט די יידן וואָס גייען צו כל־נדרי — אויב נישט צו שטיין מיט זיי צוזאַמען...

חיים האָט באַמערקט, אַז אַ ייד שטייט פאַרצווייפלט ביים אַריינגאַנג איז ער אים צוגעגאַנגען פרעגן די סיבה.

— איך בין דאָס ערשטע יאָר אין האַוואַנאַ, כ'האָב נישט געוווּסט, אַז מען דאַרף האָבן אַ בילעט.

— וואַרט אויף! — ער האָט אַרויסגענומען זיין זשורנאַליסטן־קאַרטע, געוויזן די קובאַנער וועלכע האָבן אים גלייך דורכגעלאָזט.

ער איז אַרויף אין שול, דערקלערט דעם גבאי דעם ענין, און איז גלייך אַראָפּ מיט אַ בילעט. יאָסל דער פּעדלער האָט אים אַרומגענומען, צוגעדריקט צו זיך פון דאַנקבאַרקייט, און געבנדיק אים די האַנט, אַלע ברכות פון האַרצן, ריינע, הייליקע, ערב יום־כיפורדיקע — אים צוגע־וווּנטשן.

אַ צופרידענער מיט זיך אַליין, וואָס ער האָט ערב יום־כיפור, האַרט פאַר כל־נדרי, געקענט אַרויסנעמען אַ יידן פון עצבות, אים אַריינפירן אין שול, ער זאָל שטיין מיט דער גאַנצער עדה און בעטן פאַר גאָט, האָט ער זיך געלאָזט, ווי געטריבן פון אַ אומרו, צו אַ שפּאַציר אויסערן שטאָט.

ער איז אַראָפּגעגאַנגען אין אַ ברייטער, בלומיקע אַלייע, וואָס ציט זיך פֿאַר מײלן, נישט ווייט פֿון דעם ים.

שפּאַצירנדיק צווישן די ווייסע טוליפּאַנען אונטער אַן אויסגעשטערנטן הימל איז ער צוריק אין דער וועלט פֿון נעכטן אַריין... פֿאַר זיינע אויגן האָבן הונדערטער יאָרצייט־ליכט געברענט אויף די טישן מיט אַ געלבער שײַן. און אַרום זיי, מענטשלעכע סילועטן אין בלאַנקענדיקע קיטלען און טליתים, האָבן ווי ווײַנענדיקע ליכט, ווײַנענדיקע, בעטנדיקע, ציטערנדיק מיט זייערע נשמות ווי פֿלעמלעך געלויכטן.

פֿון דער טיף, פֿון האַרץ אַרויס, האָט זיך געריסן דער פֿײַנלעך־זיסער ניגון פֿון כל נדרי... און די גראָזן מיט די בלומען, די בוימער און די שטערן, די גרילן און די פֿראָשן, און אַלץ אין אַרום האָבן שטיל געשעפּטשעט, ווי מיט אַ פֿאַרהאַלטענעם אָטעם, פֿרום, גלויבעריש, אַ תּפֿילה צום באַשעפֿער...

מיד פֿון דעם חזיון און איבערלעבונג, אַן עקזאַלטירטער, ווי אַ נישט־דאַ־קער איז ער צוגעפֿאַלן צו אַ באַנק, זיך אָנגעשפּאַרט אַן דעם ברייטן שטאַם פֿון אַ טאַמאַדינדאַ־בוים און איז אײַנגעשלאָפֿן.

אַ צויבערלעכער בלענד פֿאַר זיינע אויגן... מלאכים פֿליִען הין־און־צוריק ווי טויבן, שטיל, תּמימותדיק, מיליאַנען שטערן ווינקען זיך איבער, די ווייטן ווערן צעשוומען, אַלץ פֿירט צו איינס... צו יחיד... צו אחד... און פֿון געבלענד אַרויס ריזלט אַ קויל, דין קוואַלנדיק, אַ ליכט־שטראַל פֿון האַרץ און נשמה, דער פֿאָדעם פֿון אייביקייט, גוטסקייט און ערלעכ־קייט, דער סוד פֿון באַשאַף פֿון אייביק אומענדלעכעס, און שאַ... שטיל... עפּעס פֿאַרמירן זיך ווערטער...

— מיליאַנען יידן שטייען און בעטן צוזאַמען מיט אַלץ פֿון באַשאַף — אַ גוט־יאָר. זיי קען איך שוין טויזנטער יאָרן. זייערע טרערן דערגרייכן שוין צום כּסא־הכּבֿוד, אַ גרויסער טייל פֿון זיי זענען פֿרומע, גלויביקע, איז בעטן זיי, זענען זיי מתפּלל. אָבער די טאַט פֿון דעם איינציקן יידן, וואָס גלויבט־נישט, און תּפֿילהט נישט, נאָר וואָס האָט דערגרייכט די העכסטע פֿרייד פֿון התרוממות הנפש צו זען אַז אַ ייד, אַ גלויביקער, זאָל קענען שטיין פֿאַראייניקט מיט זיין עדה און בעטן פֿאַר מיר, ווען

ער, אַליין, האַלט נישט פון דעם. זיין פילן זיך דערהויבן, איבער־תפילהדיק, מיטן העלפן אַ יידן, אויסמיידן עצבות און צער, וואָס ער קען נישט זיין מיט נאָך יידן צוזאַמען. פון נישט דאַרפן זיין פאַר־איינזאַמט, ווען דאָס האַרץ ציט צו קהל, בעת אלע שטייען פאַרעדהט...

איז פאַר דעם אַליין פאַרשרייבט, אַלץ און אַלעמען — אַ כתיבה וחתימה־טובה.

טרערן און בלומען...

אויף האוואנא גאס, הונדערט זעקס און זיבעציק, האט געשוויבלט און געגריבלט מיט אימיגראנטן.

די צוויי שטאקן, פון פיר אפארטאמענטן, פאר פיר פאמיליעס צום וווינען, זענען פארדונגען געווארן פאר 25—30 דאלער א צימער. אין יעדן צימער האבן געוווינט פינף־זעקס אימיגראנטן. אפילו דער באד־צימער, וואס איז געווען צווישן די שלאף־צימערן, איז פארדונגען געווארן צו אן אימיגראנט, נאכדעם ווי מען האט ארויסגענומען די וואנע, און אויף איר ארט אריינגעשטעלט אן אייזערן בעטל. און די אלע וואס האבן געוווינט אין דעם אפארטאמענט, האבן זיך געמוזט באגנוגענען מיט דער באד און טוש, וואס האט זיך געפונען צום סוף פון די אפארטאמענטן.

אין דעם מויער האבן געוווינט ביז הונדערט און פופציק יידישע אימיגראנטן. יוגנטלעכע — אכצן־צוואנציק יאריקע, בלוט און מילך. בלויז א צוויי־דריי פרויען, פארהייראטע, האבן זיך געפונען אין דעם מויער, א גאנצן טאג איז געווען שטיל. דאס רוב זענען געווען אין גאס, געפעדלט. ווער מיט א קעסטעלע אויפן ברוסט־קאסטן מיט זאקן, שקארפעטן, זאלינגען מעסערלעך, שערלעך, שפאנקעס צו מאנשעטן און אנדערע גאלאנטעריי קלייניקייטן. נישט איינער איז שוין נישט צעקוועטשט געווארן פון דעם טראמווי, אויף די שמאלע טראטוארן פון אלט האוואנא, ווו אין אנדערע ערטער האט ער די ברייט נישט מער ווי א פערטל מעטער, און א מענטש אליין, אן א קעסטעלע אויף זיך, קען אויך ווערן צעדריקט.

אַ טייל האָבן געפּעדלט מיט קראַוואַטן, זיך אַרומגעשלעפּט אַ גאַנצן טאָג מיט פּעק קראַוואַטן אויף די אָרעמס, פון קאָפּע צו קאָפּע, און אַז מען האָט פון איין זייט אַרויסגעטריבן איז מען אַריין פון דער צווייטער, זיך אַרומגעדרייט ביי די טישלעך און צערייצט די קונים מיט די פאַרביקע אוזאָרן פון דעם גלאַנציקן זייד. אַ טייל זענען אַרומגעפאָרן מיט וועגעלעך. צוויי רעדערדיקע, אָנגעפּילט מיט סחורה: בלויע אַרבעטער הויזן, העמדער, גאַטקעס, קאַמיסעטעס, האַנטעכער, טיכעלעך, דאָס רוב אין די פּאַרטאַוועגאַסן, און ביים פּאָרט. זיי האָבן שטענדיק געדאַרפט זיך באַוועגן, ווייל נישט אומעטום האָבן זיי געמעגט שטיין. און, ווי פון אונטער דער ערד פלעגט אויסוואַקסן אַ פּאָליסמאַן, נעמען קלאַפּן מיט זיין שטעקן אין טראָטואַר, מען זאָל פאָרן ווייטער, אַ ניט פאַרשרייבט ער שטראָף. אַנדערע זענען אַרויסגעפאָרן מיט טשעמאָדאַנעס מיט שניט, און פּעק מיט סחורה אויף זיך, ווייל זיי האָבן געפּעדלט אין די פאַרשטעט; געגאַנגען פון שטוב צו שטוב, פון הויף צו הויף מיט דעם קרעמל אויף זיך. אַ טייל האָבן געפּעדלט מיט סאַנדאַלן, וועלכע זענען געהאַנגען אויף צוויי שטעקנס ביי די זייטן. און עטלעכע זענען געגאַנגען מיט לאָפּעטעס אויף די גאַסן אויף וועלכער ס'זענען געווען אויסגעזעצט רינגעלעך, אוירינגלעך און פאַנטאַזיע צירוג. זיי האָבן געבלישטשעט אַנטקעגן דער זון און געמיניעט אין די אויגן פון די רייצנדע קובאַנקעס.

אַזוי אַרום זענען אַלע צימערן געווען בייטאָג פאַרלאָזן פון די קוואַרטיראַנטן, בלויז אין איין צימער האָט זיך געראָכעוועט. דאָרטן זענען געזעסן קאָרטן־שפּילער, וואָס האָבן געשפּילט טאָג און נאַכט אין קאָרטן. זיי האָבן געוואַרט אויף צו קריגן אַט־אָט־אַט די וויזע. האָט מען געלעבט פון די געשיקטע געלטער פון די אַמעריקאַנער קרובים. דאָרט האָבן זיך געפונען אַזוינע, וואָס אַז זיי האָבן פאַרשפּילט די לעצטע פּאָר סענט, האָט מען געקלאַפּט אַ טעלעגראַמע צום אַנקל אין די שטאַטן מיט דעם באַרימטן נוסח: — „וועריַ סאַק קייבל מאָני"... — און אַז דער אַנקל האָט דערהאַלטן אַזאַ טעלעגראַמע, האָט ער קיין סך נישט געקלערט און אַרויסגעשיקט געלט זיין אָרעמען פּלימעניק, נעבעך, וואָס איז אַן עלנטער אין קובאַ.

אין אָוונט זענען די צימערן אָנגעפּילט געוואָרן מיט אַ שפּרודלדיקער יוגנט. אויף די קעסטלעך, וואָס האָבן געדינט פאַר שטולן, און דעם גרויסן קאַסטן — פאַר אַ טיש, זענען געזעסן גרופּעס און זיך אויסדערציילט פון די בייטאָגיקע גליקן ביים פּעדלען, וועגן די בריוו פון דער היים מיט די גרוסן פאַר אַלעמען; וועגן דעם, וואָס מען האָט געזוכט אַ גאַנצן טאָג אַרבעט — און אומעטום האָט מען געענטפערט, אַז מען דאַרף נישט. און אַזוי ריידנדיק האָט מען זיך אַרומגעזען, אַז אַנשטאָט דאָ זיצן אין צימער און שוויצן, איז גלייכער אַרויפצוגיין אויפן דאַך און כאַפּן אַביסל פרישע לופט. האָט מען זיך געצויגן פון אַלע צימערן דאַך־אַרויף. ווער מיט אַ קאָלדערע, ווער מיט אַ קישן. אַנדערע האָבן אַרומגעשפּאַצירט גרופּעסווייז רונד־אַרום. מען האָט גערעדט, דיסקוטירט, ביז איינער האָט פאַרצויגן אַ ניגון און אַ צווייטער נאָך אים און באַלד האָט שוין דער גאַנצער דאַך מיט איבער הונדערט יוגנטלעכע זיך צעזונגען. און געזונגען האָט מען אַלץ — רוסיש, פּויליש, יידיש. „אידאָ אוכניעס", „וואָלגאָ", „באַיאַדעראַ", „טיטינאַ", און ווען עס איז געקומען צו „הוליעט, הוליעט בייזע ווינטן" — האָט עס געשטורעמט ווי אַ זאַווערוכע פון קלאַנגען אין דעם שטילן, בלויען, פאַרכישופטן אַרום. און אַמאָל פלעגט נאָך אַרויפקומען דער פידלער, האָט ער באַגלייט דעם יונגטלעכן כאָר, מיט די דינע קלאַנגען פון זיין פידל, וואָס זענען פאַרשלונגען געוואָרן פון די קרעפטיקע מענער־שטימעס, און אירע צאַרטע טענער האָבן אַרויס־געוויינט, ווי די בענקשאַפט פון די קרעפטיקע מענער־שטימען, און הערצער, וואָס האָט פאַרגלושעט דער געזאַנג...

אין שפּעטן אָוונט, ווען די לבנה האָט זיך געשטעלט אין מיטן הימל, און זי צו זען האָט מען געמוזט אַרופרייסן דעם קאָפּ אין דער הויך, זענען דאָס רוב אַראָפּגעגאַנגען צו זיך אין די צימערן זיך געלייגט שלאָפן אויף די אייזערנע בעטלעך. און ווען עס האָט געפּאַרעט אין פלייצע, האָט מען אַראָפּגעוואָרפן די קישן מיט דער קאָלדערע אויף דער ערד און בלויז אויפן ליילעך אַליין, אַ האַלב אָדער גאַנץ נאַקעטער דורכ־געשלאָפן די נאַכט און אויפגעשטאַנען אין דער פרי מיט אַ פלייצע ווי אַ זיפּ פון דער דראָטענער סעטקע פון דעם בעטל. אַנדערע זענען

געבליבן אויפן דאַך און אַזוי אָפּגעשלאָפן ביז די זון האָט מיט שטראַליקע שפּיזלען אויפגעשטאָכן זייערע אויגן־לעפּלעך און אָנגעזאָגט, אַז עס איז דאָ אַ נייער טאָג אויף דער וועלט.

צווישן די געציילטע מיידלעך, וואָס האָבן געוווינט ביי פאַמיליעס אויף דעם הויף, האָט זיך געפונען איינע, אַן עלטערע. און כאָטש אַ מיידל איז געווען צו יענער צייט מיט גאָלד צו גלייך, — ווייל דער גאַנצער אימיגראַציע־שטראָם איז געווען בלויז פון מענער, וואָס זענען אַנטלאָפן פון מיליטער־דינסט, נאָך דער פויליש־סאָוועטישער מלחמה, נאָך די פּאָגראָמען און בערד־שניידעריי פון די האַלערטשיקעס, — דאָך האָבן צו דעם עלטערן מיידל, ווייניק בחורים זיך געקלעפּט. קיינער האָט נישט געקלערט וועגן חתונה צו האָבן. דער עיקר איז געווען מאַכן אַ לעבן און וואָס שנעלער פּטור צו ווערן פון דעם הייסן אינדזל, און אַריבערצופאָרן צו די קרובים אין די פאַראייניקטע שטאַטן.

באַשע, דאָס עלטערע מיידל, וואָס האָט געהאַט אַ פּאָר דאָלער נאָך מיטגעבראַכט פון דער אַלטער היים און האָט געהאַט רייכע פריינט אין ברוקלין, האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָ האָט זי מער שאַנסן צו געפינען אַ חתן ווי אין די שטאַטן. וועגן די צוציקעס — די 18—20 יעריקע האָט זי נישט וואָס צו קלערן, ווייל זי האָט שוין געהאַט אַריינגעפאָרן אין די דרייסיקער. אָבער אַ בחור אין אירע יאָרן אָדער אַביסל עלטער, וואָלט געווען דער אידעאַלסטער מאַן פאַר איר.

און אַז מען זוכט — געפינט מען. אויפן זעלבן הויף האָט זיך געפונען ראובן, אַ יונגערמאַן פון אַ יאָר דרייסיק, וואָס פאַרגלייכנדיק אים מיט די הונדערטער יוגנטלעכע, האָט אים געפּאַסט שוין צו האָבן אַ פרוי.

באַשקע האָט זיך גענומען ביסלעכוויז צושאַרן צו אים. זי האָט געוווּסט, אַז ער איז אַן אָרעמער אַרבעטער פון אַ קליין שטעטל פון פוילן, און זיינע פריינט אין אמעריקע זענען אויך קנאַפּע גבירים. דערווייל זענען אונטערגעלאָפן די הייסע זומער־מאָנאַטן, די טויטע־צייט, ווי מען רופט עס. ער האָט פאַרלוירן זיין אַרבעט. און פון די אָפּגעשפּאָרטע

פֿאַר דאָלער איז אים שוין אויך קנאַפּ־וואָס פֿאַרבליבן. ער האָט אָנגעהויבן אונטערצוהונגערן.

זי האָט אים פֿאַרגעלייגט אַ הלוואה׳לע פֿון אַ צענערל אויף צו באַצאָלן דירה־געלט, ווען זי האָט זיך דערוווּסט פֿון די קוואַרטיראַנטן. אַז מען וועט אים אַרויסוואַרפֿן פֿון צימער, און ער וועט נישט האָבן ווו אַוועק־צולייגן זיין קאָפּ. ער האָט בלית ברירה, געמוזט אָנגעמען איר אָנבאָט. אָט מיט אַזוי ביסלעכווייז, פֿון איין זייט — די נויט; פֿון דער צווייטער זייט — זי, האָבן דערפֿירט, אַז ער איז געוואָרן, וואָס אַמאָל אַלץ מער אָפּהענגיק פֿון באַשקען.

עס האָט לאַנג נישט געדויערט, אַ 5—6 מאָנאַט נאָך זייער באַקאַנט־שאַפֿט זענען זיי אַוועק צום רב, וועלכער האָט אין דער שולכל אָפּגעשטעלט אַ חופּה, פֿאַר אַ מנין יידן, צווישן זיי עטלעכע לאַנדסלייט, און זיי זענען אין אַ מזלדיקער שעה געוואָרן מאַן און ווייב.

זיי האָבן גענומען בויען באַלעבאַטישקייט אויף דעם שטייגער, ווי אַלע אימיגראַנטן האָבן זיך דאַן געפֿירט.

זיי האָבן אָפּגעדונגען אַ צימער, און אַריינגענומען צו זיך נאָך אַ צוויי קוואַרטיראַנטן, ביינאַכט זענען אויפֿגעשטעלט געוואָרן צוויי אייזערנע בעטלעך. מען האָט פֿאַרצויגן אַ ליילעך ווי אַ מחיצה, צווישן דעם בעט פֿון מאַן און ווייב, און די בעטלעך פֿון די קוואַרטיראַנטן, און אַזוי האָט מען געלעבט.

ראובן האָט ווידער געקראָגן זיין אַרבעט און האָט גאַנץ פֿיין פֿאַרדינט. באַשקע, אַ גליקלעכע האָט אים אָפּגעהיט ווי די אויגן פֿון קאָפּ. זי האָט אים געקעכלט און געקאָכט מאַרציפּאַנעס צו פֿאַרזיסן אים זיין לעבן. דאָס, וואָס זי האָט נישט געקענט מיט איר יוגנט און שיינקייט, וואָס זי האָט נישט געהאַט — האָט זי געזוכט צו געווינען מיט איר איבערגעגעבנקייט, מיט איר טרייקייט און אויפֿפּאַסן אויף אים.

אָבער ליבע איז אַזאַ זאַך וואָס מען קען עס מיט קיין געלט, און מיט קיין שום אַנדער זאַך אויף דער וועלט נישט קויפֿן. דאָס דאַרף אויפֿלעבן פֿון זיך אַליין. עס דאַרף אויפֿרייסן ווי אַ קנאָספּ פֿון אַ בלום אין פֿרילינג — פֿון אַ קוש פֿון דער זון, פֿון אַ גלעט פֿון אַ שטראַל, פֿון

אַ בענקשאַפט פון דער טיף. ער האָט געזוכט אַרויסצוווייזן פריינטשאַפט צו איר. ער האָט זי טאָלערירט. ער האָט געוואָלט אָפּדאַנקען פאַר איר גוטן האַרץ, פאַר איר מאַמעשאַפט, וואָס זי ווייזט אַרויס צו אים. אָבער טיף אין האַרצן האָט ער געפילט אַ פוסטקייט. אַ פאַרביטערניש צו זיך, און ממילא אויך צו איר, וואָס ער האָט זיך פאַרקויפט צוליב געלט, פאַר אַ פאַר דאָלער צו אַן עלטער מיידל.

נישט איין מאָל האָבן זיינע באַקאַנטע אים געגעבן אָנצוהערעניש וועגן דעם, און דאָס האָט אים דערנידעריקט ביזן גרונט... ער האָט זיך געפילט אומשולדיק און שולדיק צוגלייך.

און כאָטש זי, באַשקע, האָט אַרויסגעוויזן אַזויפיל טריישאַפט צו אים, אָבער ער האָט אין דעם געזען נישט מער ווי אַ זיידענע נעץ, אַ גאָלדענעם האַטשיק, אויף צו כאַפן אים אויף דער ווענטקע...

אַזוי זענען אירע גוטע טאַטן אַנאַליזירט געוואָרן אין זיין געדאַנק, ווי ביטערע מאַנעווערס אים צו פאַנגען אין איר נעץ... און ער האָט צו זיך און דורך דעם אויך צו איר, האָט וואָס אַמאָל מערער אין אים זיך געקליבן. נישט איין מאָל האָט ער געוואָלט פון זיך די נאַרישע געדאַנקען פאַרטרייבן. און מאָדנע, וואָס מערער ער האָט זיי פון זיך געיאָגט אַלץ שטאַרקער האָבן זיי זיך צו אים געקלעפּט, זיך אַריינגעביסן אין אים, ווי ווערעס געעקבערט זיין האַרץ און זיין מוח, און זיין לעבן פאַרביטערט.

אויסערלעך האָט מען אויף אים קיין שום ענדערונג נישט געזען. דאָס לעבן איז געגאַנגען זיין טאָג־טעגלעכע רוטין. די מאָס פריינטשאַפט, וואָס ער האָט אַרויסגעוויזן צו איר זינט ער האָט מיט איר חתונה געהאַט האָט ער אָנגעהאַלטן. קיין צופיל ליבע און ראָמאַנטישע שטיק האָט זי קיינמאָל פון אים ניט דערוואַרט. איז זי געווען צופרידן מיט איר לעבן און שטאָלץ אויף איר שיינעם און יונגן מאַן.

אַזוי ווי זייער ציל איז געווען די פאַראייניקטע שטאַטן האָט ער זיך גענומען לערנען ענגליש, דריי מאָל אין דער וואָך, אויף די אָוונט קורסן, אין דעם שפּאַנישן צענטער. נאָכן אָפּעסן אָוונט ברויט, האָט ער זיך פאַרפוצט, גענומען זיינע העפטן און אָוועק אויף די קורסן.

באַשקע איז געלעגן אין בעט מיט פאַרמאַכטע אויגן, און געציילט

די מינוטן. אַלעמאַל קומט ער עלף אַזייגער. און אַט איז שוין צוועלף — און ער איז נאָך נישטאָ. וואָס קען דאָס זיין? דאָס האַרץ אין איר האָט עפּעס געזאָגט און אַליין נישט געוווסט וואָס...

אַ האַרץ נאַרט קיינמאָל נישט אָפּ! אויף די ענגלישע קורסן האָבן זיך געלערנט מענטשן פון פאַרשידענעם עלטער. צווישן זיי 17—18 יעריקע קובאַנער און קובאַנקעס. מיט דער צייט האָבן זיך כמעט אַלע באַקענט, ווי דער שטייגער איז, ביי שילער פון איין קלאַס. ראובן, וועלכער איז צווישן זיי אַלע געווען דער העכסטער, שלאַנק און בויגעוודיק, האָט זיך אַריינגעפּאַסט צווישן דער יוגנט. דאָס וואָס ער איז געווען דער אויסלענדער, דער אייראָפּעער, האָט עס אים צוגעגעבן חשיבות ביי זיי אין די אויגן, און ער איז ביי זיי געווען אַ גאַנצער יחוס...

צווישן זיי אַלע איז געווען איינע אַ שילערין, וואָס איז פון ערשטן טאָג אָן, ווי זי האָט אים געזען, נישט געווען גלייכגילטיק צו אים. ראַסיטאַ האָט זי געהייסן. איר פאָטער איז געווען אַ קאָנדוקטאָר אין האַוואַנער טראַמוויי און אַ חוץ דעם, וואָס ער האָט גוט פאַרדינט, האָט ער נאָך אויף יעדן טאָג אָפּגעשפּאַרט אַ פּאָר דאָלער, וואָס ער האָט אַראָפּגעלאָזן צו זיך אין קעשענע און נישט אָפּגעקלאַפּט אין קאָנטראָל-זייגער.

ראַסיטאַן האָט דערפאַר קיינמאָל קיין פּאָר דאָלער נישט געפעלט. זי האָט זיך גוט געקליידעט, אַ גאַנצן טאָג זיך געשפּיגלט, געפלאָכטן מיט פּאַפּירלעך די צעפּעלעך, געפאַרבט די ליפּן, געקאָקעטעוועט פאַר זיך אַליין. אין איר יונגער נשמה האָט געצייטיקט די בלום פון ליבע...

זי ליגט אויף דער סאָפקע מיט האַלבע אַנטבלויזטע ברוסטן, ראָז ווי צייטיקע מאַנגאָס, וואָס רייסן זיך דורך דער קימאָנע, און שוועבט אין אַ וועלט פון חלומות. זי קען זיך אַליין נישט פאַרשטיין, פון די הונדערטער קובאַנער יינגלעך, וואָס זי האָט געקענט פון דער שולע, פון די שכנים און פריינט, האָט קיינער אויף איר נישט געמאַכט אַזאַ איינדרוק, ווי אָט דער פרעמדער מיט וועמען זי לערנט צוזאַמען אויף די קורסן. ער איז אַזוי הויך און שלאַנק און האָט אַזעלכע בלויע אויגן ווי דער הימל, און זיינע בליקן בריִען ווי די שטראַלן פון דער זון... זי

האָט אַ ציטער געטאָן, ווי זי וואָלט אים דערפילט נעבן זיך, און איז אויפגעשרונגען, ווי זי וואָלט וועלן פאַרטרייבן פון זיך אָט די פּיינלעך־זיסע געדאַנקען.

וואָכן נאָך וואָכן זענען אַריבער ביז זי איז געוואָרן געוואָגטער צו אים. דאָ, מיט אַ תירוץ פון פרעגן אים אַ וואָרט; דאָ מיטן באָרגן אַ ביכל. און אַזוי איז נישט אַריבער קיין אָוונט, וואָס זי איז נישט אויס־געוואָקסן נעבן אים, און מיט אירע פייערדיקע יונגע אויגן אויפגעריסן זיינע גלייכגילטיקע בליקן, ווי צו אַ שילערין פון זיין קלאַס.

אַ הייסע דושנעקייט האָט אָנגעפילט דאָס צימער און האָט נישט געלאָזט איינשלאָפן. ער האָט זיך געוואָרפן פון איין זייט אויף דער צווייטער, וועלנדיק פאַרטרייבן די מחשבות... און אויף צו להכעיס, באַטראַכטנדיק זיין פרוי, אין וועמעס ווינקלען האָבן שוין געזילבערט גרויע האָר, — האָבן זיך געררייצט מיט אים די יונגע אויגן, די רויטע בעקלעך מיט די פלאַמיקע ליפּן פון ראַסיטען, און אים געלאַכט אין פּנים אַריין.

ער האָט אַליין נישט געוווּסט פון וואַנען דאָס קומט. דאַכט זיך, ער קלערט גאָרנישט וועגן איר, און דאָ, נעבן זיין געזעצלעכער פרוי, לויפט זי אים נאָך ווי אַ כישוף, און רייצט זיך מיט אים.

די ערשטע צייט האָט ער פון זיך געיאָגט די נאַרישע געדאַנקען, וואָס פּאַסטן פאַר אַ ייִנגל, נישט פאַר אַ פאַרהייראַטן מאַן. אָבער מיט דער צייט האָט זיך די וועלט פאַר אים ווי איבערגעביטן. דאָס ווייב, די אימיגראַנטן, דאָס צימער מיט די קוואַרטיראַנטן, דאָס אַלץ איז ביי אים ווי אַ פינצטערער חלום, אַ קאָשמאַר. און אַ נייע וועלט, אַ ליכטיקע, אַ יוגנטלעכע, מיט אַזויפיל שיינקייט און ליבע האָט פאַר אים און אין אים אַנטפּלעקט.

ראַסיטאַ איז געוואָרן צו אים אַלץ צוגעלאָזענער. זי האָט אים פאַרבעטן ער זאָל זי אָפּפירן אַ היים נאָך די קורסן, זיך צורירנדיק צו איר האָט ער דערפילט, איר צאַפּלדיקן קערפּער, די כוואַליעס פון היץ וואָס שלאָגן מיט יוגנטלעכע פלאַמען, און די פייערדיקע בליקן פון אירע אויגן, האָבן אים, פאַר זיך אַליין, פון דאַסניי געבוירן. עפּעס האָט ער דערפילט אין

זיין האַרץ אַזאַ זאַך, וואָס ביז איצט האָט ער פון דעם קיין אַנונג נישט געהאַט. אַזאַ זיסע לייד, אַזאַ שמערצלעכע בענקשאַפט, אַזאַ קוואַל וואָס האָט אויפגעריסן און שלאָגט מיט אַזויפיל פייער און גלוסט. ווי אַ קראַטער פון לעבן, וואָס איז געווען פאַרשטאָפּט מיט שטיינערנע פעלדזן פון דער ווירקלעכקייט וואָלט אויפגעריסן און אַ שפּרודלדיקער יוגנט־קוואַל האָט אַרויסגעשאָסן זיין פייער שפּייענדיקע לאַווע פון טרוימען און ליבע...

די פרוי, האָט אין אים דערקענט אַן ענדערונג און צום גוטן. ער איז עפּעס מוטיקער, פריילעכער און גליקלעכער. אויף זיין פּנים האָט זיך אויסגעלייגט אַ לייטזעליקייט, ווי באַלויכטן פון אַן אינערלעכן ליכט. וואָס איז דאָ מיט אים געשען? זי, דאַכט זיך, איז די זעלבע ווי אַלעמאָל און די עקאָנאָמישע לאַגע איז אויך נישט קיין פויגלדיקע, טאָ פון וואַנענט קומט צו אים אַזאַ גדולה?

פון די דריי מאָל אין וואָך, וואָס ער האָט געלערנט ענגליש איז געוואָרן פינף מאָל אין וואָך. אָנגעגעבן האָט ער איר דעם תירוץ, — אַז אין די העכערע קלאַסן לערנט מען שוין 5 טעג אין דער וואָך.

ער האָט די צוויי פרייע אָוונטן זיך געטראָפן מיט ראָסיטען אין אַ פּאַרק. אויף אַ באַנק אין אַ ווינקל, וואָס איז געווען טונקל באַלויכטן, האָבן זיי זיך איינער פאַר די צווייטע די הערצער אויסגערעדט. און אַז קיינער איז נישט געווען האָט מען זיך די ליפּן איינע אין די צווייטע איינגעגביסן און ביידע לעבנס־שטראָמען אין איינעם פאַראייניקט.

ביידע זענען געווען גליקלעך. וואָס קען נאָך זיין מער גליק ווי ליבע? די עטלעכע שעה אין פּאַרק צוגעטוליעטע, פאַרסודעטע, ווי איבער זיי די שטערן, האָבן זיי געגעבן מוט און פרייד פאַר אַ גאַנצן טאָג און נאַכט אַרומצוגיין זינגענדיק, אויף גאָטס שיינער וועלט.

אַ מענטש קען נישט צעטיילן זיין האַרץ אויף צווייען. און ער האָט געזוכט אַ מיטל, ווי אַזוי זיך צו באַפרייען פון זיין געזעצלעכער פרוי, וואָס איז אים אַלץ מערער געוואָרן דערווידער.

נישט איין מאָל איז אים דורכגעלאָפן אַ געדאַנק: — שוין זשע איז מיין לעבן מער נישט ווערט ווי די פּאָר דאָלער וואָס זי האָט מיר געבאָרגט

אויף דירה געלט? האָב איך פאַר די מיזעראַבלע פּאָר דאָלער זיך געדאַרפט פאַרקויפן אויף אייביק? איז די עטלעכע יאָר וואָס איך לעב מיט איר נישט גענוג אָפּגעצאָלט פאַר דעם? איז מיינע פאַר יאָר פון יונגן לעבן נישט מערער ווערט ווי איר געלט, איר קאַכעכץ, און איר אַרומשמייען אַרום מיר? האָב איך נישט אָפּגעצאָלט איר דעם פולן פּרייז, אַז איך זאָל זיך איצט מעגן באַפרייען און אויסלעבן מיין לעבן לויט מיינע געפילן און געדאַנקען?!

וואָס מערער עד האָט געקלערט אַלץ מער באַרעכטיקונג האָט ער געפונען אין זיינע געדאַנקען, אַלץ קרעפטיקער די הנחה, אַז זיין געוויסן איז ריין און ער מוז זיך באַפרייען פון איר.

גוט אָדורכגעטראַכט, וואָס ער האָט צו ריידן, האָט ער, ווי אומשולדיק, פאַרצויגן מיט איר אַזאַ געשפּרעך:

— ווייסט וואָס איך וועל דיר זאָגן, באַשע! מיר וועלן מוזן געפינען אַ וועג, ווי אַזוי אַריבערצופאָרן אין די שטאַטן. די לאַגע דאָ, ווערט פון טאָג צו טאָג אַלץ ערגער. די מאַטשאַדע דיקטאַטור פירט דאָס לאַנד צו רוינע. פאַבריקן שטעלן זיך אָפּ, געשעפטן שליסן זיך, און מען זעט נישט קיין אויסוועג צו דעם.

— איז וואָס קענסטו טאָן? — פרעגט זי אים, — אַז יאָרן ווי מיר זענען פאַררעגיסטרירט ביים אַמעריקאַנער קאָנסול, און מען קען אויף אַ וויזע זיך נישט דערוואַרטן!

— איך האָב אַ צווייטן מיטל — רעדט ער זיך אַרויס טאַמעוואַטע, ווי ער מיינט גאַרנישט, — אַזוי ווי די לעצטע צייט איז האַוואַנאַ פאַרפּלייצט מיט אַמעריקאַנער עלטערע, יידישע מיידלעך, וועלכע קומען דאָ כאַפּן חתנים, און פירן זיי דורך דעם וועג נאָכער אַריבער אין די שטאַטן, וועל איך אויך זיך אויפזוכן אַן אַמעריקאַנער מיידל...

— דו ביסט קלאָר צו משוגע! — האַקט זי אים איבער די רייד, — דו ווייסט וואָס דו פּלוידערסט?! דו ביסט דאָך אַ פאַרהייראַטער מאַן! ווי אַזוי פּאַלט דיר גאָר איין אַזעלכעס צו טראַכטן?!

— גאַנץ איינפאַך, — גיט ער זיך שלענגיש מיטן צינגל אַ רעד אויס, ווי אַ גזלן, — איך וועל זיך דאָ מיט דיר אָפּגטן און חתונה האבן

מיט אַן אַמעריקאַנערן, און אַז איך וועל זיין אין די שטאַטן אַ שטיקל צייט, וועל איך שוין געפינען אַ תירוץ, ווי אַזוי זי אַפּצוגטן, און אַזוי, מיט דער צייט, אַרויסשיקן פאַדערונגס־פּאַפּירן פאַר דיר!

— אַלע בייזע און פינצטערע חלומות זאָלן אויסגיין צו דיין קאָפּ! טפו זאָלסטו ווערן! — און אים אַריינגעשפּיגן אין פּנים. — נו, און דאָ לעבן קען מען נישט? עס לעבן דאָ אַזויפיל יידן וועלן מיר דאָ אויך לעבן. דער קריזיס וועט נישט אייביק אָנהאַלטן. און אַז מען וועט דאַרפן וועל איך אויך גיין אַרבעטן. און שלאָג זיך אַרויס פון קאָפּ דיינע פּלענער פון אמעריקע.

אַז דאָס איז מער נישט ווי אַ תירוץ, אַט די אַמעריקע, האָט איר גאַרנישט געקענט איינפאַלן. דעריבער האָבן זיינע רייד אויסגעזען אַזוי נאַריש, וואָס האָבן נישט קיין גרונט אונטער זיך, ראובן האָט אָבער אין דעם זיך אָנגעהאַלטן, ווי איינער וואָס טרינקט זיך, כאַפּט זיך אָן אַ ברעט וואָס לויפט מיטן שטראָם, און פריער אָדער שפּעטער וועט זי אים דערפירן צו אַ ברעג, וואָס וועט אים באַפרייען פון דעם אָפּגרונט.

צום שלים מזל האָבן פון זעלבן הויף, עטלעכע בחורים, זייערע באַקאַנטע, חתונה געהאַט מיט אַמעריקאַנער מיידלעך, וואָס זייערע אַמעריקאַנער קרובים האָבן זיי אַראָפּגעשיקט צו דעם צוועק, און דאָס זענען אויך געווען פיקטיווע חתונות, מיטן מיין אויף זיך צו גטן שפּעטער. האָט ראובן אויסגענוצט די געלעגנהייט און געזוכט צו ווירקן אויף איר מיט זיין פּלאַן.

זי האָט פון דעם נישט געוואָלט הערן און זען. איר געזונטער פרויען חוש האָט איר אונטערגעזאָגט, אַז צו דעם טאָר זי קיינמאָל נישט צושטימען.

דאָס צימער איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ גיהנום. די קריגערײַ צווישן זיי איז געהאַנגען אין דער לופט, ווי שוואַרצע שפּינוועבס איבער זייערע קעפּ, פון אַלע ווינקלען האָבן געלויערט מרה־שחורה שפּינען וואָס האָבן געזויגן זייער בלוט פון האַרץ, אַז ביידע האָבן עס שוין נישט געקענט איבערטראָגן.

ס'איז איינס ביינאַכט. באַשע ליגט אין בעט מיט פאַרוויינטע אויגן,

אַ צעקלעמטע פון פּיין. ער איז נאָך נישטאָ. אַ גריל זעגט מיט אַ זיגזאַגיש טרילן, ווי ער וואָלט מיט די ציינער צעזעגט איר האַרץ. פאַר זיך זעט זי די גרויקייט פון ווייסן ליילעך, וואָס צאַמט איר אָפּ פון די צוויי קוואַרטיראַנטן, וועלכע שלאָפן און כראָפּען געשמאַק.

זי איז איינע אַליין מיט איר פּיין. עס וואָלט זיך איר וועלן ווייגען אין דער הויך, האָט זי אָבער מורא פאַר די קוואַרטיראַנטן. מוז זי זיך שטיקן אין זיך... דאָס קישן איז אַדורכגעווייקט פון טרערן. און ער איז נאָך אַלץ נישטאָ. יעדע מינוט ציט זיך ווי אַ שעה, די נאַכט — ווי פון פּעך, וואָס וועט זיך קיינמאָל גאַרנישט ענדיקן. און דאָ איז זי אַליין אין איר צער, אַליין אין איר פּיין, אַליין אין איר עלנט, ווי אַ שטיין...

פאַרטאָג, האָט זי זיך אַרויסגעשלייכט אויפן גאַס, קיינער פון די קוואַרטיראַנטן זאָל נישט באַמערקן, זי האָט קוים זיך דערוואַרט עס זאָלן זיך עפענען די געשעפטן און געלאָפן אים זוכן אויף זיין שטעלע. אַלע אַרבעטער זענען דאָ, נאָר ער, איינער נישט.

— איז ער אַוועק פון איר אַזוי ווי ער האָט איר געסטראַשעט ? צי איז געשען מיט אים אַן אומגליק ? — זי איז אַרומגעלאָפן ווי אַ משוגענע אַ גאַנצן טאָג אים זוכן. אין אָוונט האָט זי געפונען אויפן טיש אַ בריוועלע. זי ווייסט נישט ווער עס האָט אים געבראַכט. צי אפשר איז ער אַליין געווען ? אין דעם בריוועלע האָט ער איר געמאָלדן, איינס פון די ביידע : אָדער זי וויל אָננעמען זיין פּלאַן פון זיך גטן מיט אים, דאַן וועט ער קומען און זיין מיט איר ביז ער וועט אַריבערפאָרן אין די שטאַטן ; אָדער, ער וועט שוין דאָ מער נישט קומען אינגאַנצן און ער וועט איר סיי ווי סיי אָפּגטן.

— זאָל ער טאָן וואָס ער וויל. קיין גט פון אים וועל איך נישט נעמען. זאָל ער יאָ קומען צו נישט קומען, מיין לעבן איז שוין סיי ווי פאַרלאָרן ! — אויף איר פּנים האָט זיך פאַרצויגן אַ טרויער. זי האָט נאָך אויסגעזען עלטער ווי זי איז געווען. זי איז אַוועק צוריק אין פאַבריק, ווו זי האָט אַמאָל געאַרבעט. אַ גוטע שניידערקע איז זי געווען, איז איר לייכט אָנגעקומען צו קריגן אַ שטעלע. אין דעם גערויש פון די מאַשינען האָט זי געזוכט צו דערשטיקן דעם געשריי פון איר האַרץ.

נישט איינמאָל האָבן אירע טרערן פאַרפלעקט די העמדער וואָס זי האָט געניייט, און אַז מען האָט איר פאַרגעוואָרפן, ווי אַזוי? האָט זי זיך פאַר־ענטפערט: — אַז דאָס זענען געווען טראָפּנס שווייס...

דער טאָג ווי דער טאָג, נאָר דער אָוונט, די נאַכט — וווּ טוט מען זיך אַהין? איינע אַליין, אַ פאַרלאָרענע פרוי, אַרום און אַרום שוויבלט און גריבלט מיט יוגנט. און זי גייט דאָ אַרום ווי אַ שאָטן... זי האָט אפילו נישט ווער עס זאָל אויף איר רחמנות האָבן? וואָס ווייסן זיי, און ווי קענען זיי פאַרשטיין איר צער? יעדער איינער איז פאַרטאָן אין זיך, אין זיין לעבן, אין זיין יוגנט. און אויב אפילו מיט לייד האָט עס אויך טויזנט טעמים...

*

ראובן האָט געדונגען אַ צימער פאַר זיך, אין אַ פאַר־שטאָט פון האַוואַנאַ, וווּ עס האָבן קיין יידן נישט געוווינט. די אָוונטן זענען געפלויגן ווי פון ווינטן געיאָגט. מען האָט זיך נישט אַרומגעזען און עס איז שוין שפּעט אין האַלבער נאַכט. ראָסיטאַ האָט צו אים זיך געטוליעט ווי אַ קעצעלע, און מיט אירע גלאַנציקע אויגן — פייער פון ליבע, — האָט זי די שטערן פון הימל פאַריאָגט... ער האָט נישט געזען און נישט געפילט קיין זאַך אַרום זיך נאָר זי אַליין... דאָס קלאַפּן פון איר האַרץ, די וואַרעמקייט פון איר קערפּער, דער גלי פון אירע ליפּן האָבן אים פאַרשיכורט און באַגליקט.

— איצטער בין איך שוין פריי! איצט בין איך דיינער אין גאַנצן. קיינער קען אונדז, איצט, אונדזער גליק נישט צעשטערן. אויס, פּטור געוואָרן פון אַ צרה. אַ נייער טאָג גייט אויף פאַר אונדז. דיר האָב איך עס צו פאַרדאַנקען. דו האָסט מיר צום ערשטן מאָל געעפנט מיין האַרץ, אויפגעוועקט דעם קערן פון ליבע, וואָס האָט זיך פאַנאַנדערגעבליט אין אַלע מיינע אברים, אַז איך פיל זיך ווי ניי געבוירן! ווי איך וואָלט קיינמאָל ביז איצט נישט עקזיסטירט. ווען נישט דו, וואָלט איך דאָך אָפּגעלעבט אַ לעבן און געשטאָרבן נישט וויסנדיק, אַז עס איז דאָ ליבע אויף דער וועלט! ליבע — וואָס איז די קרוין פון לעבן! די זון — פון

זיין, די ליכט און קראַפט, וואָס איז אַלץ גובר אפילו אויפן אָפּגרונט פון לייד, און גיט מוט זיך צו ראַנגלען מיט אַלע די שטרויכלונגען פון לעבן, וואָס זענען אַזוי פיל אויף יעדן שריט און טריט. ווען מען דאַרף באַצאָלן מיט מיין לעבן פאַר דער ליבע, וואָלט איך טויזנט לעבנס אַוועקגעגעבן פאַר דער ליבע, און איך וואָלט טייער נישט באַצאָלט! וואָס זענען ווערט געווען מיינע עטלעכע דרייסיק יאָר ביז איצט? — גאָרנישט! אַ מעכאַנישער מאַשין פון פלייש און ביינער, וואָס האָט אויסגעאַרבעט אַ טוץ הויזן אין 8 שעה צייט, בכדי צו קענען זיך אויפהאַלטן אויף די פיס. דאָס — און גאָר! און איצט, ווי ליב איז מיר יעדע מינוט. ווי זיס איז מיר די מי. איך פיל, אַז איך לעב מיט אַלע מיינע חושים און געדאַנקען. איך האָב פאַר ווער צו לעבן און פאַרוואָס צו לעבן. — פאַר דער ליבע! אַה, געבענטשט זאָלסטו זיין אַפילו אין לייד און אין פּיין!

*

שטורמישע טעג זענען אָנגעקומען. די לופט איז פול מיט אומרו און רעוואָלט. דאָס פאָלק האָט פאַרלאָרן דעם געדולד. באַפרייונגס ווינטן רייסן אויף די פעסטונג פון מאַטשאַדאָ רעזשים. בלוט גיסט זיך איבער די גאַסן. די קוילן קענען אָבער דעם רעוואָלוציע שטראָם נישט פאַרהאַלטן. ווי אַ ווילדע סטיכיע פלייצט ער איבער אַלע ברעגעס. רופט, וועקט און מאָנט. נעמט אַלץ פאַרן פאָלק, אַלץ פאַרן לאַנד.

די גאַסן יובלען. די פאַנען פלאַטערן, מאַטשאַדאָ איז אַפּגעפלויגן ווי אַ שוואַרצע קראָ, נאָך אַ פינצטערער און בלוטיקער נאַכט, איז אַ ראָזער באַגינען מיט נייע און ליכטיקע האָפענונגען אויפגעגאַנגען.

די פאַרליבטע פאַרלעך האָבן זיך ווידער געטראָפן טרעפן אין די פאַרקן. אויף אַ זייטיקער באַנק, אין פאַרק, באַזוימט מיט פלאַמיקע האַלעאַנדערס, וועלכע האָבן זיך איבערגעצויגן ווי אַ חופּה איבער זייערע קעפּ, זענען ראובן און ראַסיטאַ זיך געזעסן צוגעטוליעט, איינגעפלאָכטן די פינגער איינער אין דעם צווייטן, און געמאָלן פּלענער פאַר דער צוקונפט. אַ קוילן געקנאַל האָט געריסן אין דער לופט. נאָכווייעניש פון דער רעוואָלוציע. זיי זענען געלאָפן שנעל אַ היים.

שטייענדיקביים טיר פון איר הויז, זיך גענעגענענדיק, האָבן ווידער טעמפּע שאָסן פאַהילכט די לופט. מענטשן זענען געלאָפן ביי די זייטן פון די הייזער, אויסמיידנדיק די קוילן, וואָס האָבן געפייפט מיט אַ ווילדן טייוולאָנישן געוואַי... טירן און פענצטער זענען פאַרהאַקט און געשלאָסן געוואָרן. האָט מען אים איינגעלאַדן אַריינצוגיין אין שטוב, איבערצוואַרטן די שיסעריי.

אָפיציעל הייסט אַזאַ איינלאַדונג די אָנערקענונג פון די עלטערן אויפן שידוך, פאַר פאַקטישע חתן־כלה. אָבער דאָ, האָט די רעוואָלוציע צוגעאיילט און אים אַריינגעפירט אין איר הויז אומגעריכטערהייט. דער פאָטער האָט אים מכבד געווען מיט אַ ציגאַר, די מוטער האָט צוגעטראָגן אַ טעפּעלע שוואַרצע קאָפע און זיי האָבן זיך אַוועקגעזעצט אויף די וויג־שטולן אַרום טיש.

דער פאָטער, אַ מידער פון דער אַרבעט, האָט זיך אַנטשולדיקט און איז אַוועק שלאָפן. די מוטער איז געבליבן זיצן אָן אַ זייט, נישט צו שטערן זיי ביידן אין די רייד, אָבער גענוג נאָענט אויף אַכטונג צו געבן, ווי דער שטייגער איז, אויף דער טאָכטער. זיי זענען זיך געזעסן און גערעדט. די מוטער האָט זיך אַליין פאַרוויגט אויפן וויג שטול און גאַנץ געשמאַק איינגעשלאָפן. האָבן זיי, זיך וויגנדיק, אַלץ נאָענטער זיך צוגערוקט איינער צום צווייטן, אַז זי האָט געקענט אָנשפּאַרן איר קאָפּ אויף זיין ברוסט־קאַסטן און אַזוי שטיל, דער מאַמען נישט אויפצוּוועקן, האָבן זיי זיך געהאַלדזט, געגלעט און געקושט.

אַז ער האָט זיך אויפגעשטעלט אַוועקצוגיין האָט די מוטער זיך אויפגעכאַפּט. זי האָט דערזען, אַז עס איז שוין אַזוי שפּעט, רופט זי זיך אָפּ צו איר טאָכטער:

— ווייסט גאָר וואָס, אין דרויסן איז אומרויִק, ווי קען מען דאָס אים לאָזן גיין אַזוי שפּעט אַ היים! זאָלן מיר אים גאָר אויסבעטן אין זאַל, אויף דער סאָפע, און ער זאָל דאָ איבערשלאָפן די נאַכט.

ער האָט זייער האַרציק באַדאַנקט דער מוטער פאַר איר גאַסט־פריינטלעכקייט, און זיך געמאַכט כלומערשט, ווי ער וויל נישט, ערשטנס וויל ער זיי נישט באַמיִען, און צווייטנס האָט ער זיך געוואָלט אויסשטעלן

פאַר אַ העלד, וואָס האָט קיין מורא נישט, ער איז אַ מאַן, וואָס שרעקט זיך נישט.

זיי האָבן אים פאַר קיין שום געלט נישט אַפּגעלאָזן. די מוטער האָט געבראַכט אַ ליילעך, פאַרצויגן איבער דער סאָפע, אַוועקגעלייגט אַ קישן צוקאָפּנס, און ווינטשנדיק אַ גוטע נאַכט איז זי אַוועק צו זיך אין שלאָף צימער. ראָסיטאַ איז געלאָפן אויסלעשן דאָס ליכט. אין דער פינצטער האָט זי נאָך צייט געהאַט צוצולויפן צו אים און אָפּפרעסן אַ קוש אויף זיין שטערן און איז אַנטלאָפן, קעציש, געשווינד.

אויף מאָרגן, ווען ער האָט זיך אויפגעכאַפּט, איז זי אים געלאָפן אַנטקעגן אין אַ זיידענער קימאָנע, פון וועלכע אירע יונגע, צאַפּלדיקע בריסטן האָבן זיך געריסן ווי אַ פויגל מיט אויסגעשפּרייטע פליגלען אַרויסצופליען פון זיין נעסט. זי האָט אים געבראַכט אַ גלאָז מאַראַנצן זאַפט. אָפּדאַנקענדיק פאַר זייער גאַסטפריינטלעכקייט האָט ער זיך מיט זיי געזעגנט, און צוגעזאָגט צו קומען אין אָוונט ווידער. ראָסיטאַ האָט אים באַגלייט צו דער טיר. אַ לאַנגער האַנטדרוק, וואָסביידע האָבן נישט געוואָלט אָפּלאָזן, האָט זיי צעשיידט.

✶

אין גאַס איז ווידער טומלדיק. איבער נאַכט האָבן די סערזשענטן אַראָפּגעוואָרפן זייערע עלטסטע, און זיך אַליין דערקלערט פאַר רעוואָ־לוציאָנערן. דאָס איז געווען די אַרמיי־רעוואָלוציע פון פערטן סעפּטעמבער.

די קראָמען — אַ טייל אָפן, אַ טייל פאַרמאַכט. אין דעם געשעפט ווו ראובן האָט געאַרבעט זענען זיי געווען זאַלבע־דריט. סאָלדאַטן מיט ביקסן האָבן זיך באַוויזן ביים אַריינגאַנג און אָנגעהויבן שיסן אויף זיי. זיי זענען געפאַלן אויף דער ערד. געקראָכן אויף אַלע פיר צום ווינקל פון דער וויטרינע און די קוילן האָבן געלעכערט. געשרייען און יללות האָבן זיך אויסגעמישט מיט די הילכיקע געקנאַלן פון די ביקסן. די סאָלדאַטן האָבן זיך שנעל אָפּגעטראָגן. די שכנים זענען אַריין און געפונען אַלע דריי ליגנדיק אין אַ טייך פון בלוט. צוויי פון זיי זענען געווען טויט, איינער, וואָס איז געלעגן אונטער זיי איז געווען פאַרוווּנדעט.

די אוונט צייטונגען האָבן געגעבן די בילדער פו די צוויי קרבנות. און ראָסיטאַ, איז מיט דער צייטונג געבליבן ליגן אַ געחלשטע. ראובן איז געווען טויט.

אויף מאָרגן האָט מען ביידע הרוגים צו קבר־ישראל געבראַכט. עטלעכע מנינים יידן האָבן זיך אויפגעקליבן אויפן בית עולם. צווישן זיי אויך אַ פרוי, אַ פאַרעלטערטע, וועלכע איז אַרויפגעפאַלן אויף זיין פאַרבלוטיקטן קערפּער, און מיט טרערן געוואַשן זיין פּנים, געבעטן ביי אים מחילה:

— ראובן, איך האָב דאָך דיר אַזוי ליב געהאַט, כאָטש איך האָב עס קיינמאָל נישט אויף מיינע ליפּן אַרויפגעבראַכט. דו ווייסט נישט וואָס דו ביסט געווען פאַר מיר! איך בין דיר איצט אַלץ מוחל. פאַרוואָס איז דאָס דיר געקומען אַזאַ שרעקלעכער טויט? — איז זי אויסגעבראָכן אין אַ געיאָמער. — איך האָב אַלץ געדענקט, אַז דו וועסט זיך אַרומזען און קומען צוריק צו מיר, און צום סוף אַזאַ אומגליק! זיי מיר מוחל, אויב איך האָב אַנטקעגן דיר אפשר צו שטרענג געהאַנדלט, דיר נישט געוואָלט נאָכגעבן וועגן גט. גאָט איז מיין עדות אַז איך האָב נישט געקענט. איך האָב עס געמיינט צום גוטן פאַר אונדז ביידן. גאָט זאָל דיר מוחל זיין ווי איך בין דיר מוחל! און מיט די ליפּן האָט זי זיך איינגעביסן אין זיין טויטן פּנים, וואָס זי האָט אים מטהר געווען מיט אירע טרערן...

קוים וואָס מען האָט איר אָפּגעריסן פון אים. דאָס קליינגען פון די רידלען, וואָס האָבן געשאָטן דעם זאַמד אין קבר, האָבן איר ווידער אויפגעריסן פון איר פאַרחלשטן צושטאַנד, און אַ ריטש, ווי פון אַ פאַרווונדעטער חיה. האָט זיך אַרויסגעריסן פון איר האַרץ און געבליבן הענגען אין דער לופט. זי איז אַרויפגעפאַלן אויפן קבר, אים אַרומגענומען מיט די אָרעמס, ווי מען נעמט אַרום אַ געליבטן, ווען מען זעגנט זיך מיט אים. מען האָט איר אויפגעהויבן מיט געוואַלד. אַנגעשפּאַרט אויף צוויי פרויען, וואָס האָבן איר געהאַלטן פעסט אין די אָרעמס, האָט זי קרעכצנדיק אויסגעהערט דעם קדיש, וואָס איינער פון די חברה־קדישא

האָט געהאַלטן, און איז אָוועקגעשלעפּט געוואָרן צום מאַשין, וואָס האָט זי אָפּגעבראַכט אַ היים.

אין דער לופט האָט נאָך געפלאַטערט דער עכאָ פון דער קלאָגנדיקער פרוי; דאָס וואַסער, מיט וועלכע די מענטשן האָבן געוואַשן די הענט ביים אַרויסגאַנג, האָט נאָך נישט געהאַט איינגעזאַפּט די ערד; ס׳האָט זיך געצויגן ווי אַ שוואַרצע ריטשקע, ווי אַ בלוטיקער ווונד פון אַ דערשאָסענעם — און אַ מאַשין איז געבליבן שטיין ביים אַריינגאַנג.

דער שאָפער האָט אויפגעמאַכט די טיר און אַ פרוי אין שוואַרצן מיט אַ וואָל איבערן פּנים, און אין האַנט אַ בוקעט פון בלוט־רויטע קלאָוועלן, האָט זיך געלאָזט גיין.

מיט ציטערדיקע שריט, ווי נישט צו פאַרשוועכן דעם הייליקן באָדן, איז זי געגאַנגען אויף דער שמאָלער סטעזשקע וואָס האָט געפירט צום פרישן בערגל ערד.

זי איז אַרויפגעפאַלן מיט די בלומען אויפן קבר, געקושט דאָס זאַמד, די שטיינער, געקניט פאַר אים, ווי פאַר אַ גאָט, צאַמענדיק אין זיך אַלע געפילן, האָט זי ווי מיט אונטערגעהאַקטע קני קוים זיך דערשלעפּט צוריק צום אויטאָ.

וואָך איין, וואָך אויס, יעדן זונטיק, קומט זי מיט אַ בוקעט בלומען, וועלכע פלאַמען ווי אירע אויגן אונטערן וואָל, און לייגט עס אויף זיין קבר. לעצטנס זענען שוין אויסגעוואַקסן גרעזלעך און געלע בלימעלעך, און אַז זי לייגט אַוועק איר בוקעט פון צאַפּלדיקע בלומען נעמען די גרעזלעך און בלימעלעך פון זיין קבר אים אַרום, פלעכטן זיך איין אין אים, ווי ער וואָלט פון קבר אַרויס זיי אַרויסגעשיקט, זיי זאָלן צונעמען אירע בלומען און אַנקלאַמערן זיך אין זיי ווי ער, אַמאָל, זיינע פינגער אין אירע, אַלס צייכן פון אייביקע ליבע, פון ליבע נאָכן טויט...

צוביידע געטער...

ס׳איז אָוונט. קילע ווינטלעך בלאָזן פון די צוקער־פעלדער און ברענגען אַריין די זיסקייט פון האָניק פון די רייפע קאָניע־שטעקענעס,

פון די זייטיקע געסלעך ציִען זיך אויסגעפּוצטע פּאָרלעך צו דעם קליינשטעטלדיקן פּאַרק אויף דעם זונטיקדיקן שפּאַציר.

צוויי מענטשלעכע רינגען דרייען זיך אין אַ קרייז פון קעגנזייטיקע ריכטונגען, ווו יעדער איינער זעט דעם צווייטן פּנים אל פּנים ביים פאַרביי־שפּאַצירן. ברוינע פּנימער, פייערדיקע אויגן באַגעגענען זיך, ווינקען זיך איבער און פאַרוואַרפן פונקען אין די פאַרבאָרגענע קעמערלעך פון האַרצן, וואָס טליִען אויף מיט ליבע.

פון דער ווייטן זעען אויס די רינגען פון דער שפּאַצירנדיקער יוגנט, ווי רעדער פון אַ שפּינדל. ווו עס שפּינט זיך אַ דינער אומזעבאַרער פאָדעם, פון וועלכן עס ווערט געוועבט די נעץ פון ליבע, ווו יונגע הערצער פאַרפלאָנטערן זיך אין אים אויף אייביק.

אויף איינעם פון אַזעלכע זונטיקדיקע שפּאַצירן האָט דער בלאָנדער יאָשקע זיך באַגעגנט מיט אַ פּאָר שוואַרצע, פייערדיקע אויגן פון אַ יונגער קובאַנקע, וועלכן האָט ביי יעדן אומקרייז אים שאַרף אָנגעקוקט, ווי זי וואָלט וועלן מיט דעם אַרויסרופן צו זיך זיין בייגער. ער האָט זיין בליק פון איר שוין נישט אַראָפּגענומען. צווישן די דריי, וואָס האָבן צוזאַמען שפּאַצירט, איז זי געווען די שענסטע. אַ פּנימל — ווי געמאָלן. די האָר, געלאָקטע — ווי אַ קרוין פון יוגנט. דער קערפּער — דין־סטרונעדיק מיט צייטיקע בריסטלעך, פאַררייסן און צאַפּלדיק. די פיסלעך,

— געטאַקט, פּלינקע און שוועבנדיק. עס האָט קיינער נישט געקענט פאַרבייגיין גלייכגילטיק נישט אָנקוקן איר און באַוווּנדערן.

זי, ווידער, האָט פון ערשטן מאָמענט אָן, ווי זי האָט באַמערקט צווישן די הונדערטער ברונעטע, שוואַרצע און קאַשטאַנען האָר אָט דעם בלאָנדן מיט די בלויע אויגן און ווייסן געזיכט, וועלכער איז אַזוי אַנדערש פון אַלע, נישט געווען גלייכגילטיק צו אים.

אַ בליק פאַר אַ בליק, ביזביידע בליקן האָבן זיך באַהעפט אין איין פאַרעם, וואָס האָט זיך גענומען וויקלען אין קנוילן אַלץ גרעסער און שטאַרקער.

✶

כאַסע און זיין עלטערער ברודער חיים זענען געווען די הויפּט־פירער פון דעם מענער וועש־פאַבריק. דער טאַטע, רב לייב, איז געווען דער צושניידער. דער ברודער האָט אַכטונג געגעבן אויף דער אַרבעט אין פאַבריק און אויף די נייטערקעס, וואָס האָבן אַרויסגענומען צו זיך אין די היימען.

ער, כאַסע, איז געווען דער רייזנדער, דער פאַרקויפער. די ערשטע צייט פלעגט ער זיך אַרומשלעפן מיט די טשעמאָדאַנעס פון מוסטערן פון שטאָט צו שטעטל, אין די אויטאָבוסן. שפּעטער צו, ווען זיי האָבן זיך אַרויפגעאַרבעט, האָט ער שוין איינגעהאַנדלט אַ מאַשין, וואָס ער האָט אַליין געטריבן, און ער איז אַרומגעפאָרן איבערן אינדזל, ווי אַן ערשט־קלאַסיקער סוחר און פאַבריקאַנט.

די מאַמע, כאַנטשע, האָט געפירט די באַלעבאַטישקייט. איר האָט גאָרנישט געפעלט. זיי האָבן געלעבט ווי די רייכסטע אין דעם קליינעם שטעטל. אַ פיינע היים, עסן פון כל טוב. אויסער אַביסל צרות פון כשרות, וועלכע זי האָט אָפּגעהיט שטרענג. זי איז אָבער שטענדיק אַרומגעגאַנגען פאַראומערט. זי האָט געבענקט נאָך יידישע שכנים מען זאָל קענען אויס־ריידן מיט זיי אַ וואָרט, זיך אָראָפּריידן פון האַרצן, כאָטש די קובאַנער שכנים זענען געווען פאַר איר דאָס לעבן. זי איז געווען זייער אַ גוטע. ווען מען האָט געדאַרפט אַ פּאָר דאָלער — האָט מען שטענדיק ביי איר

געקראַגן. און ווען מען האָט נישט אָפּגעגעבן איז געווען גוט. בלויז איין זאַך האָבן זיי איר נישט געקענט פּאַרשטיין: ביים וועלן באָרגן ביי איר אַ טעפּל, צי ביים ברענגען איר אַ מתנה פון „לעטשאָן״ — חזיר, — איז נישט זי האָט געבאָרגט און נישט זי האָט גענומען, אָבער זיי האָבן איר מוחל געווען אַלץ פאַר איר גוטקייט.

נישט איינמאָל איז געקומען אָן איבעררייד ביים עסן, ווו זי האָט געהאַלטן אין איין טענהן: — ביז ווי לאַנג וועלן מיר דאָ זיצן און פוילן אין שטעטל? אָן יידן און אָן יידישקייט? און וואָס וועט זיין דאָ דער תכלית פון די בנים, אַז דאָ איז נישטאָ קיין יידישע מיידל אויף קיין רפואה? פריִער אָדער שפּעטער וועלן זיי דאָך מוזן אריינפאַלן צו די שיקסעס! נישט דערלעבן זאָל איך עס.

מען האָט איר געטרייסט, אַז אַזוי שנעל ווען עס וועט זיך ענדיקן די „סאַפרע״ דער שניט פון דער קאַניע, וועלן זיי זיך אַרויסציִען קיין האַוואַנאַ. אָבער שטענדיק, ווען מען איז געפאָרן זוכן אַ פּלאַץ פאַר דער פאַבריק, אַ פּאַסנדע וווינונג, האָט מען נישט געטראָפן, וואָס מען וויל, דערווייליע איז שוין אָנגעלאָפן דער צווייטער סעזאָן, און מען איז ווידער פאַרבליבן אין שטעטל, אַזוי זענען געלאָפן די יאָרן.

✶

אין אַ פאַרוואָרפענעם געסל ביים עק פון שטעטל, איז געשטאַנען אַ הילצערנע הייזל ווו עס האָט געוווינט אַ קובאַנער באַלעבאַטישע פאַמיליע, מיט צוויי גוט־דערצויגענע קינדער, אַ זון מיט אַ טאָכטער.

שוין אַ לענגערע צייט, ווי כמעט יעדן אָוונט האָט מען געקענט זען אַ הערלעך בילד פון אַ יונג פאַרליבטן פּאָרל.

זי איז געשטאַנען אין שטוב ביים פענצטער מיט די אייזערנע גראַטעס אָן אויסגעפּוצטע, מיט פאַרבענקטע פלעמלעך אין די אויגן וועלכע האָבן געצאַפּלט אונטער די שוואַרצע שאָטנס פון די וויִעס, ווי ליכט פון אַ טיפן ברונעם, וואָס ציט און לאָקט און רייצט... ער איז געשטאַנען פון דרויסן אַנטקעגן איר, פון דער אַנדערער זייט גראַטע, מיט זיין בלאָנדער טשופּרינע און בלויע אויגן אין וועמען זי האָט געזען איר אָפּבילד, ווי

אין צוויי לויטערע הימלען ווו אירע „מענשעלעך" האָבן ווי טויבן געשוועבט, אין דער בלויקייט פון זיין בליק.

ביים זייט, אין אַ וויגשטול, איז געזעסן איר מאַמע און געוואַכט. זייערע רייד זענען געווען שטילע, דינע, מער מיטן בליק ווי מיטן ליפּ. און ווען זיי האָבן געשוויגן, נישט געפונען קיין ווערטער, און איינס דעם צווייטן האָט פאַרגעוואָרפן, וואָס שווייגסטו? זענען זיי געווען נאָך גליקלעכער, איבערגעפולט מיט עמאָציעס, ווו די מענטשלעכע שפּראַך בלייבט שטיין, ווען האַרץ מיט האַרץ רעדט זיך איבער, ווי שטערן מיט געטלעכן ווונק.

שפּעט אין אָוונט. די מוטער איז שוין לאַנג אײַנגעשלאָפן, אויפן וויגשטול, פון מידקייט. אין דרויסן איז פינצטער און שטיל. דאָס געזאַנג פון גרילן און פראָשן פאַרוויגט די וועלט. נאָר זיי ביידע שטייען, ווי צוגעשמידט צו די גראַטעס און קענען זיך נישט אָפּרייסן. זייערע הענט פלעכטן זיך צונויף. דאָס קאַלטע אייזן דריקט אויף די שלייפן און באַקן. אָבער ביידנס ליפּן גליִען מיט פייערדיקע קושן, וואָס האַלט זיי פאַר־אייניקט. די אייזערנע גראַטעס זענען ווי צעשמאָלצן געוואָרן דורך דעם פייער פון ליבע. קיין זאַך צאַמט זיי מער נישט אָפּ איינעם פון צווייטן... נישטאָ מער קיין מחיצה צווישן זיי. איין פלאַמיקער קנויל, ווי אַ ווירבל־ווינט, האָט זיי צוזאַמענגעפלאָכטן און טראָגט זיי קושנדיקע אין אויס־געטרוימטע וועלטן.

✶

שפּעט נאָך האַלבער נאַכט, די הייזלעך זענען געלעגן מיט פאַרשלאָפענע פענצטער, ווי אָן איינגעניורעטע קעצעלע מיט פאַרמאַכטע אויגן, און געשלאָפן אין זיסע רו. מיט שטילע טריט איז ער צוגעגאַנגען צום הינטערשטן פענצטער אויפן הויף, ווו זי האָט שוין געוואַרט אויף אים. זי איז אַריינגעשפּרונגען אין זיינע שטייפע אָרעמס, ווי אַ שטיפעריש קינד, זיך אַרויפגעכאַפּט אויף זיין האַלדז צום ערשטן מאָל אָן גראַטעס פאַרצאַמונג, אויף דער פריי, אין דער גרויסער, פרייער וועלט.

זיי האָבן זיךביידע אַרומגענומען ווי קינדער, איבערגעלאָפּן די פּאָר קוואַרטאַלן, אַריין אין מאַשין און זיך געלאָזט אין וועג אַריין.

פון ביידע זייטן שאָסיי האָבן זיך געצויגן פעלדער מיט קאַניעס פון וועלכע עס האָט אַרויסגעשפּילט די נאַכט מיט הונדערטער שטימעס פון גרילן און פראָשן, ווי אַן אַרקעסטער פון דער נאַטור, וועלכער שפּילט אויס דעם חתונה מאַרש לכבוד דער יונגער פּאָר. איבערן וועג האָבן פייער־פליגן געצונדן פלעמעלעך, ווי ליכטלעך וואָס באַלייכטן דעם וועג צו דער חופּה.

עס האָט אויסגעזען, אַז די נאַטור אַליין האָט צוגעגרייט פאַר זיי די חתונה, וועלכע זיי האָבן אַזוי איינזאַם און עלנט געלאָזט פּראַווען. און דאָ גאָר זינגט מיט זיי מיט די גאַנצע וועלט. און טויזנטער שטערן טאַנצן מיט זיי מיט דעם ערשטן חתן־כלה טאַנץ. ווי פאַרשיכורטע זענען זיי געפאָרן די גאַנצע נאַכט אַרומגענומען פון גליק, וואָס קיינער שטערט זיי נישט אויפן וועג צו זייער ציל.

אויף מאָרגן אין דער פרי איז אין שטעטל געוואָרן אַ ליאַרעם. בליץ שנעל איז איבערגעלאָפן געוואָרן פון מויל צו מויל די ידיעה, אַז קאָנסועלאַ איז אַנטלאָפן מיט איר חתן.

דער עלטערער ברודער, חיים, איז געלאָפן אַהיים. צו דער מאַמען, מיט אַ צוגעגרייטן תירוץ, — זי זאָל אַוועקפירן גלעט קיין האַוואַנאַ, בכדי זי זאָל זיך פון דעם אומגליק נישט דערוויסן. ווען ער איז אָבער אַריין אין הויז האָט ער שוין געטראָפן זיין מוטער זיצנדיק מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ און פאַרבראָכענע הענט, ווי זי וואָלט געזעסן שבעה נאָך איר טויטן קינד.

די מאַמע האָט מיט טרערן אין די אויגן זיך געבעטן ביי אים, אַז ער זאָל זי אַוועקפירן אין האַוואַנאַ, ווו זי וועט זיכער טרעפן איר קינד און אים אָפּהאַלטן פון חתונה האָבן מיט דער שיקסע.

*

צווישן די אַלטע מויערן, אין די שמאָלע געסלעך פון אַלט האַוואַנאַ האָט אַ פרוי ווי אַ שאָטן זיך געשאַרט אויפן וועג צו דער שול. זי

האָט אָנגעקלאַפּט אין טיר. דער שמש האָט אַ פאַרוואונדערטער איר געפרעגט:

— וואָס עפּעס אַזוי פרי?

— איך האָב פאַרגעסן, אַז איך האָב היינט יאָרצייט בין איך עס געקומען אָנצינדן ליכט פאַר דער נשמה וועגן! זי האָט אים דערלאַנגט אַ פאַר דאָלער. און ער האָט זי אַרויפגעפירט אין דער ווייבערישער אָפּטיילונג.

זי האָט זיך אַרומגעקוקט, קיינער איז נישטאָ. האָט זי זיך צוגעשאַרט צום ארון־קודש, אָפּגעשאַרט דעם פּרוכת, אויפגעעפנט דעם ארון און איז אַרויפגעפאַלן אויף דער ערשטער ספר־תורה מיט אַ ים פון טרערן און קושן, אַ שטורעם פון געבעט האָט זיך פון איר האַרץ אַרויסגעריסן...

— טאַטע זיסער! גאָט פון הימל! דו ווייסט דאָך דעם אמת וויפל איך לייד דעם גאַנצן לעבן אָפּצוהיטן יידישקייט! אָט בין איך שוין באַלד 10 יאָר פאַרוואַרפן אין אַ שטעטל, צווישן גויים און איך היט אָפּ כשרות. עס גייען אַריבער וואָכן וואָס מיר עסן קיין פלייש נישט אויב מען שיקט אונדז נישט פון האַוואַנאַ. כ'האָב נאָך קיינמאָל נישט פאַרפעלט צו בענטשן קיין שבת־ליכט! כ'ברענג אַריין קדושה אין דעם אַרום פון טומאה! איז פאַר דעם, טאַטע ליבער! קומט עס מיר, אַז מיין קינד זאָל אָוועקוואַרפן זיין יידישע מאַמען צוליב אַ גויע, אַ שיקסע?! אויב איך האָב געזינדיקט! — שטראָף מיך! אָבער נישט מיין זון, רייס אים נישט אָפּ פון מיין פאָלק! ביי אונדז אין משפּחה איז ביז איצט קיין גוי נישט געוועזן! קיין קינד איז נישט אָפּגעריסן געוואָרן פון זיין גלויבן, פון זיין גאָט! פאַרוואָס קומט עס מיר אַזאַ גזר? אויב מיינע קינדער האָבן געזינדיקט, שטראָף מיר פאַר זיי! נאָר נעם זיי נישט צו! גיב זיי נישט איבער אין גוייִשע הענט!...

דער שמש האָט זי אָוועקגעפירט פון ארון קודש אַ האַלב פאַרחלשטע, מיט אַ פאַר פאַרשוואָלענע אויגן. זי האָט אַריבערגעצויגן די טיכל איבערן לייִדנדיקן פּנים, אַז עס איז געוועזן אַ צער זי אָנצוקוקן.

✱

אין דער זעלבער שול איז אין אַ צוויי וואָכן אַרום געשטאַנען קאָנסועלאָ, אויסגעפּוצט אין אַ ווייסן חופּה קלייד. שוין מיטן נאָמען שרה. לעבן איר דער חתן, יאַשקע, אין אַ ווייסן פּראָנעלענעם אָנצוג, און זיין מוטער — אין אַ שוואַרצן זיידענעם קלייד, וואָס האָט איר געפּאַסט צו די נאָך אין טרויער פאַרצויגענע אויגן. נעבן איר דער מאַן מיטן עלטערן זון.

דער רב, אַ שוואַרצער יונגער־מאַן מיט אַ געדיכט פאַרוואַקסן בערדל האָט געגעבן חופּה וקידושין.

אונטער דער פּורפּור־רויטער חופּה זענען געשטאַנען ווייסע חתן־כלה אַרומגערינגלט פון די שול יידן אין טונקעלע, שוואַרצע בגדים, וועלכע האָבן אויסגעזען ווי אַ שוואַרצער ראָם אַרום אַ הערלעכן בילד פון ווייסע ליליען.

מער אין שטעטל זענען זיי שוין נישט געפאָרן. מען האָט געדונגען צוויי אַפּאַרטאַמענטן איינע נעבן די אַנדערע. אויסגעמעבלירט זיי אויפן מאָדערנסטן אופן. איינעם פאַר די עלטערן און איינעם פאַר דעם יונגן פּאָר.

כּאָנטשע, זיין מוטער, האָט געזוכט צו לערנען די שנור יידישקייט. זי האָט איר געלערנט קאָכן יידישע מאכלים: געפילטע פיש, אָנפּילן אַן העלדזל, פאַרשידענע געבעקסן, און סתם מאַרציפּאַנעס, וואָס נאָר אַ יידישע באַלעבאָסטע קען עס מאַכן.

קאָנסועלאָ פלעגט בענטשן ליכט. פון אָנפאַנג איז עס איר געפאַלן שווער. מיט דער צייט האָט זי זיך צוגעוווינט צו דעם, וואָס טוט מען נישט, אַז מען האָט ליב אַ מאַן?

די פּאַר וואָכן, וואָס יאַשקע איז געווען אויף דער פּראָווינץ, צוליב ביזנעס, פלעגט זי גאַנצע טעג אָפּזיצן ביי איר שוויגער. זי האָט מיט זיי צוזאַמען געגעסן און געטרונקען. די שוויגער פלעגט איר דערציילן מעשיות פון טייטש־חומש, וואָס איז פאַר איר, דער קובאַנערין, געווען ווי אויסטערלישע געשיכטעס פון ווייטע אומבאַקאַנטע וועלטן.

צום יאָר איז געבאָרן געוואָרן אַ קינד, אַ יינגעלע, מען האָט אים געמלט און אַ נאָמען געגעבן דוד׳ל נאָך זיין מאַמעס פאָטער עליו השלום. מאַמע און שוויגער האָבן געניאַנטשעט דאָס קינד. די שוויגער האָט

אים נאָך מער ליבער געהאַט פאַר דער מאַמען. זי האָט אין אים געזען צוריק איר פאַרשטאָרבענעם פאָטער. פאַר איר איז ער געווען פאָטער און קינד.

יאַשקע, האָט זיך לעצטנס געגומען זאַמען לענגער אין וועג, אַמאָל האָט אים געדויערט דריי וואָכן צייט די גאַנצע רייזע איבער דער פּראָווינץ. נאָר איצט גייט אַריבער אַמאָל אַ מאָנאַט און עס האָט שוין אויך געטראָפן זעקס וואָכן ווי ער זאַמט זיך אויף די וועגן. און אַז די עלטערן און די פרוי פרעגן אים — וואָס איז דאָ געשען מיט דיר, וואָס געדויערט דיר אַזוי לאַנג דיין רייזע? — פלעגט ער וועלן, ווי זיך אויסדרייען און אַ מאַך טאָן מיט דער האַנט — גאָרנישט — די צייט איז איצט אַן ערגערע, קומט אָן שווערער דאָס פאַרקויפן און אויך דאָס אײַנקאַסירן. איך מוז אַמאָל זיין צוויי, דריי מאָל ביי אַ קונד איידער איך מאָן איין דאָס געלט ביי אים.

די פרוי אָבער האָט געפילט, אַז עפּעס איז ער ווי אַ געביטענער. ער קען עפּעס נישט איינזיצן אין דער היים. ער איז אונטער אַ צוויי וואָכן און ער פאָרט שוין ווידער. עפּעס ציט אים דאָרט... זי האָט אויך געפילט אַן אָפּגעקילטקייט צו איר. וואָס איז דאָ געשען?

צווישן דעם פּעקל בריוו, וואָס דער בריוו טרעגער האָט אַריינגעבראַכט איז אויך געווען צוויי בריוו פאַר איר. איינס פון איר מוטער, וועלכע פלעגט איר שרייבן אָפּט, און דער צווייטער בריוו איז געווען פון איר חברטע. עס האָט איר אַ קלאַפּ געטאָן אין האַרצן. ביז היינט האָט זי נאָך פון איר קיינמאָל קיין בריוו דערהאַלטן.

זי האָט אויפגעעפנט דעם בריוו מיט ציטערדיקע פינגער, און אַז זי האָט אים גענומען לייענען האָט זיך דאָס בלוט איר גענומען בייטן אין פּנים. פאַר די אויגן איז איר אויפגעשווומען אַ וואָלקן און זי האָט אים נישט געקענט ענדיקן.

— איז עס אמת? קען עס זיין? נאָכדעם, וואָס איך האָב פאַר אים אַזויפיל געטאָן: מיין גאַט פאַרלאָרן, פון די עלטערן זיך דערווייטערט, אָנגענומען אַ נייעם, פרעמדן גלויבן און וואָס נישט? אַלץ צוליב אים. און דאָ זאָל זיין אמת אַז ער נאַרט מיך? און נאָך מיט וועמען! מיט

אַ בלאָנדער חצופה! וואָס ער האָלט אויס אין אַ שטעטל נישט ווייט פון מיינעם. גוואַלד, איך קען עס גאַרנישט גלויבן, איך מוז פאָרן אַליין עס אויספאָרשן.

דער שוויגער, האָט זי געוווסט טאָר זי גאַרנישט אַרויסריידן אַ וואָרט פון דעם, ווייל זי וועט עס נישט אויסהאַלטן אויב זי וועט זיך דערוויסן דעם אמת, אַז איר זון לעבט מיט אַ שיקסע, פאַר וועלכער ער האָלט אויס אַ היים און ער פאַרברענגט דאָרט עטלעכע וואָכן יעדעס מאָל וואָס ער פאָרט אַרויס אויף דער רייזע. איצט, פאַרשטייט זי שוין. פון וואַנעט עס קומט זיין אַפּגעקילטקייט צו איר... זיין זיך זאַמען אַזוי לאַנג אונטערוועגנס...

זי פילט, אַז זי מוז עפּעס טאָן, זי וועט זיך נישט לאָזן אַז אַ ביליקע, אויסגעלאַסענע שיקסע זאָל צונעמען ביי איר דעם פאָטער פון איר קינד און איר מאַן!

זי האָט איבערגעלאָזן דאָס קינד ביי דער שוויגער, ווייל זי האָט געוווסט, אַז זי האָט זיך אויף וועמען צו פאַרלאָזן, און איז געפאָרן אַהיים אין איר שטעטל כלומרשט מיט אַ וויזיט צו אירע עלטערן.

אירע עלטערן האָבן זיך זייער דערפרייט מיט איר, איין קליינִקייט אַזאַ גאַסט! און אַוו איז דאָס קינד? — פאַרוואָס האָסטו אים נישט מיטגעבראַכט? — ווייל איך האָב געוואָלט קומען זיך אויסרוען. און איר ווייסט דאָך, אַז מען שלעפּט מיט אַ קינד קען מען זיך קיינמאָל נישט אויסרוען — האָט זי געפּרובירט געבן אַ פוילן תירוץ.

אין אָוונט איז זי אַרויס אויף אַ שפּאַציר מיט איר חברטע נעבן שטוב, וועלכע האָט איר אויפגעקלערט, אַז דאָ אין שטעטל, איז עס שוין באַלד קיין סוד נישט.

שוין באַלד זעקס מאָנאַט ווי איר מאַן וווינט מיט זיין געליבטער נישט ווייט פון דאַנען אין דעם צווייטן שטעטל. און זי, די בלאָנדע טענצערין, שטאָלצירט מיט אים, ווי טריי ער איז איר. ער ברענגט איר אַלע ווײלע מתנות. און אַז ער איז מער מיט איר אין שטעטל, ווי מיט זיין ווייב אין האַוואַנאַ!

אויסערלעך האָט זי געזוכט אַרויפצוציען אויף זיך אַ מאַסקע פון

רוזקייט און צופרידנקייט. קיינער טאָר נישט באַמערקן דעם שטורעם פון איר האַרצן. אינערלעך איז זי אַרומגעגאַנגען אַ צעוווּנדעטע און געבלוטיקט...

באַכן אַפּזיצן אַ וואָך צייט האָט זי זיך גענומען קלייבן אין וועג אַריין. איר ברודער האָט באַמערקט אין אירע אויגן אַן אומרו און אַ כעס, און אירע בליקן זענען נישט געווען קיין מילדע, צאַרטע, פייערלעך פון ליבע, נאָר שטייפע שטאָלענע שפּיזן פון האַס און נקמה.

עפּעס טראָגט זי זיך אַרום מיט שלעכטע געדאַנקען — האָט ער ביי זיך געקלערט. ווען זי איז אַוועק זיך זעגענען מיט איר חברטע איז ער צוגעגאַנגען צו איר טשעמאָדאַנטשיק, פונאַנדערגעוואָרפן די קליידער, די וועש און אַנגעטאַפּט אונטן איינגעוויקלט אין אַ טיכל זיין רעוואָלווער, וואָס זי האָט אַרויסגענומען פון זיין שופלאָד.

ער האָט צוגענומען דעם רעוואָלווער און צוריק פאַרמאַכט דעם טשעמאָדאַנטשיק.

זי איז געקומען פון גאַס מיט אַ געמאַכטער פריילעכער מינע אויף איר פּנים:

— נו, ברודער! — מיר וועלן זיך זעגענען — האָט זי אויסגעשטרעקט איר האַנט.

ער האָט אַנגענומען איר האַנט אין זיינער, איר אַרומגענומען ווי אַ ברודער אַ שוועסטער און זיך אַוועקגעזעצט מיט איר אויף דער סאָפקע.

— זאָג מיר נאָר שוועסטער — דערצייל מיר דעם אמת, עפּעס זע איך, אַז דו ליידסט. זאָג, אפשר קען איך דיר עלפן?

זי האָט פון אַהויב געלייקנט שטיין אוןביין. ווי ער וואָלט אומזיסט זיך אַנגעזעצט אויף איר. אָבער מיטאַמאָל איז זי צוזאַמענגעבראָכן. זי האָט שוין מער נישט געקענט אויסהאַלטן, ווי אַ קוואַל פון אַן אויפ־געריסענעם פעלדז, איז זי אַרויס מיט טרערן און רייד וואָס זי האָט שוין מער נישט געקענט איינהאַלטן.

— שוועסטער מיינע, אָבער דאָס איז דאָך נישט דער וועג?

— וואָס מיינסטו מיט דעם?

— איך מיין גאַנץ איינפאַך: אַז מיט קיין רעוואָלווער וועסטו דיין גליק צוריק נישט ברענגען! דו וועסט נאָך מער אומגליקלעכער ווערן!

— וואָס? — האָט זי זיך אַ כאַפּ געטאָן — דו האָסט געזוכט ביי מיר אין טשעמאָדאַנטשיק?

— יאָ! איך האָב באַמערקט אין דיר די צעטראָגנקייט, די פאַר־ביטערטקייט און דעם קאָלטן, פאַרפרוירענעם מעסער־שאַרף בליק אין דיינע אויגן — דעם פייער פון נקמה. איך האָב געזוכט און געפונען. איך וויל דיך ראָטן ווי אַ ברודער און אַ פריינט, זאָלסט נישט טראַכטן צו לייזן דיין פּיין דורך מאָרד! מיט דעם קענסטו נאָר ברענגען, אַז דיין קינד, וועט ווערן אַ לעבעדיקער יתום, ווייל דיר וועט מען אַריינזעצן און די ליבע פון דיין מאַן וועסטו דורך דעם נישט געווינען!... — וואָס וועסטו האָבן, אַז דו וועסט אים הרגענען? איך ראָט דיר, פאָר אַהיים. זיי אַ געטרייע מאַמע צו דיין קינד. און פריער־שפּעטער וועט ער די טענצערין, דעם אויסוואָרף אַוועקוואַרפן, ווייל זי וועט דאָך אים זיכער פאַרראַטן, וועט ער דאַן זיך אַרומזען, אַז דו ביסט די איינציקע פרוי זיינע, די איינציקע געטרייע. ער וועט דיר קומען בעטן מחילה, און דו וועסט אים מוחל זיין און איר וועט לעבן צופרידן ווי פריִער. גיב מיר די פאַרזיכערונג, אַז דו וועסט אויפהערן טראַכטן פון נקמה?

— איך פאַרזיכער דיך, מיין ברודער — איז זי אַרויפגעפאַלן מיט טרערן אויף זיינע אַקסלען, ווי זי וואָלט אין אים געזוכט שוץ און געפונען.

✶

זי איז געקומען אַהיים פרייטיק פאַרנאַכט. זי האָט אָנגעצונדן די שבת ליכט, געבענטשט ווי שטענדיק, מיט אַ פרומען און ערנסטן פּנים. איר קינד איז געשטאַנען נעבן טיש און געזען ווי די מאַמע פאַרשטעלט די אויגן מיט די פינגער און די ליכט טאַנצן פון פרייד אַנטקעגן איר מיט שבת־קודשדיקע פלעמלעך פון מנוחה און שלוה.

דעם פרייטיק צונאַכטס האָט זי געגעסן צוזאַמען מיט אירע שוויגער־עלטערן ווי שטענדיק, ווען איר מאַן איז אַפּוועזנדיק.

זיי האָבן איר אָנגעקוקט און באַמערקט, אַז זי איז עפּעס אומעטיק. אַ טיפער צער קוקט אַרויס פון אירע אויגן.

— וואָס איז מיט דיר ? — האָבן זיי געפרעגט.

— גאָרנישט — האָט זי זיי געענטפערט, ווי וועלנדיק אויסבאַהאַלטן אירע בליקן פון זייערע, די מאַמע איז אַביסל נישט געזונט.

— נו ,איז וואָס גאָט וועט העלפן — האָבן זיי איר געטרייסט, — זי וועט געזונט ווערן, היינט איז שבת, אין שבת טאָר מען נישט טרויערן. שבת איז אַ טאָג פון פרייד, פון רו און פון גליק, שבת דאַרף מען פאַרגעסן פון אַלע צרות און גלויבן אין גאָט, וואָס האָט געשאַפן דער וועלט און ווייס וואָס ער טוט. איצט רוט ער גלייך מיט אַלץ וואָס ער האָט באַשאַפן אין הימל און אויף דער ערד. איז טאָר מען נישט אַריינגיין אין טרויער און עצבות, ווען גאָט און אַלץ אין דער וועלט פרייט זיך און זינגט! איז דו, מיין טאָכטער, — רעדט צו איר די שוויגער — זיי אויך אַדורכגענומען פון דעם גלויבן פון דעם שבת, פון די געטלעכע פרייד.

מיד פון וועג, האָט זי זיך אויפגעהויבן, זיי געזאָגט אַ גוטן שבת, און איז אַוועק צו זיך אין אַפּאַרטאַמענט. זי האָט געלייגט דאָס קינד שלאָפן אין איר בעט, און זיך צוגעשפּאַרט לעבן אים.

פון צווייטן צימער האָבן די שבת־ליכט זיך געשפּילט מיטן ווינט פון אָפענעם פענצטער, געטאַנצט אַרויף און אַראָפּ און נישט געלאָזן איר איינשלאָפן. איר האַרץ איז געווען פול. זי איז אַראָפּ פון בעט, ווי געצויגן פון די פלעמעלעך פון די ליכט, צוגעגאַנגען צו זיי און גענומען שעפּטשען אַ תפילה: —

— גאָט פון אברהם, יצחק און יעקב! — איך בין צו דיר געקומען מיט דעם גאַנצן פייער פון ליבע צו מיין מאַן. איך האָב אָנגענומען זיין גלויבן בכדי עס זאָלן נישט זיין קיין שטערונג און אונזער לעבן! און דאָ, ליג איך איצט, ווי אַן אויסגעשפּיגענע, אַ צעטראָגענע און אַן עלנטע, איינע אַליין... פאַרביטן געוואָרן דורך אַן אויסגעלאָסענער טענצערין! ווער קען מיך פאַרשטיין ? — ווער קען פילן מיין צער ? ווו זאָל איך בעטן הילף ?... — זי האָט גענומען פלוטעווען. די ווערטער האָבן זיך געפּלאָנטערט צווישן די ליפּן. דאָס פייער פון האַס וואָס האָט געברענט

אין איר האַרצן האָט אַרויסגעשלאָגן, ווי די לאַווע פון אַ ווולקאַן. דער האַס האָט זיך גענומען אויסשפּרייטן אויף אַלץ וואָס האָט נאָר דערמאָנט אין אים, אויף זיינע עלטערן, אויף זיין גאָט...

דער דינער שיכט פון יידישקייט, וואָס איר שוויגער האָט געזוכט אַרויפצוציען אויף איר איז צעשמאָלצן געוואָרן. זי האָט צוריק דערפילט אַ בענקשאַפט צו איר היים, צו אירע עלטערן, צו איר גאָט. זי האָט געוואָרפן אירע בליקן אויף דעם האַלב טונקלען צימער, אויף די ווענט, זוכנדיק אַ בילד... און אַזוי זוכנדיק דעם בילד פון איר גאָט האָט זי זיך דערמאָנט, אַז ביי איר אין צירונג פּושקע ליגט אַ גאָלדן קייטעלע מיט אַ צלמל. זי איז צוגעלאָפן צו דער שאַפע, אַרויסגענומען דאָס קייטעלע מיטן צלמל, אים אָנגעטאָן אויף די שבתדיקע לייכטער. עס איז געבליבן הענגען, זיך באַמבלענדיק אין דער מיט.

די שבת־ליכט זענען מיט אַמאָל פאַרוואַנדלט געוואָרן אין הייליקע קריסטלעכע ליכט אַרום אַ געקרייציקטן יעזוס.

זי האָט זיך אַוועקגעשטעלט, אינסטינקטיוו אויף די קני און פון האַרצן אַרויס האָט זיך איר געריסן אַ שטראָם פון געבעט מיט טרערן: —

— אַ יעזוס מיינער! דו ווייסט דאָך דעם אמת, אַז איך בין פון דיר קיינמאָל נישט אַוועק, ווייל איך דאַרף דאָך אַוועקגיין פון זיך, אַרויסרייסן מיין האַרץ! דו ביסט דאָך שטענדיק דאָרט דאָ! איך האָב דאָך דיר אַריינגעזויגן צוזאַמען מיט דער מוטערס מילך פון ברוסט. און אַז איך טראַכט נאָר פון גאָט — זע איך נאָר דיך! זע איך דיין פאַרצערטן פּנים, וואָס איז פול מיט ליידן אַזוי ווי מיינער איצט. דו וועסט מיך פאַרשטיין. איך האָב דיך בלויז פאַרבאָרגן טיפער. קיינער זאָל נישט זען, קיינער זאָל נישט באַמערקן, ווייל איך האָב נישט געוואָלט צושטערן מיין ליבע, וואָס איז אַזוי הייליק און געטלעך געווען. דו ווילסט דאָך נישט, אַז דער מענטש זאָל ליידן? דו ווילסט דאָך אַז דער מענטש זאָל ליבן, זאָל לעבן! נו, האָב איך צוליב דער ריינער, און הייליקער ליבע דיך אין האַרצן פאַרבאַהאַלטן און אָנגענומען לפּנים וועגן דעם יידישן גלויבן! אָבער ווען און ווו איך האָב נאָר געטראַכט פון גאָט — האָב איך דאָך קיין אַנדער בילד פאַר מיינע אויגן נישט געהאַט ווי דיינעם! ווייל קיין

אַנדער בילד פון גאָט האָט מען דאָך מיר נישט געוויזן. אָט אַזוי האָב איך שטענדיק נאָר דיר געזען! צו דיר געבעטן און אין דיר געגלויבט! און איצט, גאָט פון ליידן, דו וועסט מיר פילן אין מיין צער! דו וועסט פילן מיין האַרץ, וואָס איז איצט אויך געקרייציקט... פאַרוווּנדעט און גייט אָפּ מיט בלוט... העלף מיר אַרויס, און גיב מיר צוריק דעם פאָטער פון מיין קינד און די ליבע פון מיין מאַן! באַפריי אים פון דער קליפּה, דער מכשפה, די טענצערין! זי האָט צעשטערט מיין לעבן און פאַרפינצ־טערט מיין טאָג און פאַרטרערט מיין נאַכט... גאָט, יעזוס, העלף מיר! —

די ליכט האָבן גענומען צאַנקען. די שאָטנס אויף די ווענט זענען געוואָרן גרעסער. עס האָט אויסגעזען ווי אַ געראַנגל פון די געטער: ווי דער יידישער גאָט פון די שבת ליכט ראַנגלט זיך מיטן גוייִשן גאָט פון צלם, וואָס הענגט אויף די לייכטער. דאָ זענען די פלעמעלעך געוואָרן גרעסער און דער יידישער גאָט איז מנצח, שלינגט איין דעם צלם, און דאָ זענען די שאָטנס געוואָרן חוצפּהדיקער, ווי דער צלם וואָלט באַזיגט די שבת־ליכט. אין דעם געראַנגל פון ליכט און שאָטנס אויף די ווענט האָט זי געזען אַן אָפּבילד פון דעם געראַנגל ביי איר אין האַרצן. דער יידישער גאָט לאָזט זיך נישט אָפּנאַרן און ער שטראָפט זי פאַר דעם און דער קריסטלעכער גאָט זוכט איר צו באַשיצן, צו היילן און טרייסטן... זי איז געפאַלן אין אַנמאַכט.

— — — — — — — — — — — —

ווען זי איז געקומען צו זיך זענען שוין די שבת־ליכט געווען לאַנג אויסגעלאָשן. זי האָט זיך אויפגעהויבן פון דיל, צוגעגאַנגען צום אָפענעם פענצטער, און זי האָט דערפילט ווי געטלעכע ליפּן קושן איר אויס די טרערן פון אירע אויגן און פּנים. אַ קילער נאַכט־ווינטל גלעט אירע זיידענע האָר, ווי מאַמעשע פינגער... און אַ ים פון אומציילִיקע שטערן ווינקען צו איר און טרייסטן. די פרישע נאַכט־לופט, וואָס זי האָט אַריינגעאָטעמט, האָט ווי אָנגעגאָסן נייע בלוט אין אירע אָדערן. זי האָט זיך דערפילט היימיש און נאָענט מיט די שטערן, אַזוי ווי זיי וואָלטן צו איר אין צימער געקומען, אַ נייעם גלויבן איר געגעבן.

דער האַס איז ווי אויסגערונען געוואָרן פון איר. און צוריק האָט

ליבע געגומען שלאָגן. ווי אַ נייער קוואַל פון לעבן וואָלט ביי איר זיך געעפנט, מיט אַ מעכטיקן שטראָם פון גלויבן אין זיך, אין לעבן און אין מענטשן.

זי האָט זיך צוגעטוליעט צום קינד און אַ נחת־רוחדיקער שמייכל האָט זיך אויסגעשפּרייט אויף איר טרוימערישן געזיכט.

דער ווינט האָט געבלאָזן און באַוועגט דאָס ליילעך פוןביידע זייטן בעט. עס האָט אויסגעוויזן, אַז מאַמע און קינד ווערן פאַרוויגט אין אומזעבאַרע געטלעכע אָרעמס, אין דער שטילער לייטזעליקייט פון דער נאַכט.

דער למד-וואָוניק...

רב לייב, איז געווען פון די ערשטע יידישע אימיגראַנטן, וואָס זענען געקומען נאָך דעם ערשטן וועלט־קריג קיין קובאַ. שווערע יאָרן זענען עס געווען. פון דער אַלטער־וועלט אַרויסגעריסן און אין דער נייער — קיין מנוחה נישט געפונען. זיך אַרומגעבאַמבלט ווי אַ פּילקע, וואָס איז פאַרשליידערט געוואָרן פון אַ ריזיקן, מעכטיקן אַרעם און האַלט אין איין אָפּשפּרינגען, און אַרומטאַנצן פון איין אָרט צום צווייטן מיטן כוח פון אינערציע.

פריי און הפקרדיק איז דאָס לעבן געוואָרן. אַ יוגנט, וואָס האָט נאָך נישט באַוויזן אָנצוטאָן דעם יידישן־עול אויף זיך האָט אים מיט אַ לייכטקייט אַראָפּגעוואָרפן, ווי דאָס גראָבע, וואַרעמע קליידל וואָס האָט זיך נישט געפּאַסט צום קובאַנער, טראָפּישן קלימאַט.

אַ דינע העמדל, אַ פּאָר־הויזן און סאַנדאַלן — איז געווען זיין דרויסנדיקע־הילוך; אַ יידישע צייטונג, אַ קעסטל־אָוונט, דער קלוב — זיין גייסטיקער־לבוש. לייכט, גרינג און דין איז געווען דאָס יידישקייט: נישט קיין שבת, נישט קיין יום טוב, נישט קיין ציצית, נישט קיין תפילין. אָט די אַלע סוגים און צאַמען, וועלכע האָבן דעם ייד געפּענטעט אויף יעדן שריט און טריט זענען ווי אין וואַסער אַריין. ווי דער ים, וואָס האָט פונאַנדערגעטיילט אָט דיביידע צאַרנדיקע כוואַליעס פאַר־שווענקט פון שדים פאַרפירט...

בלויז יחידים, דאָס רוב עלטערע יידן, האָבן פאַר זיך אַ מנין געמאַכט און אַ קלייזל געעפנט. די טויזנטער יידישע אימיגראַנטן וואָס די שיפן האָבן אַרויסגעוואָרפן אין האַוואַנער פּאָרט האָבן דעם דוחק אין אַ מנין

נישט פאַרקלענערט. כמעט שטענדיק האָט מען געמוזט וואַרטן, כאַפּן אַ יידן אויפן גאַס אים מצרף צו זיין צו אַ מנין.

רב לייב איז געווען איינער פון די געציילטע, כאַטש נאָך גאָר אַ יונגער־מאַנטשיק, וואָס פלעגט טאָג־טעגלעך קומען אין דער פרי צו דאַוונען בציבור. זיין מיטל־וווּקסיקער קערפּער, מיט אַ געדיכטן קאָפּ קאַשטאַנען־האָר און ברוינע אויגן האָבן אַרויסגעקוקט מיט גוטסקייט פון זיין קיילעכדיקן, בלאַסן לבנה־פּנים. ער האָט געוווּסט, אַז די פּרייע, וואָס קענען אים, לאַכן אים אויס, האַלטן אים פאַר אַ פּייקע... אָבער ער האָט זיי אַלעמען מוחל געווען. טיף אין זיך האָט ער זיי באַדויערט, וואָס זיי פאַרשטייען אים נישט. ער האָט רחמנות געקראָגן אויף זיי, וואָס קובאַ האָט זיי אַראָפּגעפירט פון גלייכן יידישן וועג, וואָס ווערט געפירט פון דעם גרויסן אַלמעכטיקן גאָט, וואָס איז פול איבער דער גאַנצער וועלט. און אין האַרצן האָט ער זיך געטראַכט, נישקאָשע, זיי וועלן עלטער ווערן, וועלן זיי זיך אַרומזען, און קומען צוריק צום טויער פון גאָטס־הויז, ווייל זיי וועלן נישט וועלן, אַז זייערע קינדער זאָלן אָפּגעריסן ווערן פון זיי און חלילה, ווערן אויס יידן. ס'איז יוגנט־קאַפּריזן. זאָלן זיי זיך אויסלעבן, אָפּהוליען, אָפּטאַנצן זייער צייט, פריער אָדער שפּעטער וועלן זיי זיך כאַפּן, אַז זיי האָבן פאַרבלאָנדזשעט, און קומען צוריק אַנקלאַפּן אין טיר, וואָס זיי האָבן געמיינט, אַז זיי האָבן שוין אויף אייביק פאַרמאַכט...

רב לייב איז געווען אַ גוטער פאַכמאַן פון דער היים. דאָ האָט ער דאָס פאַך ניש געקענט נוצן, ווייל אים וואָלט אויסגעקומען צו אַרבעטן אום שבת. צוליב דעם האָט ער זיך גענומען צו פּעדלערייַ. ער פלעגט אַרויספאָרן אין די פאַרשטעט פון האַוואַנאַ מיט טשעמאָדאַנעס מיט סחורה. פלעגט גיין פון שטוב צו שטוב אַנקלאַפּן אין טיר, פרעגן צו זיי ווילן עפּעס קויפן. מען האָט אים גערופן „על טורקאָ" דער טערק. ווייל דאָס רוב, וואָס האָבן געפּעדלט צו יענער צייט מיט וואַליזעס אויף אויסצאָלן זענען געווען ספרדישע יידן, וואָס זענען געקומען פון טערקיי.

די ערשטע צייט האָט ער קוים פאַרדינט גענוג אויף חיונה פאַר זיך מיט זיין פרוי און קינד. ער האָט געוווינט אין אַ צימער אויפן דריטן

שטאָק, אויפֿן דאַך, אין איינער פֿון די פּאַרטאָווע גאַסן פֿון אַלט־האַוואַנאַ. עס האָט אים אויסגעמאַכט ביליק דירה־געלט. ווייל אין אַזאַ צימער אויף די נידעריקע שטאָקן וואָלט ער געמוזט האַלטן קוואַרטיראַנטן, ווי דאָס רוב אימיגראַנטן האָבן זיך געפֿירט. ביינאַכט האָט מען אויפֿגעשטעלט אייזערנע בעטלעך און אין דער מיט פֿון צימער פֿאַרצויגן מיט אַ ליילעך איבערן בעט, ווי אַ מחיצה פֿאַר די יונגע־פּאָר...

מיטן עסן — איז אויך געווען ווי אַ טאָג — האָט ער פֿאַרדינט מערער האָט די פֿרוי אָפּגעקאָכט אַ שטיקל פֿלייש מיט זופּ און פֿאַרביסן מיט אַ פּרוכט. איז געווען די צייט אַ שוואַכע, — איבערהויפּט די זומער־מאָנאַטן, וואָס מען רופֿט דאָ: „טיעמפּאָ מוערטאָ" — די טויטע צייט, ווען די צוקער פֿאַבריקן שטייען, און עס איז דאָ אַ גרויסע אַרבעטסלאָזיקייט, די ביזנעס איז שוואַך — איז דאַן פֿלעגט מען אַדורכקומען מיט אַבי־וואָס־עס־איז... אַ שטיקל ברויט מיט אַ פּלאַטאַנע, צי אַביסל רייז־מיט־נישט... עס זענען געווען וואָכן, וואָס זיי האָבן נישט פֿאַרזוכט קיין ביסל קאַווע־מיט־מילך — פֿאַרן קינד און פֿאַר זיך — האָבן זיי גענומען בלויז איינעם, פֿאַרן קינד. און אַליין געטרונקען אַביסל פֿאַרבריטע טיי מיט אַ שטיקל ברויט, ווייל די צען סענט פֿון דער מילך האָט די פֿרוי געדאַרפֿט אָפּשפּאָרן, אויף צו באַצאָלן פֿאַר דער טבילה... טהרת המשפּחה.

כאָטש אין נויט, דאָך זענען ביידע געווען גליקלעך און צופֿרידן. זיי האָבן עס גענומען פֿאַר ליב. און איבערהויפּט, וואָס זיי קענען דאָ אויספֿירן און לעבן ווי יידן אין דער אַלטער־היים. און געהאָפֿט צו גאָט דאָס ער וועט זיי נישט פֿאַרלאָזן, און צושיקן זיי געזונט און פּרנסה.

דאָ, אויפֿן דאַך האָט ער זיך געוווינט אין זיין אייגענעם וועלטל, ווי אַן אָפּגעשלאָסענער פֿאַר זיך. קיינער האָט נישט געזען ווי ער פֿלעגט זיצן שפּעט אין אָוונט מיט אַ ספר אין האַנט, פֿאַרטיפֿט אין לערנען. צי אַמאָל, אין די הייסע, פֿאַרנע, זומערדיקע נעכט, ווען די לופֿט איז געווען ווי פֿאַרגליווערט, שטיקנד, מען האָט נישט געקענט איינשלאָפֿן, איז ער אַרויס פֿון זיין קליין צימערל, זיך אָנגעשפּאַרט אָן דעם געמויערטן ראַנד פֿון דאַך, און באַטראַכט גאַטס וועלטל.

אַנטקעגן אים האָבן טויזנטער פֿלעמעלעך זיך איבערגעוווּנקען פֿון

די בערגיקע געגנטן פון האַוואַנער פאַרשטעט. פון צייט־צו־צייט האָט אַ טיקטאַק פון אַ מאַטאַרקע, אַ קליין שיפל, וואָס האָט געשניטן די ים־בוכטע, איבערגעריסן די שטילקייט און אָנגערעגט צו דענקען:

— האַ! נאַרישע מענטשן, — האָט ער זיך געטראַכט, — אַ קליין שיפל אויפן ים קען זיך נישט באַוועגן אָן אַ מאַטאַריסט. עס דאַרף זיין איינער וואָס פירט עס פון איין ברעג צום צווייטן. און עס האָט אַ ציל דער מענטש וואָס פירט. עפּעס וויל ער דאָך דערגרייכן... אַנישט וואָלט ער דאָך נישט געפאָרן אין מיטן דער נאַכט, ווען אַלע שלאָפן. און דאָ, איז אַ וועלט אַ גרויסע אונטן און מיליאָנען וועלטן אין דעם אוניווערס באַוועגן זיך. פליען איבער פון איין אָרט אין אַ צווייטן, ווילן זיי, די חכמים, זאָגן — אַז ס'נישטאָ קיין גאָט אויף דער וועלט... אַז דאָס פירט זיך פון זיך אַליין... די נאַטור?!... אַ שטערן, וואָס איז פאַרבייגעפלויגן אין רוים, אַ שוועב־געטאָן אין וועלט־אַל האָט ווי צוגעגעבן זיין הסכמה צו רב לייבס געדאַנקען — אַ קליין שיפל דאַרף האָבן אַ פירער און אַ שטערן נישט? האַ, נאַרישע מענטשן! זיי ווילן די וועלט פאַרשטיין!... פילן דאַרפן זיי זי!... אָט אַזוי ווי איך.

טויזנטער לעמפעלעך אויף דער ערד, און אומצייליקע שטערן אין דער הויך שפילן צוזאַמען אויס איין ניגון פון לעבן פון דעם וועלט־באַשעפער, וועלכער האָט זיך אָנגעהויבן פון בריאת־העולם און עס וועט זיך אַזוי ציִען לעדי עד...

פילנדיק, אַז ער איז אויכעט איינער פון די מיליאָנען, וואָס האָט זוכה געווען דאָס פון אים זאָל אַרויסזינגען דער ניגון צום רבונו־של־עולם, האָבן זיינע ליפּן גענומען שעפּטשען אַ תפילה צו גאָט. און אַלץ אַרום אים האָט אין שטילער, פאַרכטיקער, פרומקייט נאָכגעזאָגט אַ לויב צו דעם גרויסן סוד פון לעבן, וואָס זינגט־אַרויס פון אַלץ און פון אַלעמען.

— אַ, מענטשן, מענטשן! — נישט דענקען דאַרף מען — נאָר פילן, פילן בלב ובנפש... דאַן קען מען אַלץ פאַרשטיין, און באַנעמען... — און אָט אַזוי טראַכטנדיק, האָט ער זיך אָוועקגעשלייכט צוריק צו זיין געלעגער.

ער איז געווען פרום, אָבער ער האָט זיך מיט פרומקייט נישט ארומגעצאַצקעט. די פרומקייט איז געווען ביי אים אַ נאַטירלעכע. פּונקט ווי די זון איז אויפגעגאַנגען יעדן טאָג, אַט אַזוי האָט ער געוווּסט, אַז ער דאַרף נעמען דעם טלית ותפילין און גיין דאַוונען. און דאָס זעלבע, ווען דער טאָג האָט גענומען צערינען איז ער געגאַנגען דאַוונען מנחה. און ביז עס האָבן זיך באַוויזן די שטערן, בין מנחה ומעריב, אַריינגעכאַפּט אַ שמועס מיט אַ יידן, צו אַמאָל זיך פאַרטראַכט אין אַ ספר. זעלטן האָט געטראָפן אַז ער האָט פאַרפעלט צו קומען אין שול.

*

פאַר די אַנדערהאַלבן צענדליק יאָר, וואָס ער איז אין קובאַ, איז ער קיין גביר נישט געוואָרן. צוליב שבת האָט ער אין קיין ביזנעס נישט געקענט גיין און ער איז געבליבן דער זעלבער פעדלער ווי פריִער. מיטן איינציקן אויסנאַם, וואָס ער וווינט שוין נישט מער אויפן דאַך, נאָר אין זעלבן מויער, אויפן צווייטן שטאָק, ווו ער האַלט איין צימער אַ פאַרדונגענעם, און דאָס גאַנצע הויז פאַר זיך.

פון די קונדן, האָבן אַ סך אויסגענוצט זיין גוטן כאַראַקטער און אים אָנגעזעצט. אָבער אַ טייל האָבן אין אים דערקענט דעם אָרנטלעכן „פּאָלאַקאָ״ — ייד, און קויפן ביי אים די גאַנצע צייט. זיי ווייסן, אַז ער באַרייסט זיי נישט, און גיט זיי אַ סך אַרטיקלען פיל ביליקער ווי אין געשעפט, כאָטש ער גיט זיי אויף אויסצאָלן.

צווישן דעם ביסל פרומע שול-יידן האָט מען רב לייבן געאַכטעט. מען האָט געוווּסט, אַז כאָטש ער איז אַ ייד אַ בעל תורה דאַך גרויסט ער זיך נישט מיט דעם. ער איז איינפאַך און פשוט מיט אַלעמען. ער רייסט זיך נישט קיינמאָל צום אויבן אָן. אַז מען דאַרף אַ טובה איז ער דאָ פון די ערשטע; אַ נדבה — גיט ער איבער זיינע כוחות, און נישט איינמאָל בסתר... אַז אַ באַלעבאַטישע פאַמיליע איז אַראָפּ פון איר גדולה און לעבט אין נויט — איז רב לייב שוין געגאַנגען שאַפן דירה געלט, מען זאָל זיי נישט אַרויסשטעלן מיט דעם מעבל אויפן גאַס, צי זי זאָל נישט אויסגיין, חלילה, פון הונגער. ער האָט קיינמאָל נישט

געזאָגט פאַר וועמען ער גייט אויפזאַמלען. און אַז מען איז צוגעשטאַנען צו אים ער זאָל זאָגן פאַר וועמען, איז געוועז זיין ענטפערן — ס׳איז אַ נויטיקע נדבה. אויב איר ווילט נישט געבן — גיט נישט! אויב איר ווילט קלייב איך עס פאַר זיך... מען האָט אים קיינמאָל נישט געקענט אָפּזאָגן. ווייל מען האָט געוווסט, אַז רב לייב גייט אויפקלייבן — איז עס פאַר עמעצן אין אַ גרויסער נויט, און עס דאַרף זיין אַ מתן־בסתר...

האָט זיך געהאַנדלט וועגן כשרות, האָט מען געוווסט, אַז ביי רב לייבן קען מען דעם גרעסטן צדיק אָנפאַרטרויען. פלעגן ביי אים, טאַקע דאָס רוב, איינשטיין רבנים, וואָס פלעגן זיך אַראָפּכאַפּן קיין האַוואַנאַ. ווער אַ וויזע קיין אַמעריקע; און ווער פאַר אַ קאַמפּיין פאַר אַ ישיבה. און רב לייב האָט אַלעמען זיי באַדינט מיט ליבע. ער איז געווען צופרידן, וואָס זיין הויז איז אַ בית־לתורה און ווו אַ פרומער ייד קען געפינען זיין היים. נישט דאַרפן, חלילה, נכשל ווערן מיט טרפות...

*

ס׳איז געווען אין עשרת־ימי־תשובה. אַ גרופּע יידן זיצן בין מנחה למעריב, פאַרקלעמטע אין קלייזל. אויף זייערע פּנימער איז אויסגעגאָסן אַ צער פון דורות. די זון איז שוין לאַנג פאַרגאַנגען. און די אָוונטדיקע שאָטנס וויקלען זיך אַרום זיי ווי שלאַנגען און וואַרפן אויף זיי אַן אַ פּחד.

— וואָס זאָל מען טאָן? — אַז עס איז געקומען אַזאַ אומגליק אויף דער וועלט! — שניידט דורך אין דער פינצטער אַ קול. — און וואָס עפּעס דאָרטן! דאָ אַליין זיצן עטלעכע הונדערט יידן אין טיסקאַרניע, און עס גייט צו יום כיפור, און עס איז נישטאָ ווער עס זאָל צוגרייטן פאַר זיי כשרע מאָלצייטן! וואָס וועלן טאָן די פרומע? וועלן זיי דאַרפן פאַסטן אי ערב יום כיפור, אי יום כיפור און אי נאָך יום כיפור? וואָס טוט זיך דאָ? פאַרוואָס זאָלן מיר, שול יידן שווייגן? איז עס שוין טאַקע נישטאָ קיין אויסוועג?

אַלע האָבן אָפּגעקרעכצט מיט אַ טיפן אָטעם פון האַרצן. נאָר באַלד האָט זיך דערהערט רב לייבס שטימע:

— די יידן אין אימיגראַציע לאַגער וועלן קיין טרפות נישט עסן. איך מיט מיין פרוי און קינד וועלן צוגרייטן פאַר זיי דאָס עסן. איר דאַרפט מיר נאָר באַזאָרגן מיט עטלעכע גרויסע טעפּ און מיר וועלן אָפּקאָכן די פיש, כשרן די עופות פאַר אַלעמען. אַלע יידן וועלן עסן כשר. זאָל מען ברענגען צו אונדז דעם פּראָוויאַנט, און איר מעגט זיך אויף מיר פאַרלאָזן, אַז איך וועל עס צושטעלן צו דער צייט.

— וואָס רעדט איר, רב לייב? — עס וועט דאָך זיין פאַר אייך צו שווער! איך קענט זיך פאַרשטעלן וואָס הייסט אָפּקאָכן איבער הונדערט עופות!

— נישט געדאגהט! — מיר האָבן אַ גרויסן גאָט אין הימל, ער וועט אונדז געבן כוחות דאָס אַלץ צוצוגרייטן. מיר האָבן נאָך צוויי טעג און צוויי נעכט. —

פון רב לייבס שטוב זעצט מיט ריחות, ווי בשמים, אַז עס פאַרשמעקט די גאַנצע גאַס. פולע שיסלען מיט פיש, וואָס רייסן די נאָזלעכער מיט זייער פעפערדיקער שאַרפקייט, אַז ס׳רופט אַרויס סלינע פון מויל.

אַרום דריי גרויסע, אַנגעגליטע טעפּ דרייט זיך אַרום אַ דאַרע, ווי אַ קוועקזילבער רבקה, זיין פרוי, מיט אַ לאַנגן גאָפּל, האַלט אין איין מישן, דאָס עסן זאָל זיך נישט צוברענען.

רב לייב שטייט נעבן איר און העלפט איר צו; דאָ מיט אַ קענדל וואַסער, צו דערגיסן, דאָ אַראָפּנעמען דעם טאָפּ; איבערצולייגן די פאַרטיקע עופות אויף צוצושטעלן די איבעריקע צום קאָכן. ביידנס פּנימער זענען פאַרפלאַמט. די אויגן גליִען. אויף זיי ליגט אויסגעגאָסן אַזאַ הייליקע צופרידנקייט, וואָס נאָר דער כהן בית המקדש ביי דער עבודה האָט אַזוי געפילט.

צו מנחה זענען זיי געווען אַזוי מיד פון די טעג און נעכט פון אָנשטרענגונג, אַז זיי האָבן זיך נישט געקענט רירן. איז געבליבן, אַז זיי וועלן דאָס יאָר דאַוונען מנחה אין שטוב. זיך אָפּרוען אַביסל, בכדי צו קענען גיין צו כל נדרי.

ער האָט זיך אָוועקגעשטעלט ביי דער מזרח וואַנט צו דאַוונען

ביחידות. פרייד און צער האָבן אים זיין תפילה צומישט. פון איין זייט איז זיין האַרץ פול געווען מיט ליבּ צו גאָט, וואָס האָט אים מזכה געווען מיט אַזאַ גרויסער מצוה, און פּונקט ערב יום כיפּור, צו באַדינען אַזויפיל יידן, און פון דער צווייטער זייט זענען פאַר זיינע פאַרשלאָפענע אויגן פאַרבייגעלאָפן בילדער פון ערב יום כיפּור. ער האָט די אַלע לאַגער־יידן צוריק געזען אין זייערע יידישע שטעטעלעך, ווו אין יעדער היים האָט אַ פּאַרכטיקע מורא געררוט. מיט שטילע, איינגעהאַלטענע טריט און ציטערדיקע הערצער האָט זיך יעדער אייגער צום גרויסן יום הדין געגרייט. יעדער איינער איז געגאַנגען איבערבעטן דעם צווייטן און מיט טרערן אין די אויגן זיך מוחל געווען. די שנאה איז פון האַרצן אַנטרונען און ליבע האָט זיך פונאַנדערגעבליט. ליבע פון מענטש צו מענטש. געלייטערטע, דערהויבענע האָבן זיי זיך אין די קליינע הייזלעך אַרומגע־דרייט, ווי זיי וואָלטן זייערע אייגענע פיר ווענט נישט דערקענט. דער גרויער, וואָכעדיקער טיש איז געווען איבערגעצויגן מיט אַ גרויסן, ווייס געשטריקטן טישטוך, וועמעס שפּיצן האָבן געקושט דעם דיל, און אַז די מוטער האָט אַ בליק געטאָן אויפן טישטעך זענען פאַר איר פאַרבייגעלאָפן צענדליקער יאָרן. זי האָט זיך דערזען אַ בלאַסע מיידל, ווען אירע באַקן האָב זיך גערויטלט ביים דערמאָנען איר, אַז זי איז שוין אַ כלה־מויד! געדיכטע, פּינצטערע הערבסט נעכט, ווייסע זילבערנע ווינטער־אָוונטן, ביי אַן אומעטיקן פייערל פון אַ נאַכט־לעמפּל — האָט זי דעם טישטעך געשטריקט: אויגל אויף אויגל געצויגן; בלומען אוזאָרן געשפּונען; גאָלדענע חלומות געוועבט... איר מיידלשן פייער פאַרטרויט און פלאַמען פון יוגנט אין די פעדים פאַרפלאָכטן, און די פינגער האָבן אויף די פעדים ווי אויף סטרונעס זיך באַוועגט, דאָס געזאַנג פון האַרצן, דעם ליד פון ליבע אויף זיי אויסגעשפּילט...

און איבערן טישטעך זענען צוויי זילבערנע לייכטער געשטאַנען, אין וועלכע עלטער־באָבעס, וואָס זענען שוין פון לאַנג אויפן עולם האמת, האָבן איבער זיי שבת־יום־טובדיקע ליכט געצונדן. זייערע טרערן האָבן זיך געשפּיגלט אין זיי... און ביי יעדעס מאָל וואָס מען בענטשט ליכט זעט מען אין זיי דעם גלאַנץ פון די פאַרטרערטע אויגן, וואָס זיי

האָבן איינגעזאַפּט אין זיך אויף אייביק. און די ליכט, וואָס לייכטן איז אַ קייט פון ליכט וואָס ציט זיך פון דורות... ווערט קיינמאָל נישט איבערגעריסן... און ווען דאָס פייער גייט־אויס, די ליכט צעשמאָלצן, דער קנויט מיטן לעצטן פלעמל צאַנקען... — דאַן פאַרבאַהאַלטן זיך די פלעמלעך אין די לייכטער און וואַרטן אויף אַ צווייטן שבת, ווען מען וועט ווידער אַריינשטעלן ליכט אין זיי און דאַן — קומט ווידער אַרויס דער זעלבער, און איינציקער פייערל פון די ליכט, וואָס נישט די צייט און נישט דאָס אָרט האָט זיי געקענט פאַרשטיקן. ווייל זיי ווערן געהיט פון די אייביקע שבת־יום־טובדיקע לייכטער...

אין איצט זעט ער פאַר זיך די היימען — חרוב, די שטעט — פאַרוויסט, די יידן, די פיינע שטילע באַלעבאַטים — אַרויסגעשליידערט געוואָרן, ווי ברוכשטיקער פון אַ שיף נאָך אַ ציקלאָן ביים ברעג. און זיי זיצן, איצט, אַרומגערינגלט פון אייזערנע צאַמען, אין אימיגראַציע לאַגער. פאַר זייערע אויגן צויבערט אַ בלענדיקע שטאָט האַוואַנאַ, צו וועלכער זיי קענען נישט צוקומען... זיי דרייען זיך אַרום אין דער גרויסער שאַפּע מיט בלוטיקע הערצער. און ימען פאַרבאַרגענע טרערן רייסן זיך, און ווילן אַרויסשרייען צו דער טויבער וועלט זייער פּראָטעסט, פון צער און פיין.

— וואָס טוט זיך דאָ? אווו האַלט איך? — האָט אים גענומען מישן אין מוח. — בין איך שוין אויסגעגאַנגען שמונה־עשרה צי נישט? — ער האָט זיך נישט געקענט דערמאָנען... ער האָט געזוכט צו באַפרייען פון די בילדער וואָס האָבן זיך אין זיין מוח געפּלאָנטערט. ער האָט זיך אָנגענומען מיט בטחון, פאַריאָגט אַלע געדאַנקען פון זיך און אַ לויב צום רבונו־של־עולם, וואָס ווייסט וואָס ער טוט און אַז ער וועט קיין שלעכטס נישט טאָן... האָט ער פאַרענדיקט די מנחה.

נאָכן פאַרפאַסטן האָט רבקה, אָן אויסגעפּוצטע, יום־טובדיק, געבענטשט ליכט. רב לייב האָט געבענטשט זיין זון מיט טרערן אין די אויגן וואָס האָבן זיך געשפּיגלט אין די יום־כיפּור ליכט, געמיניעט מיט אַ געטלעכן פייער פון קדושה, וואָס האָט באַלויכטן אַלע ווינקעלעך.

זיי זענען געגאַנגען אין שול צו כל־נדרי. הינטער זיי האָבן לאַנגע

שאָטנס זיך געצויגן, און צו זייערע פיס האָבן די שטראַלן פון דער פאַרגייענדיקער זון זיך צעלייגט, ווי זיי וואָלטן זיך געבוקט און געקושט די מידע טריט פון מענטשן היילִיקע, וואָס האָבן זייער טאָט דערגרייכט צו דער העכסטער הויך פון קדושה וואָס נאָר גאָט אַליין איז איינגעהילט אין איר.

דער שטעטלשער לערער...

צוויי רייעס הייזער, אין מיטן לויפט פאַרביי דער שאָסיי. דאָס איז דאָס גאַנצע שטעטל. ווייס־געקאַלכטע ווענט, בלויע פענצטער און טירן, שפּיגלען בייטאָג זיך אין דעם גאָלד פון דער זון און ביינאַכט — אין דעם זילבער פון דער לבנה. דאָ און דאָרט צעוואָרפענע כאַטעס פון ליים און פון שטרוי — צייכנט פאַר די מאַרגנדיקע הינטער־געסלעך.

אין איינער פון די הייזער האָט געוווינט דער לערער פון שטעטל. אַ גרויס ווייסגעקאַלעכט צימער מיט איינפאַכע נישט קיין געפּאַרבטע שטולן און בענק. אויפן וואַנט צוויי בילדער פון מאַרטי און מאַסעאָ — ביידע באַפרייער פון קובאַ — אויף דער צווייטער וואַנט — אַ טאַוול.

די שילער זיינען דאָס רוב געווען פון שטעטל און פון די אַרומיקע דערפער. אַ טייל זענען געקומען צו רייטן אויף פערד, באַגלייט פון דערוואַקסענע, די עלטערע זענען געקומען אַליין.

פאַר די קינדער איז ער געווען נישט בלויז אַ לערער, נאָר אויך אַ חבר און אַ פריינט. אַ מיטל־ווּוקסיקע פיגור, דאַר ווי אַ צוקער־רער, אַ ברוין פּנים פון זון און פון ווינט געפורעמט, העל־ברוינע, ליכטיקע אויגן מיט בליקן פון קינדערשער אומשולד, וואָס גלעטן און לאַשטשען, ווי די גוטסקייט אַליין. די עלטער האָט זיך אויף אים נישט אָנגעזוזן, כאָטש ער איז שוין געווען אין די שפּעטע פופציקער.

אַ חוץ די עלעמענטאַרע פּראָגראַם פון דער שולע, האָט ער פון צייט צו צייט, געלערנט מיט זיי, הערויִשע מאָמענטן פון מענטשלעכער דערהויבונג; ער האָט אויפגעעפנט פאַר זיי אַ פענצטער צו דער פאַנטאַס־

טישער וועלט פון שאַפונג, פון טרוימען און דיכטער; פון קינסטלער און העלדן.

אויפן הויז, אונטער אַ ברייט־פאַצווייגטן טאַמאַרינדאַ־בוים, אין אַ האַלבן קרייז, זיצן די שילער און ער, אַנגעשפּאַרט אַן שטאַם, שילדערט פאַר זיי די לעגענדאַרע העלדן פון קובאַנער באַפרייאונגס־קריג.

אַ ווינטל ווייעט פון די צוקער־פעלדער מיטן ריח פון האַניק. די זון קלייבט זיך שוין צו איר נאַכטלעגער אין די בערג. ביים האַריזאַנט זעצט מיט שוואַרצע קנוילן רויך פון די ריזיקע קוימענס פון די צוקער־מילן, וועלכע ווערן געפאַרבט פון דער פאַרנאַכטיקער זון, ווי וואַל אין פּיאַלעט. זיי אַלע זעען אויס ווי אַ פאַרכישופטער בילד פון דער געטלעכער יצירה.

אין אַזעלכע פאַרנאַכטיקע שמועסן, האָט ער דערוועקט אין זיי אַ תשוקה צו נאַכמאַכן די העלדן, זיין אַליין אַ מוסטער־קינד, אַ מוסטער־מענטש, וואָס זאָל ווערט זיין אַריינגעפלאַכטן צו ווערן אין דער אייביקער לעגענדע, וואָס שפּינט זיך פון דער מענטשלעכער גוטסקייט.

דעם הומאַניסטישן גייסט פון ניינצנטן יאָרהונדערט, אונטער וועמענס השפעה ער איז געווען, האָט ער געזוכט איבערצופלאַנצן אין זיינע תלמידים. זיין מי איז נישט געווען אומזיסט. זיין לערע האָט געשלאָגן וואָרצלען.

*

פינצטערע און בלוטיקע טעג זענען אָנגעקומען אין קובאַ. דאָס לעבן איז געוואָרן הפקר. יונגטלעכע זענען פאַרלאָרן געגאַנגען אָן אַ שפּור. אויף די אייביק גרינע בוימער האָבן זיך געבאַמבלט מתים, — עדות פון גרויליקער רציחה.

דער לערער איז אַרומגעגאַנגען אַ פאַרכמורעטער. אַ וואָלקן האָט זיך פאַרצויגן איבער זיין פּנים. ער האָט נישט געקענט צולאָזן צו זיך דעם געדאַנק, אַז אַזעלכעס זאָל באמת געשען. די צייט האָט אים געעפנט די אויגן.

איינעם, פון זיינע דאָרפישן שילער האָבן סאָלדאַטן דורכגעפירט

דורך זיין שטעטל. ער האָט נאָך פּאַספּייעט זיך מיט אים צו באַגריסן, און מער האָט מען פון אים נישט געהערט. איז ער געפאָרן אין דער נאָענטסטער שטאָט צום מיליטערישן קאָמענדאַנט זיך נאָכפרעגן אויף אים. און דער ענטפער איז געווען: — אַז מען ווייסט נישט פון אַזאַ פּערזאָן, און ער געפינט זיך נישט צווישן די אַרעסטירטע — פאַרשוווּנדן ווי אין דער ערד אַריין, אָפּגעווישט, אָפּגעמעקט, ווי ער וואָלט קיינמאָל גאָר אויף דער וועלט נישט געווען.

אַ צווייטן — אַ שילער פון זיין אייגענעם שטעטל. אין מיטן נאַכט אַ יאָמערלעכער געוויין, אַ יללה פון מענטשלעכע הערצער וואָס צעטרייסלט די שטילקייט פון פאַרכישופטן אַרום, האָט אים, ווי אַלע פון שטעטל אויפגעוועקט. זיי האָבן אים אַוועקגעפירט אין שטאָט, אין אַ פּאָר וואָכן אַרום האָט מען אים צוריקגעבראַכט אַ קריפּל, אַ פאַרפייניקטער אין דער מאַטער־קאַמער. ער האָט נישט געגלויבט זיינע אויגן, וואָס זעען עס. זיין וועלט, וואָס איז געווען געבויט אויף גוטסקייט און מענטשן־ליבע; אויף ברידערלעכקייט און פרייהייט, איז ווי אונטערגעזעגט געוואָרן. און ער האָט זיך געוואַקלט ווי אַ שטאַם, וואָס אָט־אָט פאַלט ער אַריין אין אַ פינצטערן תהום. וואָס קומט דאָ פאָר? — איז עס חלום צי וואָר?!

אַ שטילער פאַרנאַכט. ווייסע טויבן פלאַטערן איבערן בלויען רוים, קרייזן אום, לאָזן זיך אַראָפּ אויפן דאַך, היפּן מיט דראָבנע טריטעלעך, וואָרקנדיק אַ ליבע דערקלערונג, צעקושן זיך, און שוועבן ווייטער אין אייביקן שפּיל פון ליבע. ער זיצט אויפן באַנק און קוקט זיך צו, צו דער הערלעכקייט און פרידלעכקייט פון דער נאַטור און קען נישט פאַרשטיין, פאַרוואָס די קללה איז געקומען אויפן מענטשן?

✶

צוויי יוגנטלעכע, זיינע געוועזענע שילער, זענען צו אים צוגעגאַנגען און באַגריסט. ער האָט זיי אַריינגערופן אינעווייניק. זיין פרוי האָט סערווירט טעפּלעך שוואַרצע קאַווע, גרויס ווי אַ פינגערהויט, מיט וואַסער צו פאַרטרינקען, און איז אַוועק אויפן הויף, וווּ זי האָט זיך געפּאַרעט ביי דער ווירטשאַפט.

די יוגנטלעכע האָבן אים פאַרטרויט אַ סוד, אַז זיי קלייבן זיך אַוועקגיין אין די בערג, אַנצושליסן זיך אין פידעלס רעוואָלטירטע קעמפער, צו באַפרייען קובאַ פון דער מערדערישער דיקטאַטור. ער האָט זיי געגעבן זיין ברכה און צוגעגעבן, אַז ווען ער וואָלט געווען ייִנגער וואָלט ער אויך מיטגעגאַנגען מיט זיי. און ער האָט באַדויערט, וואָס ער האָט שוין נישט קיין כוחות צו קלעטערן אויף בערג.

אין עטלעכע טעג אַרום האָט מען אין דער שטאָטישער קאָמענדאַנטור זיך דערוווסט וועגן די צוויי יוגנטלעכע, וואָס זענען לעצטנס געווען ביי אים, האָט מען באַפולמעכטיקט איינעם פון די זעלנער, ער זאָל אים געבן אַ לעקציע, וואָס זאָל אים שוין פאַרזאָרגן אויף שטענדיק צו דערמוטיקן יוגנטלעכע צו גיין אין די בערג.

אין מיטן נאַכט האָט מען אָנגעקלאַפּט אין טיר, אַ סאָלדאַט האָט אים געהייסן גלייך זיך אָנטאָן. די פרוי האָט געוויינט און ספּאַזמירט. ס׳האָט גאַרנישט געהאָלפן. די שכנים האָבן זיך אויפגעכאַפּט און מורא געהאַט אַרויסצוגיין אין דרויסן. דורך די פענצטער האָבן זיי געזען, ווי מען פירט אים אין אַ דזשיפּ אין שטאָט אַריין.

אויפן מיטן וועג האָט דער סאָלדאַט אים געהייסן אַרויסגיין פון דזשיפּ, און מיט אַ נאַגייקע אים געגעבן אַ לעקציע און געוואָרנט, אַז ער זאָל מער נישט צוגרייטן און מוטיקן יוגנטלעכע צו גיין אין די בערג. און ער דאַרף נאָך דאַנקען גאָט, וואָס מען האָט אים אָנגעזאָגט, אַז ער זאָל אים לאָזן לעבן, אַניט וואָלט ער שוין קיין לעבעדיקער אַהיים נישט געגאַנגען.

פאַרטאָג, אַ צעביילטער און אַ צעפּאַסטער, מיט בלוטיקע פלעקן אויפן לייב און אויפן פּנים, האָט ער קוים זיך דערשלעפּט אַהיים. די פרוי, אַז זי האָט אים דערזען, האָט געגעבן אַ קוויטש, אַז מען האָט נישט געוווסט, צי דאָס איז פון פרייד, וואָס זי זעט אים אַ לעבעדיקן, צי פון צער, וואָס מען האָט אים שיער נישט דערהרגעט.

ער איז אָפּגעלעגן אַ פּאָר וואָכן צו בעט, און איז געקומען צו זיך. נאָר אַן אייביקע ווונד איז פאַרבליבן אין זיין נשמה, כאָטש די אויסערלעכע סיניאַקעס פון קערפּער, זענען שוין כמעט ווי פאַרשוווּנדן.

*

דעצעמבער, ניינצן אַכט און פופציק. צענדליקער דערפער, שטעטעלעך און שטעט ווערן פאַרנומען פון די אויפשטענדלעד. אויפן שאָסיי האַוואַנאַ־סאַנטיאַגאַ, ליגן דאָס רוב בריקן צעריסן מיט אויפגעריסענע בייכער, ווי שטאָלענע חיות מיט די אינגעווייד׳ן אין דרויסן. אין די בערג פון סאַנטאַ־קלאַראַ קומען פאַר בלוטיקע שלאַכטן, און עס זיגט די פאָלקס־אַרמיי. מען שלאָגט זיך שוין אין שטאָט. קינדער לויפן אַנטקעגן די טאַנקן מיט מאָלאָטאָוו־קאָקטיילס, און לאָזן זיי איבער אין פלאַמען. דער געפאַנצערטער צוג איז אַרומגערינגלט. די רעלסן צעריסן, און זיי גיבן זיך אונטער.

די שטאָט סאַנטאַ קלאַראַ יובלט און קעמפט. אין דער נאַכט פון ניי־יאָר איז געחתמעט געוואָרן דער גורל פון לאַנד. דער קובאַנער דיקטאַטאָר מיט זיינע משרתים זענען אַוועקגעפלויגן ווי שוואַרצע קראָען, מיט פאַרבלוטיקטע שנאָבלען קיין אויסלאַנד. דאָס גאַנצע לאַנד יובלט פון פרייד. ווי אַ נייע זון וואָלט צום ערשטן מאָל אויפגעגאַנגען איבערן אינדזל פון קובאַ, און באַשטראַלט מיט ריינע און הערלעכע ליכט די פּנימער פון די מענטשן. די גאַסן און די הייזער, און אַלע צוזאַמען טאַנצן מיט יובל און פרייד דעם זיגערישן טאַנץ, וואָס ציט זיך פון דאָרף און פון שטאָט, פון פעלד און פון וואַלד, פון טאָלן און בערג — באַשיינט פון פרייהייט און גליק.

קודלעס און בערד, די מענטשן, ווי די נאַטור אין דעם דזשונגל אין וועלכן זיי האָבן געלעבט און געקעמפט. פאַרוואַקסן ווי די גראָזן און קוסטעס אין דער ווילדערניש. אָבער ריין און ערליך ווי די נאַטור איז זייער אידעאַל.

איבער טויזנט קילאָמעטער, פון סאַנטיאַגאַ ביז האַוואַנאַ, ציט זיך דער זיגער־קאַראַוואַן, דורך דערפער, שטעטלעך און שטעט צעצונדן מיט פרייד. און זיי, אויף דזשיפּס, מאַשינען, לאַסט־וועגענער און אויף פערד, אונטער אַ האָגל פון בלומען, סערפּענטין און קאָנפעטי, אין איילבירט־גרינע קליידער, מיט געפלאַטער פון ווייס־בלויע און רויט־שוואַרצע פענער וואָס וויברירן אין רוים.

ס'האָבן זיך פאַרענדיקט די יום־טובדיקע טעג, דאָס פאָלק פאָדערט נקמה פאַר זייערע קינדער און מענער. מען משפט די ברידער־מערדער. אין יעדער גרויסער שטאָט קומען פאָר קריגס־געריכטן.

דעם לערער פון שטעטל האָט מען איינגעלאַדן צו זיין אַן עדות קעגן דעם סאָלדאַט, וואָס האָט אים שיר נישט דערשלאָגן צום טויט. ער האָט אים קוים דערקענט. אַ צעשראָקענער, ווי אַ לעמעשקע, איז ער געזעסן און געציטערט.

— דערקענסטו אָט דעם סאָדלאַט ? — האָט דער פאָרזיצער, אַ באָבערדלטער, זיך געווענדעט צו אים.

— איך דערקאָן אים נישט ! — איז געקומען אַ קאַטעגאָרישער ענטפער.

— ביסטו נישט אַרעסטירט און צעשלאָגן געוואָרן פון אים אין יענער נאַכט ?

— איך בין אַרעסטירט געוואָרן, אָבער נישט פון אים. כ'זע אים צום ערשטן מאָל אין מיין לעבן.

אַלע מענטשן אין געריכט האָבן זיך איבערגעקוקט, און נישט געקענט פאַרשטיין וואָס דאָ קומט פאָר. דער סוף איז געווען אַז מען האָט אים באַפרייט.

✶

אַ זונטיק אינדערפרי. די פרויען זענען דאָס רוב אין דעם הילצערנעם קלויסטערל פון שטעטל. די מענער זיצן אין דער היים. אַ סאָלדאַט קלאַפּט ביים לערער אין טיר און פרעגט :

— מען קען אַריין ?

— קומט אַריין. קלינגט אַ פריינטלעכע שטים ביים עפענונג פון טיר — ער האָט אים צוגעטראָגן אַ שטול זיך צו זעצן.

— דערקענט איר מיך ? — פרעגט אים דער סאָלדאַט.

— זיכער קען איך אייך — האָט דער לערער אָפנהאַרציק אונטער־געשמייכלט און אים געענטפערט.

— טאָ פאַרוואָס האָט איר געזאָגט אַ ליגן אין געריכט, און מיר,

שיער נישט אייער מערדער, באַפרייט? כ'ווייס, אַז איר האָט מיך דערקענט. און דאָס לאָזט מיר נישט רוען. גאַנצע נעכט ליג איך אויף און קען נישט איינשלאָפן. אייער גוטסקייט מאַטערט מיך. זאָל זיין אַז דאָס איז אייער נקמה? און פונקט ווי איך האָב אייך שיער נישט דערהרגעט מיט מיין רשעות, ווילט איר מיך דערמאָרדן מיט אייער צידקות? מיך פאַר־פייניקן מיט אייער גוטסקייט? כ'בעט אייך, קלערט מיך אויף, ווייל מיין געוויסן קאַרטשעט זיך ווי אַ שלאַנג, וואָס ווערט צעפּערטלט דורך אַ ליכטיקן שאַרף פון אַ שווערד.

— מיין ליבער, ווענדעט זיך צו אים דער לערער, ווי פאַלט דאָס אייך איין, אַז איך זוך נקמה? ווען מיין גאַנצע האַנדלונג אין געריכט איז געווען אין דער פאָרם, ווייל איך פאַרהאַס נקמה! איך האַלט נישט, אַז מען דאַרף פאַר שלעכטס באַצאָלן מיט שלעכטס. דאָס הייסט באַגיין אַ צווייטן מאָל דעם זעלבן פאַרברעכן מיט אַ כלומרשטן תירוץ: גערעכ־טיקייט פון געזעץ, ביידנס הענט זענען פאַרשמוצט מיט בלוט. כאָטש דער טוט עס אין נאָמען פון טייוול, און דער — אין נאָמען פון גאָט. מען דאַרף דעם פאַרברעכער איזאָלירן, ער זאָל מער אַזעלכעס נישט קענען באַגיין. און זוכן אויסנוצן זיין לעבן, זיין קראַפט, זיין יוגנט אויף צו פאַריכטן די פעלערן, וואָס ער איז באַגאַנגען. אויב אַ מאָרד — זאָל ער אַרבעטן און אויסהאַלטן מיט דעם די יתומים און אלמנה. מיט ביישפּילן פון גוטסקייט, פון חסד און רחמנות אַרויספּליקן פון אים די וואָרצלען פון שלעכטס. ביז דאָס געוויסן אין אים וועט דערוואַכן, ווי ביי דיר, און דאַן וועט די געזעלשאַפט צוקריגן נאָך אַ פרידלעכן מענטשן. פון מערדער מאַכן אַ מענטשן.

— אָט פאַר דעם, איז מיין וועג אַן אַנדערער. דעם גאַנצן לעבן האָב איך דערצויגן קינדער זאָלן אויסוואַקסן פרייע מענטשן, וואָס זאָלן זיין גרייט זיך מקריב צו זיין אייבער פאַרן צווייטן אויפצוהיטן די פרייהייט; די הייליקייט פון מענטשלעכן לעבן. ליבע — נישט שנאה האָב איך פאַרזייט; ברידערלעכקייט האָב איך קולטיווירט. דאָס האָב איך געטאָן ביז איצטער, און דאָס וועל איך טאָן ביז די לעצטע טעג פון מיין לעבן. דו ווייסט נישט ווי גליקלעך איך בין אַז איך זע אין דיר

אַ נייעם פול מיט חרטה האַבנדיקן מענטשן. און דאָס איז אַ דאַנק מיין האַנדלונג, אַ דאַנק מיין לערע, איז גיי זיך רו:ק אַ היים. טו גוטס אַווו נאָר דו קענסט. דאָס וועט זיין דער בעסטער לוין פאַר מיר, און לערן, ווי איך מיט דיין האַנדלונג צו דערצי:ען מענטשן אַרום זיך! צו אַרויסרופן דרך ארץ צו יעדן אייגעם, וואָס טראָגט נאָר דעם צלם אלקים.

זיי האָבן זיך ביידע צעקושט ווי ברידער, וואָס האָבן זיך פלוצלונג דערקענט. און טרערן פון הערצער גערירטע האָבן זיך געשפּיגלט אין די גאָלדענע שטראַלן פון דער זון, וואָס זענען פון הימלשער הויך געקומען זיך טובלען אין קוואַלן פון מענטשלעכער גוטסקייט.

אויף דער גיהנום־שיף

אַ בילד פון דער „נאַוועמאַר"

אין דער בוכטע פון האַוואַנאַ, ווי אַ קרעציקע, וואָס מען האָט מורא צו צולאָזן צו אַ ברעג, האָט געאַנקערט די שיף „נאַוועמאַר".

שפּעט אין אָוונט, ביז ווייט נאָך האַלבער נאַכט, זענען קליינע מאָטאָרשיפלעך געפאָרן פון ברעג צו דער שיף, וועלכע איז געשטאַנען אַ פאַרפינצטערטע ווי אַ שטיק שוואַרצער, פאַרגליווערטער טרויער, ווי מען האָט בלויז געזען די בלאַסע פּנימער אונטער דעם גלאַנץ פון דער לבנה.

די לופט אַרום דער שיף איז פול געווען מיט קלאַנגען פון כמעט אַלע אייראָפּעיִשע שפּראַכן, ווי גאַנץ אייראָפּע וואָלט דאָ געווען אין אַ מיניאַטור־שווימענדיקן גלות. עלטערן און קינדער, פריינט און באַקאַנטע, האָבן זיך געזוכט צוזאַמענריידן. איינער דעם צווייטן האָט איבערגעשריִען, זיך געפּלאָנטערט אין די רייד. צווישן די צענדליקער פאַמיליע נעמען, וואָס האָבן געשניטן דעם רוים און פאַרגלושעט דעם אַרום איז געווען די באַקאַנטע פאַמיליע פון וועלט באַרימטן יידיש־העברעיִשן דיכטער זלמן שניאור. דאָס זענען די יידישע שרייבער פון האַוואַנאַ געפאָרן מיט אַ שיפל, צו געבן אַן האַרציקן ברוך־הבא דעם גרויסן שריפטשטעלער. נאָך עטלעכע מאָל אַרומקרייזן די שיף, האָט מען פון דער הויך געענטפערט: „ער איז דאָ! ער לעבט נאָך!" און פאַרנדיק אַהיים איבער די שוואַרצע כוואַליעס פון דעם ים, האָט זיך אויסגעדוכט, אַז דער פינצטערער גרונט לאַכט אונדז אין פּנים אַריין מיט אַ מעפיסטאָפעלישן געלעכטער,

און די שווימענדע וועלן זענען די טייוולשע צונגען, וואָס ער שטעקט אונדז אַרויס...

אין דער פרי איז די שיף אַריין אין פּאָרט. די סאַניטאַרע קאָמיסיע האָט באַשטעטיקט, אַז קיין שום עפּידעמיע איז נישטאָ אויפן שיף. איך בין אַרויף, און פאַר מיינע אויגן האָט זיך אויפגעדעקט דאָס טראַגישסטע בילד, וואָס איך האָב ווען עס איז געזען אין מיין לעבן. עס איז אומ־מעגלעך געווען אַדורכצוגיין אויפן דעק. מענטשן זענען געשטאַנען, געזעסן, געלעגן צונויפגעדריקט אין שמוץ און אין ענגשאַפט ווי פּי, וואָס מען פירט צו דער שחיטה. פּנימער פאַרפּייניקטע, פאַרזויערט, פאַרביטערטע; אויגן — צעשראָקענע, הונגעריקע, פאַריאושטע; די קליידונג פון אַלערליי קאָלירן, אַלערליי מאָדעס, פון אַ באַד־קאָסטיום ביז באַלאָווע אַנצוגן. און צוזאַמען האָט עס אויסגעזען ווי אַ בלוטיקער קאַרנאַוואַל, ווי אַ משוגענער מאַסקן־באַל, ווי אַ חוזק אויפן מענטשלעכן מין.

אַז איך האָב געפונען שניאורן צווישן אָט דעם טראַגישן מענטשן־קנויל, שיילנדיק אַ האַלב־פאַרפוילטן „פּיין־עפּל”, מיט אַ גרינעם היטעלע אויפן קאָפּ, מיט אַ פאַר בייזע, פאַרצערטע אויגן, ווי אין זיי וואָלט געברענט דער פּראָטעסט פון די צוועלף הונדערט פּערזאָן, וואָס מען באַהאַנדלט ווי שקלאַפן אויף דער נאַוועמאַר, האָט זיך ביי מיר פון האַרץ אַרויסגעריסן די פראַגע: זו תורה וזה שכרה? איז דאָס דער שכר פאַר דעם דיכטער פון צוויי ליטעראַטורן? אַזוי באַצאָלט מען דעם קלאַסיקער פון יידיש און העברעיש?

ער האָט מיר לאַנג נישט געלאָזט טראַכטן; מיר אַנגעכאַפּט פאַרן האַנט און געפירט מיר ווייזן די מדריגות פון גיהנום. אַראָפּרייסנדיק אונטן, ווייזט ער מיר אָן אין דער טונקל:

— אָט דאָס איז דער דריטער קלאַס, און דאָ איז מיין בעטל.

מענטשן ווי שאָטנס, בעטלעך ווי נאַרעס אין אַ תפיסה, קיין פענצטער ביי די זייטן, בלויז די שיין וואָס קומט פון דער הויך, דורכן אָפענעם דעק. און דאָ איז נאָך גוט, אַ שטאָק נידעריקער זענען די פּרויען, נאָך טונקעלער, נאָך שמוציקער, נאָך הייסער. עס איז זיך אוממעגלעך פאַר־

צושטעלן, ווי אַזוי זיי האָבן עס געקענט אויסהאַלטן די גאַנצע צייט, פאַרנדיק אַזוי שוין פינף וואָכן כמעט אונטער אַ טראָפּישן קלימאַט.

מיר גייען ווייטער בחדרי־חדרים פון גיהנום. מיר קומען צו צום קלאָזעט. אַנטקעגן איז דאָס וואַשצימער. דער געשטאַנק האָט מיך פאַרדריקט ביים האַרצן, און איך האָב געמיינט, אַז איך וועל חלשן. און דאָס איז שוין געווען „גוט", „ריין", נאָך צוויי טעג פון רייניקן... מען קען זיך שוין פאָרשטעלן, ווי עס האָט אויסגעזען די גאַנצע צייט...

אויף צוריקוועגס האָבן מיך אָפּגעהאַלטן עטלעכע רבנים. זיי האָבן מיך געבעטן, אַז איך זאָל איבערגעבן די יידן פון האַוואַנאַ, אַז זיי זענען פאַראַן אַ גרופּע פון פינף און זיבעציק פערזאָן, וואָס עסן נישט קיין טריפות, און זיי האָבן שוין פינף וואָכן צייט נישט פאַרזוכט קיין שטיקל פלייש, זאָל מען זיי אַרויפשיקן כשרן פלייש, צי ווורשט. אַ צווייטער האָט געבעטן, אַז מען זאָל אים באַזאָרגן מיט עטלעכע סליחות. אַ דריטער האָט ווידער געבעטן ווייַן.

מיר זענען אַרויף צוריק אין דער הויך, אויפן דעק. שניאור האָט מיר פאָרגעשטעלט אַ גרופּע פון זיינע באַקאַנטע, צווישן וועלכע עס האָט זיך געפונען ה' ראַפּאַפּאָרט מיט זיין פרוי, די טאָכטער פון וועלט באַרימטן יידישן מאָלער מאַרק שאַגאַל. זי האָט געלויכטן מיט איר יוגנט און שיינקייט, ווי זי וואָלט נישט געווען איינע פון די פּאַסאַזשירן, נאָר אַ קינסטלעריש בילד פון איר גרויסן פאָטער, שאַגאַל, וועלכער איז איינגעראַמט אין אַ שוואַרצן ראָם — „נאַוועמאַר".

די גרופּע, צווישן וועלכע עס האָט זיך אויך געפונען זלמן שניאור, האָט מיר געבעטן, אַז איך זאָל איבערגעבן פאַר דער עפנטלעכקייט פאָלגנדעס:

מיר זענען פאַרקויפט געוואָרן ווי שקלאַפן, כאָטש מיר האָבן געצאָלט פון פינף, זעקס הונדערט דאָלער און העכער פּער פּערזאָן פאַר דער רייזע, מיר זענען דערגאַנגען, אַז די מאַטראַזן און באַדינער האָט מען געזאָגט, אַז די שיף איז אַ פילאַנטראָפּישע אונטערנעמונג, דעריבער באַגייען זיי זיך מיט אונדז אַזוי געמיין. עס איז ממש אַ נס מן־השמים, וואָס [illegible] פינף טויט־פאַלן זענען נישט פאַרגעקומען אויפן שיף.

בלויז איין שפּאַנישער דאָקטער, קיין מעדיצין, און די קראַנקע זענען אויסגעגאַנגען ביי צוויי־דריי מעטער פון קלאָזעט.

די פינף טויטע זענען געווען: פרוי ראַוואַק פון בערלין; הער שטיין פון וויזבורג; ה׳ שאַרפשטיין פון האַמבורג; ה׳ וויזעל פון שווייץ; פרוי ה. שניצלער, די פרוי פון וועלט באַרימטן שריפטשטעלער אַרטור שניצלער. זאָל זיין, אַז אין די לעצטע מינוטן פון זיין לעבן האָט ער פאַרויסגעזען דאָס בילד, ווי זיין פרוי ווערט אַריינגעוואָרפן אין די בלייענע אָרעמס פון שטורמישן אָקעאַן, ווו זי וועט קיינמאָל קיין רו נישט געפינען — פאַר דעם דער זעלבסטמאָרד?

מיט דער זעלבער שיף זענען ווידער געפאָרן נאָכאַמאָל די פליכט־לינגען, וואָס זענען שוין איינמאָל געווען ביי די קובאַנער ברעגעס, אויף דער טרויעריק באַרימטער שיף „סאַן לואיס״, און מען האָט זיי אָפּגע־שיקט צוריק, באַוואַכט מיט צענדליקער פּאָליציייִשע שיפלעך, וועלכע האָבן זיי אַרויסבאַגלייט צום אָפענעם ים, מורא האָבנדיק, אַז זיי זאָלן זיך נישט וואַרפן אין ים אַריין, ווייל עס האָט זיי געדראָט צוריק קאָנצענטראַציע־לאַגער.

אַ רירנדיק בילד האָט זיך אָפּגעשפּיגלט פאַר מיינע אויגן; אַ טעמפּער קלאַפּ האָט אָפּגעהילכט אין דער לופט, און באַלד נאָך דעם אַ קוויטש פון אַ פרוי. איך בין צוגעלאָפן און איר געהאָלפן זיך אויפהויבן. דער מאַן האָט ציטעריק געגלעט איר האַנט, געטאַפּט צי עס איז נישט צעבראָכן דער ביין, און מיט רחמנות אין די פייכטע אויגן געשעפּטשעט צו איר:

— שוין צום צווייטן מאָל ווי דו פאַלסט היינט, מיין טייערינקע, דו ווייסט דאָך, אַז דער דעק איז אַ שמוציקער גליטש, טאָ פאַרוואָס גייסטו אַליין? דאַרפסט עפּעס — רוף מיך, וועל איך דיר ברענגען, אָדער מיר וועלן גיין צוזאַמען.

זי האָט פאַרשטשעמט די ציין פון ווייטאָג, און אים אָנגעקוקט מיט צער ווי אַ פאַרוווּנדעטע טויב.

גייענדיק צוריק פון שיף, באַטראַכטנדיק די מענטשן, ווי זיי ליגן אונטער די ברוינע ברעזענטן אויפן דעק, פאַרשוויצטע, פאַרצערטע און פאַרנודזשעטע, האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז די גאַנצע שיף איז נישט

מער ווי אַ ציגיינער־בודע, וואָס האָט אָבער נישט געהאַט דאָס גליק צו פאָרן איבער פרייע פעלדער, צווישן שמעקעדיקע וועלדער, ביי פריש קרישטאָלענע טייכן, ווו מען קען זיך דערקוויקן דאָס האַרץ — נאָר זי איז אַ ציגיינער בודע אויפן אָפענעם ים, ווו די מענטשן מיט זייער ביסל בעבעכעס האָבן זיך געוואַלגערט אין שמוץ, אונטער די שוידערלעכסטע באַדינגונגען, אַנטלויפנדיק פון דער אייראָפּעיִשער שרפה. און פאַר דעם פאַסט איר אפשר גיכער דער נאָמען נע־ונד; די אייביקע ציגיינער בודע — די אייביקע נע־ונדניצע...

אויף די פעלדער פון קאַניע

איבער הונדערטער מײַלן ציִען זיך די הויכגעוויקסיקע, ברוין־ציכטיקע קאַניעס, וועלכע זענען אָנגעפּילט מיט צוקער זאַפט, און וואַרטן דעם שניטער.

אין האַרץ פון די הויכע פעלדער רויכערן ריזיקע קוימענס, וועלכע שפּאַרן אונטער דעם הימל, און פאַרפלעקן זײַן לויטערע בלויקייט.

דאָס זענען די צוקער־פאַבריקן, וועלכע צעמאַלן די קאַניע און דריקן פון איר אַרויס דעם זיסן זאַפט.

ס'איז שניט־צײַט, האַלב־נאַקעטע, מיט די ברוין־טונקעלע לײַבער „טשעסען" די שניטערס מיט די גלאַנציקע שנײַד־מעסערס די זײַטיקע בלעטער פונעם קאַניע־שטעקן, צעשפּאַלטן אים אין דער העלפט און וואַרפן אים צונויף אין זײַטיקע בערגלעך. די זון שפּיגלט זיך אין זייערע שווייסיקע לײַבער, וועלכע גלאַנצן מיט אַ בראָנזענער ברוינקייט.

אַ פּיר־אָקסן געשפּאַן אין אַ צוויי־רעדעדיקן וואָגן פירן אָפּ די אויסגעהאַקטע קאַניעס אַנצולאָדן זיי אויף די וואַגאָנעס.

טראָט ביי טראָט שלעפּן זיך די מגושמדיקע אָקסן מיט זייערע אומגעלומפּערטע שווערע גופים איבער די סטעזשקעס און שווימען מיט בהמישער גלײַכגילטיקייט. זייערע קעפּ זענען אײַנגעשפּאַנט אין שווערן יאָך, וועלכער דריקט זיי אויף די העלדזער לאָזט נישט באַוועגן אויף אַרויף.

יעדער ווײַל שנײַדט דורך די אָנגעגליטע בײַטאָגיקע לופט אַ קנאַל פון בײַטש, באַגלייט מיט אַן אויסגעצויגענעם אויסגעשריי פון דעם טרײַבער,

וועלכער שלעפּט זיך נאָך נעבן די הויכע רעדער, וואָס דרייען זיך איבער זיין קאָפּ.

ווו נישט ווו באַווייזן זיך איינצלנע פּאַלמעס, ווי וועכטערינס איבער די פעלדער, אַ שטילער דינער ניגון פאַרשפּילט די פאַרחלומטע בענקשאַפט פון דעם שפּעדיקן אָרום.

פאַרנאַכט, די זון טונקט זיך אין איר אייגענעם ים פון צעשמאָלצענעם פייער. די שטראַלן פאַלן ביי די שניטער אונטערן מעסער און שניידן די אויגן מיט ליכטיקע שפּיזן וועלכע ציטערן אויף די ווײַעס.

נאָר לאַנג געדויערט עס נישט. ווי צווישן די פינגער רינט אויס דער טרוימערישער פאַרנאַכט. אָט זעט זיך שוין דער לעצטער זוים פון דער שטראַלנדיקער זון, וועלכע קאַנווולסירט ביים אַראָפּזינקען דאָרט ווייט אינעם האָריזאָנט. בלויז אויפן הימל צאַנקען אין די וואָלקנס פאַרבאַהאַלטענע שטראַלן, וועלכע פאַרשווינדן מיט דער וויַל.

שטיל ווינקען זיך דורך אין בלויען הימל גאָלדענע שטערנדלעך. די שניטער מיט קאַניע שטעקנס אויף די אַקסלען ציִען זיך מידע אַהיים צו זייערע ליימענע כאַטעס און שטרויענע באַראַקן.

אין דרויסן נעבן אַריינגאַנג רייסן זיך צונגען פון אונטער די טעפּלעך אַרויס, ווו עס קאָכט זיך דער מאָגערער אַוונט־ברויט פון רייז און שוואַרצע בעבלעך. ביים שיין פונעם צאַנקענדיקן פייער עסן זיי פון די פאַררויכערטע בלעכן און פאַרטרינקען מיט וואַרעם וואַסער אָנגעגליט פון דער בייטאָגיקער זון.

קיין ליכט ווערט נישט געצונדן, אַ שטאָק־פינצטערניש הערשט אין די אַרבעטער־היימען. זיי זיצן אַלע אין דרויסן אונטער דער גרינער ליכט פון דער זילבערנער לבנה, בליאַסקען מיט די ווייסע ציין און רויטע צונגען, ריידנדיק צווישן זיך.

ביסלעכווייז ווערט דאָס געזאָמל קלענער. איינער נאָכן צווייטן שאַרט זיך אַוועק און פאַלט אַ מידער אין זיין „העמאַק" אַריין.

אין מיטן נאַכט. עס ווערט אַ גערודער, איינער וועקט דעם צווייטן, די קאַניע ברענט. ס'איז אַ שרפה, מען רופט צום לעשן.

איבער דעם נאַכטיקן הימל ציִען זיך וואָלקנדיקע רויכן פון די

אילומינירטע פעלדער, וועלכע פלאַטערן מיט אַן אויסטערלישן פייער. מענטשן ווי שאָטנס ווערן געטריבן צו פאַרצאַמען דעם וועג פון די פלאַמען, וועלכע ווערן געטראָגן אויף די פליגלען פון ווינט. די לופט שטיקט מיט רויך און סמאַליעט. פונקען ווי שטערנדלעך פאַרזייען זיך אין רוים. רונד אַרום דעם פלאַם ווערט די ערד צעגראָבן אָפּצוהאַקן די דורשטיקע צונגען פונעם פייער, וועלכער וויל אַלץ אין זיך פאַרשלינגען.

גרויער מאָרגן־דעמער. דער באַגינען פאַרבט אין מזרח — ראָזע האָריזאָנטן. צוויי פעלד־זשאַנדאַרן רייטן אויף זייערע פערד ווי צערייצטע הינט, זוכנדיק די אונטערצינדער.

נאָר אַן דערפאַלג. זיי קלייבן זיך שוין צוריקצוררייטן ווי אָפּגעשמי־סענע העלדן. נישט געקענט געפינען. און אָט... אַנטקעגן זיי, אויפן וועג פון אַ צווייטער קאָלאָניע, שלעפּן זיך מיט די פּעקלעך אויף די פּלייצעס צוויי אַרבעטסלאַזע, האַיטיאַנער, וועלכע קומען זוכן אַרבעט.

אַ שניט מיט די שפּאָרן אין די זייטן פון די אויסגעפּאַשעטע פלינקע פערדלעך, אַ דינער שטויב קנוילט זיך אונטער זיי, און פאַרדעקט די מערדערישע געדאַנקען אין זייערעווילדע מוחות...

זיי האָבן מיט די פערד אַרויפגעריטן אויף די האַיטיאַנער, קוים וואָס ס'איז זיי געלונגען אָפּצובויגן זיך אַן אַ זייט וועג. איז איינער אַראָפּ־געשפּרונגען פון פערד און צעפּאַכענדיק זיך מיט די צוויי גאַרילאַ־לאַפּעס האָט ער זיך געוואָרפן אויף זיי ווי אַ צערייצטע חיה, — וואַרט, איך וועל אייך ווייזן ווי אַזוי אונטערצוצינדן די קאַניע. זיי האָבן וויינענדיקע זיך אָנגעקוקט איינער אויפן צווייטן, נישט ווויסנדיק פון וואָס צו זאָגן, האָבן זיי זיך גענומען בעטן: לאָזט אונדז אָפּ, מיר זענען אומשולדיק. מיר קומען איצט פון אַ שכנישער קאָלאָניע זוכן דאָ אַרבעט.

— מיר וועלן אייך שוין ווייזן אַרבעט! — האָט ער אָנגעטאָן די קייטלעך אויף זייערע הענט, אַ שטויס געטאָן זיי פון הינטן און געהייסן מאַרשירן. שלעפּט זיך גיכער, האָבן זיי אַלע מינוט באַפוילן, אונטער־שטורכענדיק מיט די בוריאַנסקע קולאַקעס אין די זייטן.

ווי צוויי געפּלעפּטע, וועלכע האָבן פלוצלונג געקראָגן מיט אַ האַמער

אין מוח, נישט וויסנדיק פֿאַרוואָס און פֿאַרוועָן, זענען זיי געבראַכט געוואָרן צום שעף פֿון די זשאַנדאַרן.

— זעסט, אָט האָבן מיר זיי געפּאַקט, די אונטערצינדער! — האָבן זיי מיט שטאָלץ זיך באַרימט פֿאַרן שעף, וועלכער איז געזעסן אָנגעלענט אַ צופֿרידענער אויפֿן בויגשטול נעבן שרייב־טיש, מיט שלאַנגישע בליקן אין זײַנע צערייצטע האַלב־שיכורע אויגן.

— ברענגט זיי אַהער נענטער צו מיר! — האָט ער באַפֿוילן. ער האָט זיי אָפּגעמאָסטן מיט איין בליק פֿון אויבן ביז אַראָפּ, זיך אויפֿגעשטעלט און אַ שפּרונג געטאָן אויף זיי מיט געבײַלטע פֿויסטן, זיך צעהאַגלט איבער די קעפּ פֿון די צוויי אומשולדיקע האַיטיאַנער.

זיי האָבן זיך צעשריִען, ווייענדיקע, אײַנגעבויגן אויף דר׳ערד, און זיי ווייסן נישט וואָס צו זאָגן. ס׳איז אַ בלבול אויף זיי געמאַכט געוואָרן.

— שווייגט — האָט ער זיי באַפֿוילן, און ער האָט דיקטירט צום סעקרעטאַר דעם פּראָטאָקאָל, אַרומשפּאַצירנדיק הין און צוריק איבערן צימער, ווו די צוויי זענען געלעגן צעדריקטע און צעטראָטענע אויף דער ערד.

— צוויי האַיטיאַנער, ווי הייסט איר? — האָט ער זיי געפֿרעגט. זיי האָבן אים אין אַ צעבראָכענעם שפּאַניש געענטפֿערט:

— מיר זענען נישט קיין אונטערצינדער, פֿאַרוואָס פֿרעגט איר אונדז ווי מיר הייסן?

— שווייגט, הינט! — דאָס וועלן מיר שוין דערנאָך זען. דערווײַל וויל איך וויסן, ווי איר הייסט, איר זאָגט, צי נישט?! אַז נישט מאַך איך אײַך אַ טויט דאָ, אויפֿן אָרט!

זיי האָבן פֿאַרביטערטע, פֿאַרקלעמטע געזאָגט זייערע נעמען און פֿאַמיליעס, און ער האָט ווײַטער גענומען דיקטירן:

— ביידע זענען זיך מודה, אַז זיי האָבן אונטערגעצונדן די קאַניע, פֿאַר וועלכע די קאָמוניסטן האָבן זיי צוגעזאָגט צו באַלוינען מיט צען דאָלאַר יעדן איינעם פֿון זיי.

— שרייבט זיך אונטער, — האָט ער איבערגעטראָגן צו זיי דעם פּראָטאָקאָל מיט אַ פּעדער אין דער האַנט.

— מיר וועלן נישט אונטערשרייבן אויף קיין פאַרברעכן וואָס מיר זענען נישט באַגאַנגען — האָבן זיי פעסט און אַנשלאָסן אים געענטפערט. מעגסט אונדז טויטן דאָ אויפן אָרט, אָבער אונטערשרייבן אַז מיר זענען דאָס די, וואָס האָבן אונטערגעצונדן, דאָס — קיינמאָל נישט.

— איר שרייבט אונטער צי נישט, — האָט ער אַרויסגעצויגן דעם רעוואָלוער פון זיין שייד, אַ בליאַסקע געטאָן מיט זיין ניקעלנעם הענטל אין דער לופט, ווי מיט אַ חלף, און אַנגעשטעלט אויף זיי.

— נאַ, דערשיס אונדז, — האָבן זיי זיך ביידע אויפגעשטעלט, אויפגעריסן די העמדער, און אויסגעשטרעקט צוויי פאַרוואַקסענע טונקעלע ברוסטן, וועלכע האָבן אויסגעזען פעסט ווי פון גראַניט.

— וואַרט, האָט ער זיך צו זיי געווענדעט, אַ פּאַך־טועדיק מיטן רעוואָלווער אין דער לופט. ביזן טויט וועט איר זיך נאָך ביי מיר גוט אַנמוטשען פאַר דער געמיינער העזה, נישט צו פאָלגן מיך. בינדט זיי — האָט ער באַפוילן — און וואַרפט זיי אַריין אין שטאַל פון די פערד.

ער איז אַ צערייצטער אַרויס אויפן הויף, אַפּצוקילן די יוכע וואָס האָט געזאָטן אין אים.

ווי צוויי קעלבער, צוגעבונדענע איינער צום צווייטן, געגרייט צו דער שחיטה, האָט מען זיי אַריינגעוואָרפן אין פערדן־שטאַל.

איין זשאַנדאַר האָט זיך מיט זיי אונטערגעשפּילט: איר האָט דאָך נאָך זיכער נישט געפרישטיקט, האָט ער אונטערגעטראָגן זיי אַ שטיק פערדן־מיסט און זיי ביידן געשטופּט אין מויל.

— וואָס, עס געפעלט אייך נישט — האָט ער מיט אַ באַוווּנדערונג זיי אַנגעקוקט, — ס'איז דאָך פרישע... עס גייט נאָך פון דעם אַ פּאַרע...

און אַ צופרידענער פון זיין געלונגענעם איינפאַל, איז ער אַרויס, פאַרשליסנדיק די שטאַל מיט די צוויי פאַרפייניקטע האַיטיאַנער, וועלכע וואַרטן פאַרמוטשעטע אויף דעם טויט.

אַ צלם פון מגן־דודלעך...

אונטער אַ בלאַסן שיין פון עלעקטרישער ליכט, צווישן פיר גרויסע ווענט, ליגט, איינער אַליין אַ מאַן פון אַ יאָר עטלעכע און פערציק, אויף אַן אייזערנעם בעטל מיט בלאַנקן געצייג, און גוססט...

זיינע פיבערדיקע אויגן גליִען ווי צוויי שוואַרצע אָנגעברענטע קעסלען, מיט אַ זודיקן ים פון יסורים, ווו עס פרעגלען זיך די לעצטע מינוטן פון לעבן.

דאָס פּנים איז געל ווי דער הערבסט, ווי דער טויט וואָלט זיך שוין אונטערן לייב געפּאַרבן. די ביינערדיקע פינגער זעען אויס, ווי פאַרוועלקטע פאַלמען־צווייגן, וואָס וואַרטן, אַז דער ווינט זאָל זיי אַראָפּרייסן, און נישט לאָזן הענגען אַנטקעגן דער זון ווי געקרייציקטע, מיט זייערע טויטע גופים.

אין זיין נאָך לעבעדיקן מוח לויפט דורך מיט אַ פילם־שנעלקייט זיין גאַנצע פאַרגאַנגענהייט:

מיט אַ יאָר צוואַנציק צוריק האָט זיך אויף די כוואַליעס פון אַטלאַנטיק אַ שיף צו קובאַ געטראָגן, און ער, אַ יונגער בחור, האָט פאַרלאָזן זיין אָרעמע היים אין סמירנאַ און זיך צו נייע לענדער געלאָזט, דאָס גליק צו געפינען...

און אַט, זעט ער זיך, — מיט פּעק אויף די אַקסלען, קלאַפּנדיק, הינטער די פאַרשלאָסענע טירן פון די האַוואַנער הייזער. אפשר דאַרפן זיי עפּעס קויפן ביי דעם אָרעמען פּעדלער.

און עס מאָלט זיך אים ווייטער — ווייט פון האַוואַנאַ, אין די פעלדער פון קובאַ, רייט ער אויף אַ פערד, די פּעק ביי די זייטן, און די פאַרקוסטעטע

סטעפּעס פון „אָריענטע", און אַזוי שלעפּט ער זיך פון איין קאָלאָניע צו דער צווייטער, מיט זיין ביסעלע סחורה, טאָג ווי נאַכט, אָט אַזוי, אָן אַן אויפהער. און ער איז יונג, דאָס בלוט איז הייס, זיין האַרץ בענקט נאָך אַ פריינט, נאָך אַ מענטשן, וועמען ער זאָל קאָנען אויסדערציילן אַלץ, וואָס עס דריקט אים ביי דער טיפעניש פון זיין נשמה, מיט וועמען ער זאָל זיך קאָנען טיילן אין זיין פרייד און אין זיין לייד.

און געווען איז דאָן אַ ליכטיקער פרימאָרגן. דער פרילינג האָט אויף זיינע אַקסלען דער וועלט מיט גרינסן געטראָגן. אַנטקעגן אים איז אַנגעקומען אַ יונג מיידל, פון דער קאָלאָניע. ער האָט איר באַגריסט מיט אַ פריינטלעכן גוט־מאָרגן. זיין האַרץ האָט אַ ציטער געטאָן, ער האָט דערפילט אין זיך אַן אויפטרייסלונג, ווי אין איצטיקן מאָמענט וואָלט זיין גאַנצע צוקונפט געשטאַנען אין קאָן.

דאָס מיידל — דאָס איז זיין היינטיקע פרוי, פון וועלכער ער האָט שוין צוויי קינדערלעך, און די קאָלאָניע, — דאָס איז זיינע אַן אייגענע שוין, פון וואַנען מען האָט אים אַ פּאָר טעג צוריק געבראַכט דאָ, אין דעם שטעטלשן שפּיטאָל.

ער פילט ווי עס ענדיקט זיך זיין לעבן, און קוים־קוים וואָס ער רעדט אַרויס די פּאָר ווערטער צום שפּיטאָל־דינער: „יאָמא מי העברעאָ" (רופט מיר אַ יידן). „יאָ סאָי העברעאָ" (איך בין אַ ייד).

און שטייענדיק אויף דער שוועל פון טויט, האָט אים דער פאַרשטיקטער יידישער פונק צוריק אויפגעגליט אָראָפּגעטרייסלט פון זיך די בערג־שטויב פון די עטלעכע צענדליק יאָר, און דאָס אַלטע יידישע נשמה־פּייערל, האָט אין זיין האַרץ, שוין מיט אַ גסיסה־שיין, אויפגעלויכטן, און ער האָט תשובה געטאָן.

זיינע אַלע נאָך לעבעדיקע חושים האָבן תפילה געטאָן, און אַן אַנגסטלעכע שרעק, פאַר דער שטראָף פון די זינד, האָט אים אַרומגענומען — ער האָט געלעבט מיט אַ קריסטלעכער פרוי און צוויי קינדער האָט ער געטויפט צום קריסטלעכן גלויבן. אַ גרויזאַמער פייער האָט אים געפּייניקט. ער האָט זיך קאָנוולסיוו געוואָרפן, און געדרייט ווי אַ שלאַנג, וואָס ווערט צעשניטן און צעהאַקט פון אַן אומרחמנותדיקער שווערד.

און מיט חרטה אויף זיין פאַרגאַנגעהייט האָט ער זיין נשמה, אַ ריינע, אָן אויסגעלייטערטע, אין דעם טונקעלן שפּיטאָל־צימער אויס־געהויכט.

ווען די עטלעכע יידן פון שטעטל זענען געקומען אים מבקר־חולה זיין, האָבן זיי אים געפונען מיט אַ ווייסן ליילעך איבערגעדעקט, און פיר ליכטלעך האָבן מיט זייערע טרויעריקע פייערלעך אים באַוויינט.

און אַ צלם האָט ווי אַ וועכטער זיין טויטן קערפּער געהיט.

זיי האָבן דעם צלם צוגענומען, און אַ שוואַרצע דעק מיט אַ מגן־דוד אין דער מיט, האָט אים שפּעטער־צו פאַרהילט, און נאָך ליכט זענען געצונדן געוואָרן פון יידישע הענט...

איבער אַ שמאָל, קליינשטעטלדיק געסל, האָט זיך דער טויטן־וואָגן אויף אַ צעגריבעלטן, צעלעכערטן בריק, מיט אַ מת געוויגט...

די צוויי אויסגעדאַרטע ווייסע פערדלעך האָבן מיט זייערע געבויגענע קעפּ, ווי געבעטן זיך ביי די באַגלייטער: האָט רחמנות, באַגראָבט אונדז אויך, מיר זענען נאָך מער מת, ווי דער, וועלכן מיר פירן, נאָר דער אַנטרייבער האָט זיי מיט דער בייטש געגעבן צו פאַרשטיין, אַז זיי האָבן נאָך לאַנג צו וואַרטן ביז זיי וועלן עס דערלעבן, דערווייל לעבט, און שלעפּט — האָט די בייטש אין דער לופטן געקנאַלט...

אים באַגלייט צו זיין אייביקער רו, האָבן קובאַנער, נעגערס, כינעזער און אויך עטלעכע ספרדישע און אשכנזישע יידן, וועלכע זענען נאָכגע־גאַנגען מיט געבראָכענע געמיטער.

נאָר טיפער פון אַלעמען האָבן עס געפילט די עטלעכע יידישע בחורים, וואָס האָבן אין דעם גלעזערנעם טויטן־וואָגן מיט דעם צלם אין דעם הויף — זייער אייגענעם לעבן געזען זיך אָפּשפּיגלען. אַ שוידער האָט דורכגענומען זייער גאַנצן וועזן פון דעם געדאַנק, וואָס האָט זיך אין מוח געפורעמט...

— אָט דער זעלבער וועג אין לעבן שטייט דאָך אונדז פאָר! קיין יידישע פרויען, אַ חוץ אויסנאַמספאַלן, זענען דאָך אין „קאַמפּ" נישטאָ. קומט אויס צו הייראַטן מיט קובאַנערינס...

און טיף האָבן די הערצער אין זיי געבלוטיקט. פון די אויגן האָבן זיך געריסן טרערן, ווי פונקען פון גרויזאַמען פּיין...

נאָענט נעבן „סעמענטעריאַ", אַ מחנה שוואַרצע „אולאַס" (אַזעלכע פייגל) פליִען מקבל־פּנים זיין דעם מת, ווי זיי וואָלטן געווען די שליחים פון טויט. דער בלוי־צעזונטער הימל פון מיטן טאָג, איז איינגעהילט געוואָרן אין אַ שוואַרצער הילע... פון די הונדערטער פויגלען, וואָס געפינען זיך נאָענט נעבן „סעמענטעריאַ", אויף דעם פעלד, ווו מ'פאַרברענט דאָס שטעטלשע מיסט.

דער וואָגן האָט זיך אָפּגעשטעלט נעבן אַ גרויסן, הילצערנעם טויער. פיר יידן האָבן אַרויסגענומען די טרומנע און איר אַרויפגעטראָגן אויפן „סעמענטעריאַ". גלייך נעבן טויער האָבן נאָך צוויי נעגערס פאַרענדיקט צוגלייכן די וועגטלעך פון קבר. אויף צוויי גראָבע שטריק האָט מען אים לאַנגזאַם אַראָפּגעלאָזן אינעווייניק. איך האָב געגעבן דעם לעצטן בליק אויף דער טרומנע, און אַ שמייכל האָט זיך אין מיר פאַרגנבעט — צופוסנס דער טרומנע איז געווען אַ באַזילבערטער צלם פון מגן־דודלעך. איך האָב מיינע אייגענע אויגן נישט געגלויבט, און גוט באַטראַכטנדיק עס נאָכאַמאָל, האָב איך דערזען אין דעם מגן־דודיקן צלם דעם סימבאָל פון זיין גאַנצן לעבן. ער איז געווען אַ ייד, פון יידישע שטערנדלעך, פון מגן־דודלעך, אָבער דאָס לעבן, די סביבה האָט פון אים אַ צלם געפורעמט. אַ בייסנדיקע איראָניע: אַ פינצטערער געלעכטער: דער איינציקער און ערשטער ייד דאָ אויפן גוייִשן „סעמענטעריאַ", מיט אַ צלם פון מגן־דודלעך אים צופוסנס...

מ'האָט אַרויסגעצויגן די שטריק, פיל מענטשן האָבן גענומען הויפנס ערד, זיי אַ קוש געטאָן, און מיטגעגעבן אים אין קבר. מען האָט פאַרשאָטן, אַרויפגעלייגט בלומען־קראַנצן פון זיינע פריינט און זיינע קינדער. אַ שטיקל ברעטל צוקאָפּנס אַריינגעשטעלט, אַנשטאָט דעם הילצערנעם צלם, וואָס איז שוין געשטאַנען צוגעגרייט, און אַרויסגייענדיק פון „סעמענטעריאַ", גלייך נעבן טויער, האָט אַן אַדוואָקאַט, אין ווייסן געקליידט, גערעדט אַ פּאָר ווערטער וועגן דעם טויטן, און האָט אין נאָמען פון זיין פאַמיליע באַדאַנקט אַלע אָנוועזנדע.

אין אַ פּאָר מינוט אַרום האָט שוין די שטילקייט געהערשט אין דער טויטער אַטמאָספערע. אַלע זענען זיך צעגאַנגען אַהיים, ווי קיין שום זאַך וואָלט דאָ נישט פּאַסירט, נאָר די פרישע בלומען האָבן מיט זייערע רויטע פאַרבן געשריִען צו דער זון פון דעם עלנדן קבר און פייכטיקע טראָפּנס זענען פון די ציטערדיקע בלעטלעך, געפאַלן אויף דעם גרויען בערגעלע זאַמד, און באַוויינט דעם מת.

אונטערוועגס

אַ מאַיאָוועד באַגינען האָט זיך אויסגעשפּרייט איבער די גרינע פעלדער. פּאַלמעס, שלאַנקע, צוואָגן זייערע לאָקן אין די קרישטאַל־בלענדיקע שטראַלן פון דער זון.

לענג־אויס דעם שאָסיי, דרעמלען פּאַלאַצן איינגעהילט פון עקזאָ־טישע ביימער, וווּ יעדער צווייג טראָגט גאַנצע בוקעטן מיט בלומען אויף זיך.

ווייטער־צו לויפן אַנטקעגן ליימענע הייזלעך מיט שטרויענע דעכער, ווייס געקאַלעכטע, ווי די טויבן וואָס קרייזן אַרום איבער זיי.

דאָ און דאָרט באַווייזט זיך אַ פּויער, ברוין ווי די ערד אונטער זיינע פיס מיט אַ שטרוי־הוט, ווי אַ ראָד איבער זיין קאָפּ, ער שפּאַנט נאָכן אַקער געשלעפּט פון אַ פּאָר שוואַרץ־ווייס געפלעקטע אָקסן, וועלכע שניידן־אויף גרודעס ערד, וואָס צאַפּלט ווי לעבעדיק לייב, ווי די ווערעם וואָס קריכן אַרויס פון איר איינגעווייד.

די גאַנצע וועלט רונד אַרום זעט אויס, ווי אַ שטילער חלום, וואָס וועבט זיך אין יונגן מוח.

אויטאָס לויפן פאַרביי ווי שוואַלבן און ווערן פאַרשוווּנדן ביים האָריזאָנט.

דער אויטאָבוס — וואָס פירט צוויי צענדליק יונגע לייט מיט זייערע פרויען און קינדער אויף אַ ל״ג־בעומר שפּאַציר אין אַ צוקער מיל, צו פאַרברענגען אַ טאָג צייט אויף דער פרייער נאַטור, — איז ווי אַ טייל פון דעם באַוועגלעכן אַרום, וואָס באָדט זיך אין זון און שיינט פון גליק.

הויכע קוימענס, וועלכע פּיפּקען און לאָזן זייערע רויכן מיושבדיק, ווי דער קובאַנער זיין ציגאַרן־רויך, האָבן אָנגעזאָגט, אַז זייער ציל איז דערגרייכט.

אַ פּרעכטיקער סאַד פון אַלערליי טראָפּישע פּרוכטן האָט זיך געפונען הארט נעבן דער צוקער־מיל. טאַנצנדיק האָבן זיי אַרויפגעשפּרונגען אויפן גראָז פון אויטאָבוס, און זיך געלאָזט שפּאַצירן איבערן סאַד, די קינדער, ווי פויגעלעך פון שטייג־אַרויס, לופן איבערן גראָז מיט אויסגעסטאַר־טשעטע אויגעלעך פון באַוווּנדערונג. זיי יאָגן זיך, ווי זיי וואָלטן וועלן אַלץ אַריינשלינגען אין זיך.

מיטאָג־צייט. ווייסע סערוועטן ליגן אויסגעשפּרייט אויפן גראָז, אין שאָטן פון ברייט־פּאַרצווייגטע מאַנגאָ בוימער, אַ יום־טובדיקע סעודה אונטערן פרייען הימל. יונגע באַלעבעסלעך, מיט בלאַנקע העמדער און ווייס־געפּרעסטע דירל און פלאַנעל־הויזן, געבן זיי, די פרויען ווי פרילינג־בלומען, שלאַנק און דין מיט פלאַמיקע אויגן, אין ווייס און געבלומטע קליידער פון פּאַדעם און זייד, פון וועלכע עס בערגלען זיך ווי קאַקאָ־ניס זייערע רייפע בריסטן.

די קינדער, ווי פעלד־בלימלעך אַרום זיי, האָט מען קוים געקענט איינהאַלטן ביים עסן, זיי האָט געריסן און געלאָקט דער אַרום.

שוימיקע גלעזער פון בורשטין־קלאָרן ביר, עוף מיט רייז, ברוין און באַטעמט, וועלכע פאַרשמעקט די לופט. פרוכטן פון אַלערליי קלימאַטן ליגן צעלייגט פּיראַמידן־אַרטיק איבער די טעלער. אַ ווינטערדיקער עפּל מיט אַ פרילינגדיקער באַנאַנע; אַ בלאַסע באַרנע מיט אַ פלאַמיקער פלוים; אַ קרעמיקע אַנאַנאַס מיט אַ ראָזלעכער מאַנגע, האָבן ווי זיך געבעטן צו מאַכן אַ ברכה איבער זיי.

צום סוף פון דער סעודה האָט איינער געהאַלטן אַ וואָרט מעניני דיומא, ער האָט דערקלערט די באַדייטונג פון ל״ג־בעומר. די קינדער האָבן געזונגען און רעציטירט לידער, וואָס זיי לערנען אין דער יידישער שול, אויף דריי שפּראַכן: יידיש, העברעיש און שפּאַניש. נאָך יעדן ליד האָבן באַגייסטערטע אַפּלאָדיסמענטן פון פרייד און פון גליק

צעליאַרעמט די לופט, זיך צעטראָגן אין חלל און געבליבן הענגען אויף די בוימער.

אין טאַנץ און אין פרייד, אין געזאַנג און אין ליכט איז פאַרפלויגן דער טאָג. מען האָט זיך נישט אַרומגעזען — און די זון איז שוין געשטאַנען אין מערב.

*

דעם זעלבן טאָג, האָבן גרופּעס באַוואָפנטע אויפשטענדלער זיך אַריינגעריסן אויף לאַסט־אויטאָס אין טויער פון קאַזאַרמע, אין איינער פון די הויפט־שטעט פון דער קובאַנער פּראָווינץ.

די וואַך אויפן שוץ־טורעם, האָט זיי באַגעגנט מיט אַ פייער, און זיי געלאָזט ליגן ווי אויסגעשחטענע קעלבער אין אַ טייך פון בלוט. אַ טייל, פון די הינטערשטע מאַשינען, האָבן זיך צוריקגעצויגן און זענען אַנטלאָפן. מיליטערישע דזשיפּס האָבן זיי נאָכגעיאָגט. און די זון האָט זיך געשפּיגלט אין בלוטיקע פלעקן אויפן שוואַרצן אַספאַלט, וועלכע האָבן זיך געצויגן אויף מיילן.

איבערן לאַנד איז ווי אַ ווינטער צעטראָגן געוואָרן דער אויפשטאַנד. אין יעדער שטאָט און שטעטל האָט מען גערעדט, אַז אין דער צווייטער — קערט זיך וועלטן... די אייגענע רויִקייט איז פאַרטרונקען געוואָרן אין כוואַליעס פון קלאַנגען, פון צערייצטע פאַנטאַזיעס, וועלכע האָבן זיך געטראָגן פון מויל צו מויל. מענטשן זענען געבליבן זיצן אין די הייזער, ווייטער ווי פון שטוב איז מען נישט געגאַנגען. די פּאָליציי און מיליטער זענען געווען איינגעקוואַרטירט.

שפּעט, נאָך האַלבן טאָג, האָבן די ל״ג־בעומרניקעס, זיך דערוווּסט פון דעם איבערפאַל, זענען זיי אַרויסגעפאָרן פריִער ווי זיי האָבן גערעכנט, אויפן מיטן וועג זענען זיי געבליבן שטיין. הונדערטער אויטאָס, אויטאָבוסן, לאַסט־אויטאָס, ווי מלחמה־אַבאַזן האָבן, ווי ווייט מען האָט געקענט זען, פאַרנומען ביידע זייטן פון שאָסיי אויף מיילן לאַנג.

מיליטערישע פּאַטרולן האָבן רעווידירט, געטאַפּט און גענישטערט ביי יעדן איינעם אין די געפּעק און אין די וואַליזעס געזוכט געווער.

דערווײַלע איז צוגעלאָפֿן דער פּאַרנאַכט. מנחה צײַט. צווישן דער גרופּע האָט זיך געפֿונען אַן אָבל, נאָך אַ מוטער, וועלכער האָט נאָך ביז איצט קײנמאָל נישט פֿאַרפֿעלט צו זאָגן קדיש. ער איז אַרומגעגאַנגען אַ פֿאַרצווייפֿלטער. ווי עס וואָלט געגאַנגען אים אין אַ לעבעדיקער און נישט אין קײן טויטער מאַמע. ער איז אַלע ווײַלע אַרויסגעלאָפֿן פֿון אויטאָבוס. זען צי עס רירט זיך שוין די רײַע, און געקומען צוריק מיט אַן אַראָפּ־געלאָזענעם קאָפּ.

די לעצטע שטראַלן שנײַדן פֿון האָריזאָנט און זאָגן אָן דעם אויסגאַנג פֿון טאָג. — נישט געדאַגהט! איז צוגעגאַנגען צו אים אַ חבר, אַ יונגער מאַן וואָס איז דערצויגן געוואָרן אין פּוילן, געלערנט אין אַ ישיבה, און קען נאָך דאַוונען אויף אויסנווייניק — מיר וועלן דאָ מאַכן אַ מנין! קומט, יונגעלײַט דאָ אַהער פֿון פּאַרנט, און די פֿרויען זאָלן זיך זעצן אויף די הינטערשטע בענק — האָט ער געגעבן אַ קאָמאַנדע מעשה אויטאָריטעט, — דעקט צו די קעפּ מיט די היטן אָדער מיט טיכלעך, און מיר וועלן דאַוונען מנחה.

ער האָט זיך אַוועקגעשטעלט פֿאַרויס, ווי בײַ אַן עמוד, און אויס־גערופֿן: — אשרי יושבי ביתך...

כמעט אַלע, אויסער אים, זענען געשטאַנען מיט פֿאַרמאַכטע מײַלער. געצוקט בלויז מיט די ליפּן. מען זאָל מיינען, אַז זיי באַוועגן זיך, מיט אַן אינערלעכן פֿאַרדראָס אויף זיך אַליין, וואָס זיי קענען זיך נישט דערמאָנען קײן וואָרט פֿון דאַוונען, כאָטש, ראש השנה און יום כיפּור, זאָגן זיי־נאָך מיט די עלטערן פֿון מחזור.

שטערן האָבן זיך באַוויזן אין הימל, קלענער איז געוואָרן דער האָריזאָנט. טיפֿער דער רוים. פֿון די בוימער, ביים זײַט וועג, האָט זיך געהערט אַ מורמל פֿון די בלעטער. זיי זענען איצטער אויך מתפּלל. זייער תּפֿילה איז אַ סוד פֿון דער נאַטור. ווער ווייסט? אפֿשר בעטן זיי אויך בײַ גאָט פֿאַר זון און רעגן, פֿאַר בליזונג און פּרוכט, פֿאַר געזונט און פֿאַר לעבן. מענטשן מיינען, אַז זיי אַליין האָבן דעם שליסל פֿון שער־התּפֿילה. אפֿשר האָבן עס אַלע וואָס לעבן, פֿויגל און חיה, גראָז

און בוים, פיש און שלאַנג, נאָר יעדער איינער האָט זיין אייגענעם נוסח, זיין אינערלעך געזאַנג...

— מיר'ן דאַוונען מעריב! — האָט זיך אָפּגערופן דער איינציקער בעל־תפילה אין דעם נאַכטיקן אָרום.

— והוא רחום יכפר עוון — ווי אַ שופר־שאַל, ווי אַ נישט־דאָיקע שטים. אַלע האָבן זיך אויפגעשטעלט צו שמונה־עשרה, ווי סטרונעס גלייכע, אָנגעצויגענע, וואָס וואַרטן אויף אַ האַנט וואָס זאָל זיי באַרירן, און אויסשפּילן פון זיי די תפילה, וואָס שרייט אַרויס פון אַלע זייערע אברים, און זיי זענען שטומע, קענען עס נישט אַרויסברענגען...

אין גרינע קאַקי מונדירן, העלמען איבער די אויגן, מיט מאַשין־געווער אין די הענט זענען געבליבן שטיין דריי סאָלדאַטן מיט פאַר־פלאַמטע, דערשטוינטע פּנימער, ווי פאַרשטיינערט, ביים אַריינגאַנג. זיי האָבן זיך ביים ערשטן אויגנבליק ווי פאַרלאָרן. דורכן גאַנצן טאָג וואָס זיי זוכן און נישטערן האָבן זיי אַזעלכעס נישט געזען.

— וואָס קומט דאָ פאָר?!

אַ יונגע פרוי איז צוגעקומען פון די הינטערשטע בענק צו זיי און דערקלערט: דאָס בעטן זיי צו גאָט, אין זייער אָוונט תפילה. מיר, יידן, בעטן אַזוי דריי מאָל אַ טאָג. מיר זענען פרידלעכע מענטשן, מיר מישן זיך נישט אין פּאָליטיק, און פאַרגיסן נישט קיין מענטשלעך בלוט. מיר פאָרן דאָס אַלע אַהיים קיין האַוואַנאַ פון אַ שפּאַציר אין אַ צוקר פאַבריק.

— איר האָט נישט קיין געווער? — האָט ער אויסגערופן.

— דאָס איינציקע געווער וואָס מיר האָבן — האָט איך חנעוודיק, קאָקעטיש, די פרוי געענטפערט — איז אַ טאַשן מעסער אויף צו שיילן אָראַנזשן...

זיי האָבן זיך אַלע פונאַנדערגעלאַכט און געגעבן אַ קאָמאַנדע: — איר קענט שוין פאָרן!

— יתגדל ויתקדש שמי רבא — האָט טרויעריק געקלונגען די שטים פון דעם אָבל. און דורך די פענצטער האָבן די פעלדער און די בוימער, די גרילן און די גליוורעם, מיט די שטערן פון דעם הימל און דעם גאַנצן אָרום געענטפערט: — אמן!...

דער אלטער קראַוואַטן־פּעדלער

אַ דאַרער קליינטשיקער יידעלע מיט אַ זילבערנעם קאָפּ האָר, דורכגעוואָרפן מיט שוואַרצע שאָטנס, אַ זכר פון פאַרשוווּנדענער יוגנט. די הויט געל און דין, צעקנייטשט און געקאַרבט פון דער צייט, וואָס האָט צעאַקערט אַ פּיר און זעכציק פרילינגס אויף איר. זיינע בלאָס־גרויע אויגן וואַרפן ווען נישט ווען פונקן־בליקן, וועלכע דערציילן פון אויסגעלאָשענע שטראַלן. אַ מויל מיט אויסגעהוילטע יאַסלעס, וועלכע ווייזן בלויז דריי־פיר ציין, צעוואָרפענע ווי פּיענעס אין אַ אויסגעהאַקטן וואַלד, אויפן האַנט האָט ער געטראָגן עטלעכע טוץ ביליקע קראַוואַטן, פון וואָס ער האָט געצויגן זיין חיונה.

פון פרימאָרגן ביז פאַרנאַכט האָט מען אים געקענט זען זיך שלעפּנדיק מיט זיינע מידע פיס גאָס־איין, גאָס־אויס ביז די פאַרוואָרפנסטע און ווייטסטע גאַסן פון די פאַרשטעט פון האַוואַנאַ מיט זיין ביסל קראַוואַטן אריבערגעוואָרפן איבערן אָרעם. ער פלעגט יעדן טאָג אַזוי דורכגיין עטלעכע קילאָמעטער, זיך אָפּרוען אַביסל, און ווייטער שפּרייזן. די פאַרבייגייענדע פלעגן פון רחמנות וועגן צום אַלטן פּאַלאַקאַ, אים געבן צו לייזן. אין אָוונט פלעגט ער קומען אַהיים, זיך אַרומוואַשן און אַריינגיין אין אַ רעסטאָראַן, ווו ער פלעגט זיך שטענדיק אָוועקזעצן ביי דעם ערשטן טישל פון אַריינגאַנג, ווייל ס׳איז דאָרט געווען לופטיקער. נאָכן עסן פלעגט ער בלייבן זיצן ביי דעם זעלבן טישל און פון צייט צו צייט פאַרפירן אַ שמועס מיט די יונגע חברה, וואָס פלעגן זיך אַרומזעצן נעבן אים.

וועגן וואָס מען האָט נישט אָנגעהויבן צו ריידן פלעגט מען כמעט

שטענדיק צוקומען צו דער טעמע וועגן סאָוועטן־לאַנד, זיין ליבלינגס געשפּרעך און אַ פּראָבלעם, וואָס האָט אַלעמען אינטערעסירט. אויב ער האָט געהאַט פּאַר זיך אַ קעגנער, פלעגט דאָן פון זיינע אויגן אַרויסשטראַלן אַ פאַרבאַהאַלטענער יוגנט־פלאַם. די שטים פלעגט זיך ביי אים בייטן, און ער אַליין ווען ער וואָלט פון זיינע דאַרע ביינער אַראָפּגעוואָרפן אַ פּאָר צענדליק יאָרן.

— וואָס ווייסט איר? — פלעגט ער אָנהויבן — איר זייט דאָך יינגלעך אָן דערפאַרונג. איך וועל אייך דערציילן וואָס איך האָב דורכ־געמאַכט, וועט איר וויסן וואָס עס הייסט סאָוויעטן־לאַנד. אָט ווי איר קוקט מיך אָן, זע איך אויס ווי אַן אויסגעשמאַטשקעטער ציטרין, וואָס יעדן טאָג קענט איר עס געפינען ליגנדיק אויפן מיסט אַרויסגעוואָרפן און וואָס נוצט שוין גאָרנישט. אָבער הערט וואָס איך האָב אויף מיינע דאַרע ביינער דורכגעטראָגן און וואָס איך האָב אין מיין לעבן דורכגעמאַכט — אייך וועט דאָס צו נוץ קומען.

אַלע וועלכע זיינען געזעסן ביים טיש, האָבן מיט זייערע בייגעריקע בליקן זיך אַריינגעשניטן אין דעם אַלטנס פּנים, ווי אין אַ בוך וואָס איז פול מיט נייעסן, און האָבן שווייגנדיקע זיך צוגעהערט. ער האָט גענומען דערציילן:

— איך בין געבוירן אין אַ קליין שטעטל אין אוקראַינע ביי באַלעבאַ־טישע עלטערן. אַ דערציִונג האָט מען מיר געגעבן גלייך ווי אַלע קינדער אין יענער צייט. אַ חדר, אַ מלמד מיט אַ קאַנטשיק. ווי ווייט איך געדענק פון מיינע יינגלשע יאָרן, איז מיר נישט געבליבן קיין ליכטיקער טאָג אין מיין זכרון. שטענדיק דער פאַרשטיקטער חדר, פון אינדערפרי ביז שפּעט ביינאַכט. און זענען אַפילו יאָ געווען יום־טובדיקע טעג, זענען זיי פאַרזונקען געוואָרן אינעם אָפּגרונט פון זכרון, וועלכער איז פול מיט וואָכעדיקייט, גראָקייט און שטענדיק מאָנאָטאָנע פאַרחושכדיקע פיר ווענט פון חדר. אַז איך בין שוין פון דעם פּטור געוואָרן, האָט מען מיר אָפּגעגעבן פּאַר אַ פּריקאַזטשיק ביי דעם שטעטלשן גביר, ווו איך בין געווען מער משרת ווי אַן אָנגעשטעלטער, ראַמען די קראָם, אַרויסטראָגן דאָס מיסט און לויפן אין רעגן אין פראָסט אומעטום ווו מען האָט נאָר

געדאַרפט. איך האָב אַלץ געמוזט טאָן וואָס מען האָט מיר נאָר געהייסן, ווען נישט וואָלט מען מיך אָפּגעזאָגט פון דער שטעלע, ווי מען האָט מיך געלערנט פאַר אַ פּריקאַזטשיק. אַלע אין געשעפט זענען געווען מיינע באַלעבאָטים, און איך האָב אַלעמען געמוזט באַדינען. אַז עס זענען שוין אַריבער די עטלעכע יאָרן פון סלוזשעווען און איך האָב שוין געהאַט אַן אָנונג פון געשעפט, פלעג איך מוזן שלעפן אויף מיינע פּלייצעס שווערע פּעק, קאַסטנס מיט סחורה און אַזוי אַרבעטן פון באַגינען ביז שפּעט אין אָוונט. אַזוי איז אַוועק מיין יוגנט אין שקלאַפעריי.

אַ פּאָר יאָר פאַר דער וועלט מלחמה האָב איך זיך אַריבער געכאַפּט אין דער גאָלדענער אַמעריקע. דאָרט האָט זיך אָנגעהויבן פאַר מיר אַ נייע סדרה פון הונגער, נויט און שקלאַפעריי. אין דער צייט פון קריג איז די לאַגע געוואָרן אַ ביסל בעסער. די גאַנצע וועלט האָט זיך געשלאָגן, האָבן מיר געדאַרפט אַרבעטן פאַר איר. די באַלעבאָטים האָבן געשאַרט קופּעס מיט גאָלד פון אונדזער שווייס און פון דעם פאַרגאָסענעם בלוט פון די מיליאָנען הרוגים. דאָרט אין אייראָפּע האָט מען געזייט פאַרוויסטונג, און דאָ אין אַמעריקע האָט מען אויף אַ ברייטן אופן דאָס אויסגענוצט.

אַז עס איז אויסגעבראָכן די רוסישע רעוואָלוציע, האָב איך איבער־געלאָזן אַמעריקע מיט אירע גאָלדענע גליקן, מיט איר אַלדאָס־גוטס און גלייך ביי דער ערשטער געלעגנהייט זיך איבערגעפּעקלט אין מיין הײמלאַנד. איך בין געפאָרן העלפן דער רויטער אַרמיי קעגן אירע שונאים פון דרויסן און פון אינעווייניק, זייענדיק שוין אַ מאַן פון איבער עטלעכע און פערציק יאָר האָט מען מיר איבערגעגעבן די אַרבעט פון אָנפירן אַ געוויסע אָפּטיילונג אין רעווקאָם, ווו איך האָב זי דורכגעפירט מיט איבערגעבנקייט ווי אַ געטרייער סאָלדאַט. צוליב געוויסע סיבות, פאַמיליען אָנגעלעגנהייטן, בין איך געווען געצווונגען צו פאַרלאָזן אויף אַ קורצער צייט סאָוועטן־לאַנד און פאָרן אין די שטאַטן, כדי צו דערליידיקן אַלעס און שפּעטער פאָרן צוריק אויף צו פאַרבלייבן אַ שטענדיקער איינוווינער אין דעם ראַטן־פאַרבאַנד.

אַז איך בין שוין געווען אויפן וועג צו אַמעריקע, זיינען די טויערן געשלאָסן געוואָרן, און איך האָב קיין אַנדער ברירה נישט געהאַט ווי

צו פאָרן קיין קובאַ. איך האָב געהאַפּט זיך גרינג אַריבערכאַפּן אין די פאַראייניקטע שטאַטן. נאָר וואָס זאָל איך אייך דערציילן — איז ער אַנגעצונדן געוואָרן און גענומען שפּריצן מיט געדאַנקען ווי פייערצונגען — דער וואָס האָט אַליין נישט גענומען אין דער בויאונג פון סאָוויעטן־לאַנד, קען קיינמאָל נישט וויסן וואָס עס הייסט אַן אַרבעטער און פויערים רעגירונג. ווען זי נעמט איבערבויען איר לעבן אויף נייע, געזונטע יסודות אָן קלאַסן פון רייכע און אָרעמע, אָן פּאַראַזיטן און שקלאַפן — אַלע באַפרייטע און גליקלעכע. אַלע עסן דעם זעלבן שטיקל טרוקן ברויט, און אַז ס'וועט זיין גענוג פאַר אַלעמען, אַלע גלייך צום שטיקל פלייש. אַלץ מיט דער צייט! ס'ווערט פון יאָר צו יאָר בעסער, נאָר געדולדיק. ס'איז עפּעס אַ קליינוקייט איבערצובויען אַ וועלט פון פאַר־שימלטע באַגריפן, פאַרפוילטע מוחות, פאַרפינצטערטע אַבערגלויביקע געדאַנקען, פאַרשאָלטן אין אַ געטער נעץ ?!...

נו, אַז דאָס אַלעס דאַרף אַרויסגעריסן ווערן, אויסגעקאָריעט ביזן וואָרצל און איבערגעפלאַנצט ווערן אויף דאָס ניי וויל מען אַז אין עטלעכע געציילטע יאָרן זאָל שוין קומען משיח און דאָס לאַנד זאָל שוין ווערן אַ גן־עדן! — וואָרט, האָט געדולד! — מען בויט נישט פאַר געציילטע יאָרן. ס'איז אויף הונדערטער, אויף אייביק, אַז מען בויט איבער אַ וועלט, איז וואָס שפּילט אַ ראָלע אַז מען ליידט אונטער אַ צוויי צענדליק יאָר אויף צו זיכערן אַ צוקונפט פאַר זיך, פאַר די קינדער, פאַר דעם גאַנצן מענטשלעכן מין?! איר פאַרשטייט, איך רעד דאָס אַנטקעגן דעם, וואָס איר בורטשעט: „רוסלאַנד הונגערט, ס'איז שלעכט, מען גייט באָוועס און נאַקעט". איך וויל, אַז איר זאָלט פאַרשטיין, אַז איך גיי אויך נישט פאַרלייקענען דעם אמת פון דערוויל, אָבער איר דאַרפט קענען באַגרייפן דעם אמת פון דער צייט, וואָס וועט פאַרשלינגען אָט די אַלע קליינע אמתן פון דעם אומפאַרמיידלעכן טאָג...

איר פאַרשטייט, איך האָב זייענדיק אין סאָוויעטן־לאַנד נישט איין טאָג צו זאָט נישט געגעסן; פלייש, ווען נישט ווען. אָבער וואָס פאַר אַ פרייד איז דאָס געווען אין אונדזער אַלעמענס צוזאַמענלעבן. און איבערהויפּט די פאַראַנטוואָרטלעכקייט וואָס איז געלעגן אויף אונדז.

דאָס איז געווען דער זין, דער ציל, די שטרעבונג צו דערגרייכן וואָס שנעלער און וואָס בעסער צו זען גליקלעך אַ נייע, געזונטע, שטאַרקע און זאַטע סאָוויעטן־פאַרבאַנד, אויפגעבויט דורך אַרבעט פון אַלע פאַר אַלע. ווו קען מען עס פילן די זיסקייט פון לעבן אויסער דאָרט, ווו דער באָדן רייפט מיט ליבע, מיט פרייהייט און בווונג ?

ער האָט פאַרענדיקט, אַלע האָבן זיך ווי פון שלאָף אויפגעכאַפּט, ווי פון אַ זיסן חלום. און אָנקוקנדיק דעם גרויען אַלטיטשקן, וועלכער זיצט דאָ פאַר זיי מיט אַן אויפגעלויכטן פּנים פון אַ זיגער, האָבן זיי אַליין זייערע אויגן נישט געגלויבט, אַז דאָס דאָרע מענטשעלע איז עס, וועלכער האָט זיי פאַרכישופט מיט דער ווירקלעכער לאַגע פון ראַטן לאַנד.

אַט אַזעלכע געשפּרעכן איז נישט איינמאָל פאָרגעקומען ביי די טישלעך פון רעסטאָראַן, ווו דער אַלטער פעדלער איז געזעסן: יאָר נאָך יאָר איז די צייט אַזוי געגאַנגען. די עלטער האָט זיך אַריינגעצויגן צו דעם אַלטן אין ברוסט און לונגען. ער האָט אָנגעהויבן הוסטן, וואָס אַמאָל אַלץ שטאַרקער און אָפטער. ער איז זיך ווייטער געגאַנגען זיין שווערן וועג און געפעדלט, וואָס איז אים פון טאָג צו טאָג געוואָרן אַלץ שווערער. דער הוסט האָט אים שוין נישט געלאָזט מאַכן אַזוינע ווייטע שטרעקעס, ווי אין דער ערשטער צייט נאָך זיין אָנקומען אין קובאַ.

ביי אים איז נישט געווען קיין שבת, קיין יום טוב און אַפילו אום יום כיפור פלעגט ער אַרומפעדלען. דאַן ווען אַ טייל פלעגט אפשר צוליב פרומקייט אַדער אַנדערע, ווייל עס פאַסט נישט פאַר לייטן, פלעגט ער זיך אויך באַוויזן מיט זיינע קראַוואַטן איבערן אַרעם. כמעט אפשר דער איינציקער יידישער פעדלער אין יענעם טאָג. יידן, יום־טובדיק אויסגעפוצטע, פלעגן פאַרבייגיין און קוועטשן מיט די פּלייצעס זעענדיק דעם אַלטן פעדלער, וועלכער גייט זיך רויק און געלאַסן ווי שטענדיק און זוכט צו פאַרקויפן זיינע קראַוואַטן. — איז ער משוגע, צי עובר בטל ? — פלעגן זיך די יידן פרעגן — ווי שעמט דאָס זיך נישט אַ מענטש צו פעדלען מיט קראַוואַטן אום יום־כיפור און נאָך אין דער יידישער געגנט דערצו ? — זיי האָבן זיך נישט געקענט פאַרשטעלן, אַז דער אַלטער

קען נישט זיין אַ היפּאָקריט בעת ער גלויבט נישט, איז ער אַ הונדערט פּראָצענטיקער נישט־גלויביקער און אויסגעהאַלטן ביזן סוף.

די לעצטע מאָנאַטן האָבן זיך אָנגערוקט. ווי גיפטיקע שלאַנגען וואַלטן זיך פאַרקליבן אין זיין ברוסט, געוויזן דאָס האַרץ און פאַרשפּרייט אַן אַלץ מער פאַרשטיקטן הוסט. ער האָט שוין מער נישט געקענט גיין פעדלען און איז געזעסן אין רעסטאָראַן פון אינדערפרי ביז ביינאַכט. נישטאָ מער כוחות אויף צו פעדלען. דאָס טישל, ביי וועלכן ער איז די לעצטע יאָרן טאָג נאָך טאָג געזעסן, איז אים געווען היימיש. ער האָט אַזוי ווי געפילט, אַז דער טיש איז דער איינציקער, וואָס פילט אים מיט זיין עלנט אויף דער עלטער אין פרעמדן לאַנד. אַז ער פלעגט זיך פונאַנדער הוסטן פלעגט דאָס טישל זיך מיטטרייסלען מיט אים און קריטשן, אַזוי ווי עס וואָלט אים וועלן טרייסטן אין זיין איינזאַמקייט.

זייענדיק אַ פרייער מענטש און שפּירנדיק, אַז דער טויט דערנענטערט זיך צו אים איז ער אַוועקגעגאַנגען צו אַ נאָטאַריוס, ווער עס זאָל אים אָנשרייבן אַ צוואָה, אַז נאָך זיין טויט זאָל מען אים נישט מקבר זיין, נאָר זיין קערפּער זאָל איבערגעגעבן ווערן אין אוניווערסיטעט, כדי די צוקונפטיקע דאָקטוירים זאָלן שטודירן איבער אים. ער האָט געגעבן פינף דאָלאַר האָנטגעלט און האָט נאָך געדאַרפט באַזאָרגן אַ באַשטעטיקונג פון אַ דאָקטער, אַז ער איז ביי זיין נאָרמאַלן פאַרשטאַנד, כדי צו פאַרהיטן אַז נאָך זיין טויט זאָל דער „חסד של אמת״ נישט קענען אים מקבר זיין אויפן יידישן בית־עולם, ער איז געווען גרייט דאָס גאַנצע ביסל געלט וואָס ער האָט פאַרמאָגט, אַוועקגעבן פאַר דעם. נאָר איידער ער האָט נאָך באַוויזן דאָס דורכצופירן, האָט זיך דער טויט שוין פריער אונטערגעאיילט.

אַז ער איז געוואָרן אָפּגעשוואַכט, איז ער שטיל און רויק אַוועק־געפאָרן אין שטאָטישן רעגירונגס שפּיטאָל. ער האָט געפילט, אַז פון דעם אייזערנעם בעט וועט ער שוין אַליין נישט אַראָפּגיין און האָט באַטראַכט דאָס אָנקומען פון טויט ווי אַן אומפאַרמיידלעכע זאַך. ער האָט געוווסט, אַז אַלץ איז שוין פאַרפאַלן — נישט באַשערט צו זען זיין חלום ווידער צו זיין אין דער סאָוויעטן רעפּובליק. נישטאָ אויך קיין יענע

וועלט מיטן גן־עדן און גיהנום. אים האָט נאָר באַנק געטאָן וואָס ער האָט זיין לעצטן ווילן אָנצושרייבן זיין צוואה נישט געקענט דורכפירן. ער האָט נישט געוואָלט, אַז מען זאָל אים מקבר זיין אויף אַ יידישן אָדער קריסטלעכן בית־עולם, נאָר אַז דאָקטוירים זאָלן פּראַקטיצירן אויף זיין קערפּער.

און מיט דעם צער און זיין גוססדיקן האַרצן איז ער אויסגעגאַנגען אַן איינזאַמער, אַן עלנטער און פרעמדער אויף דעם אייזערנעם בעטל אין גרויסן זאַל, ווו צענדליקער קראַנקע האָבן באַגלייט זיין נשמה מיט קורצן הוסטן און זיפצן. מען האָט אים אָוועקגעפירט פון דעם זאַל מיט די כמורנע ווענט, אָנגעפילט און אָנגעזאָפּט ביזן גרונט מיט אַ ים פון מענטשן־ליידן.

פון דעם שטעטל

אַ שטילער אָוונט איז צעגעפאַלן צו די הייס־אָנגעברענטע מויערלעך פון דער בייטאָגיקער זון. קילע ים־ווינטן האָבן געבלאָזן, ווי זיי וואָלטן געקומען אָפּפרישן דאָס פאַרחלשטע שטעטל פון טראָפּישער היץ. פון צייט צו צייט האָט אויפגעשטויבט די גאַס פון אַ פאַרשפּעטיקטן פויער, וואָס איז געריטן איילוק אַהיים מיט די פעקלעך ביים זייט. דורך די גראַטעס פון די פענצטער האָבן אַרויסגעשטראַלט גליִענדיקע אויגן פון ליכטיקע פּנימער, וואָס חלומען פון ליבע. אַנדערע זענען געזעסן אויף די ווינקשטולן אויפן גאַנעק, ווי אַנגעפּאַרבענע לאַלקעס, זיך געשאָקלט צו כאַפּן אַ ביסל פרישע לופט. אַ טייל האָבן געקווייטשעט מיט זייער יונגע, צאַפּלדיקע פרויען קולכלעך, ווי זיי וואָלטן פאַרוואָרפן נעצן צו פאַנגען די מענער מיט זייערע שטימען, אין וועלכע עס טליען פונקען פון ליידנשאַפט... ווען־נישט־ווען איז פאַרביי־געגאַנגען אַ פּאָרל מיט די אויגן איינגעגעסן איינע אין די צווייטע, ווי עס וואָלט קיינער אַרום זיי נישט באַמערקט.

ביסלעכווייז איז דאָס שטעטל אַלץ שטילער געוואָרן. דאָ און דאָרט האָט זיך אויסגעלאָשן דאָס עלעקטרישע ליכט. און דאָס זשומען פון גרילן האָט אָנגעזאָגט די דערנענטערונג צו האַלבער נאַכט, ווען קיין מענטשלעכע שטימע האָט שוין מער נישט איבערגעריסן זייער מאָנאָטאָנעם געזאַנג.

ביי דעם איינציקן יידישן קרעמער פון שטעטל איז די ליכט נאָך נישט געווען אויסגעלאָשן. פאָטער און מוטער, צוויי מיטליעריקע מענטשן, האָבן זיך געפּאַרעט ביים שראַנק, געפּאַקט די זאַכן אין טשעמאָדאַנעס.

ס׳איז געווען קאַנטיק, אַז מען קלייבט זיך אויף אַ לאַנגער רייזע. אין צווייטן צימער, אונטערן אָפּגלאַנץ פונעם ליכט, האָט זיך געוואָרפן די זיבעצניעריקע אַנאַ אויף איר געלעגער און נישט געקענט איינשלאָפן.

ס׳איז אימיטן נאַכט. אַלע שלאָפן שוין. בלויז אַנאַן נעמט קיין שלאָף נישט. זי שלייכט אַראָפּ פון געלעגער, שטעלט זיך ביים פענצטער, וואָס צום הויף צו, ווו אין זילבערנעם שיין פון דער לבנה וויגן זיך שטיל די צווייגן פון די בוימער, ווי זיי וואָלטן געתפילהט אין דער נאַכט...

פון דערווייטנס באַמערקט זי אַ סילועט פון אַ מענטשן, וואָס באַוועגט זיך פאַרויס, אַלץ נענטער צו איר. אַ ציטער איז איר דורכגעלאָפן דורכן לייב. ווער קען עס זיין? אין אַ ווייַלע אַרום האָט זי שוין געקענט זען, אַז דאָס איז ער... און דאָס געפיל פון שרעק האָט זיך צונויפגעמישט מיט אַ געפיל פון פרייד. אָט שטייט ער שוין ביים פענצטער, ער רופט זי מיטן ווונק, אַז זי זאָל אַרויסגיין צו אים אויפן הויף. בעת מעשה האָט זי זיך דערשראָקן פאַרן געדאַנק. אָבער באַטראַכטנדיק, אַז אַלע אַרום שלאָפן, און וויסנדיק, אַז מאָרגן פאָרט זי אַוועק, און ווער ווייסט ווי לאַנג זי וועט דאַרפן וואַרטן צו זען זיך מיט אים, האָט זי אַרויפגעכאַפּט אַ קימאָנע אויף זיך און מיט שטילע, באַרוועסע טריט איז זי אַרויס צו אים. הייסע, גליִענדיקע קושן האָבן זיי ביידן פאַרשמידט אין אַ פייערדיקן רינג, וואָס נאָר גאָט אַליין פאַסט אָן אויף די הייליקע פאַרליבטע...

זיי האָבן זיך אַרונטערגעזעצט אונטערן שאָטן פון אַ ברייט פאַרצווייגטן טאַמאַרינדאַ בוים, און מיט טרערן אין די אויגן האָט זי אים געגומען דערציילן אָט דאָס וואָס איר האָט געדריקט אויפן האַרצן.

מאַנועליטאָ מיינער האָט זי האַלטנדיק זיין קאָפּ ביי איר שויס, גלעטנדיק אים מיט די צאַרטע פינגער איבערן מאַטאָוון פנים, איבער די פּעך שוואַרצע האָר, וועלכע האָבן נאָך מער פאַרשאַרפט דעם פייערדיקן גלאַנץ פון זיינע גליִענדיקע אויגן, וואָס שפּריצן מיט ליידנשאַפט — איך פאָר אַוועק, — האָט זי מיט טרערן אין די אויגן צו אים געמורמלט — איך פאָר אַוועק...

— ווהין פאָרסטו? — האָט ער זיך אַרויסגעריסן פון אירע הענט, און אַנקוקנדיק איר גלייך אין די אויגן, אַן אויפגערעגטער, ווי פּריטש־

מעלעטער, וואָס ווייסט נישט וואָס ער הערט. — שאַ... באַרויִק זיך... איך בין דיינע! נישט קיינעמס! נאָר הער מיר אויס אַ ווײַלע — און ווי אַ געניטע צוימערין, וועלכע דאָמינירט די ווילדקייט פון אַ לייב, האָט זי אים ווידער גענומען איינטוליען אין איר שויס, און מיט לאַשטשענדיקע פינגער, וואָס באַרויִקן, האָט זי אים גלעטנדיק גענומען דערציילן: —

— דו ווייסט, מאַנועליטאָ מיינער, דאָס איך בין אַ יידיש קינד, כאָטש איך זע נישט איין מיט וואָס בין איך אַנדערש פון דיר. מיר האָבן געלערנט צוזאַמען פון קינדערגאָרטן אַז מיר האָבן געקראָגן די זעלבע דערציִאונג, מיר האָבן די זעלבע קולטור, קיין אַנדערע האָב איך נישט געקראָגן; און איצט זאָגט מיר מיין מאַמע, אַז איך בין אַ יידיש קינד, און איך טאָר נישט חתונה האָבן מיט קיין קריסט. דעריבער, וועלנדיק אונדז אָפּרייסן איינע פון די אַנדערע, פאָרט מיט מיר די מאַמע אויף אַ פּאָר מאָנאַט קיין האַוואַנאַ.

— דו וועסט נישט פאָרן! איז ער אויפגעשפּרונגען מיט אַ רוגזהדיק פּנים — איך וועל דיך נישט לאָזן! האָט ער זיך צעשריען אַן אויפֿגערייצטער.

— שאַ, באַרויִק זיך — האָט זי אים גענומען איינשטילן, אונדזער ליבע קען קיינער נישט צעשיידן! נאָר האָב געדולד! נישט פאָרן דאָס קען נישט זיין! איך מוז פאָלגן מיינע עלטערן. אָבער איך פאַרזיכער דיך, אַז ווו איך זאָל נישט זיין, וועל איך נאָר דיך זען. נאָר דיר פילן... נאָר צו דיר ריידן... אַלץ וואָס וועט זיין אַרום מיר, און אַלע וועלן אַרום מיר זיך באַוועגן, וועלן בלויז זיין מעדיומס, וואָס וועלן מיין האַרץ מיט דיינעם דורך די געפילן צוזאַמענברענגען. דו בלייב רויִק. טראַכט נאָר פון מיר! באַווייז זיך דאָס ווינציקער ביי מיין פאָטער אין געשעפט, ווי די זאַך וואָלט דיר גאָרנישט אָנגעגאַנגען.

אירע אויפריכטיקע ווערטער האָבן געווירקט אויף אים, ווי אַ באַלזאַם אויף זיין פאַרוואונדעט האַרץ, און ער האָט מיט שעפּטשענדיקע ליפּן, זי טוליענדיק צו זיך, איר געוואונטשן: — פאָר געזונט, מיין געליבטע, פאָר געזונט!...

דער העבער־געקריי האָט אָנגעזאָגט, אַז אָט באַלד טאָגט שוין. און

מיט פלאַמיקע הערצער, און פאַרטערטע אויגן האָבן זיי זיך איינער מיטן צווייטן געזעגנט, נישט קענענדיק זיך אָפּרייסן ווי מיט צוגעשמידטע ליפּן, וואָס בלוטיקן ביים פונאַנדעררייסן...

באַגינען האָט די באַן זיך געיאָגט צווישן גרינע קאַניע פעלדער, צווישן טאַנצנדיקע פּאַלמען, וואָס האָבן געצוואָגן זייערע קעפּ אין די גאָלדענע שטראַלן פון דער אויפגייענדער זון. זי איז געזעסן נעבן דער מוטער אָ פאַרשלאָפענע, מיט אַ בלאַסן פּנים, ווי די לבנה וואָס האַלט ביים פאַרשווינדן.

דער רעש פון דער גרויסער שטאָט, די שיינקייט פון האַוואַנאַ, די בלומיקע אַלייען, די קאַפּיטאָליאַ דאָס צויבערלעכע נאַכטלעבן, די טישלעך מיט די מוזיק אויף פּראַדאָ — דאָס אַלעס האָט איר אין די ערשטע טעג ווי באַטויבט, כאָטש אין האַרץ האָט די בענקשאַפט געגריזשעט ווי אַ וואָרעם...

די מוטער האָט זי געזוכט צו אַריינפירן אין דער יידישער האַוואַנאַ, זי געפירט אין יידישן צענטער, אויף יידישע בעלער. זי האָט זיך באַקענט מיט דער יידישער יוגנט, און וואָס מער פון אַלץ האָט איר געוווּנדערט, וואָס זי זעט נישט אין זיי קיין אונטערשייד פון די קובאַנער. זיי באַנוצן דעם זעלבן שפּאַניש, טאַנצן רומבאַ, די קאָנגאַ, נישט ערגער פון זיי, און וואָס באַלאַנגט פרויען, באַנוצן זיי די זעלבע בלומען־שפּראַך פון ליבע, מעסטן מיט די אויגן די רונדקייט פון קערפּער און שניידן מיט די בליקן ביז דער נאַקעטקייט פון לייב, פּונקט ווי די קובאַנער.

צווישן די אַלע, וואָס האָבן זיך געדרייט אַרום איר אין האַוואַנאַ, איז איינער, אַן עלטערער בחור, מיט אַ גאַנץ וואָזשנעם פליך און אַ געשעפט אַ צולייג, איר נאָכגעקראָכן מער ווי די איבעריקע. און עס איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז ער האָט שוין גערעדט מיט דער מוטער וועגן איר. די מאַמע איז געווען מלא־שמחה: ערשטנס אַ גביר, פּשוט אַ גליק מן־השמים; צווייטנס — וועט זי פּטור ווערן פון דעם שייגעץ; דריטנס — וועט זי דורך אים, אפשר קענען אַרויסרייסן זיך פון דער פּראָווינץ, ווו זי האָט שוין אָפּגעפינצטערט אַ האַלבן לעבן... זי האָט געשריבן אַ בריוו צו איר מאַן, אים אָנגעזאָגט די גוטע בשורה פון דעם

שידוך. עס האָט לאַנג נישט געדויערט, ווי זי האָט באַקומען אַן ענטפער, אַז אויב דאָס איז טאַקע אַלץ אַזוי ווי זי שרייבט, זאָל זיין מיט מזל...

אַז דער בחור האָט שוין געהאַט די הסכמה פון די עלטערן, האָט ער זיך געפילט ווי אין זיבעטן הימל. אַזאַ שיינקייט! קיינער וועט דאָך נישט זאָגן אַז זי איז אַ „פּאַלאַקאַ", אַ יידישע. איר מאַטאָווע קיילעכדיק פּנימל, אירע פייערדיקע צוויי קאַרשן־אויגן, איר שלאַנקע פיגור, איר יונגער צאַפּלדיקער קערפּער, וואָס ציגנדט אונטער יעדן מאַנס בליק, אַז מען קען איר נישט אַדורכלאָזן גלייכגילטיק, נישט נאָכקוקנדיק איר פון הינטן ביז זי פאַרשווינדט!

ער האָט זיך אויסגעפּוצט אין אַ נייעם ווייסן פּראַנעלענעם אַנצוג. די פּאָר האָר האָט ער אַזוי קונציק פאַרקעמט, אַז זיי האָבן אים פאַר־קלענערט דעם פּליך אויף אַ העלפט, און אַ פריש געראַזירטער איז ער געקומען איינלאַדן די מוטער מיט דער טאָכטער צו פאָרן אין אַ קאַבאַרעט אויף צו פאַרברענגען דעם אָוונט.

אונטער די פאַרביקע לעמפּלעך, וואָס האָבן אַרויסגעקוקט דורך די צווייגן פון די ביימער, האָבן זיך צענדליקער פּאַרלעך געוויגט פאַרשיכורטע פון ווייַן און ליבע. טאַנצנדיק אַזוי איז ער מיט איר פאַרשוווּנדן אין אַ טונקעלער אַלייע, וואָס איז געגרייט ספּעציעל פאַר די פּאַרלעך, וואָס ווילן דעם סוד פון ליבע פאַרטרויען די שאָטנס פון דער נאַכט... זיי האָבן זיךביידע אָוועקגעזעצט אויף אַ באַנק, און מיט אַ ציטעריקער שטימע האָט ער גענומען דערקלערן זיך איר אין ליבע. ביסלעכווייז האָט ער אויך גענומען אויספּלאַפּלען, אַז ער האָט שוין די הסכמה פון אירע עלטערן.

זי איז אונטערגעצונדן געוואָרן. אָבער זי האָט זיך געזוכט צו קאָנטראָלירן, נישט אַרויסווייזנדיק אירע געפילן. זי האָט אים נישט געזאָגט נישט יאָ און נישט ניין. זי האָט אים געפּרוּווט צו פאַרדרייען, אַז זי איז נאָך אַ קינד, אין גאַנצן זיבעצן יאָר אַלט, וואָס האָט נאָך גאָרנישט גענאָסן פון לעבן. זי וויל נאָך לעבן עטלעכע יאָר פריי, ווי אַ יונג מיידל, פאַרברענגען און אויסנוצן די יוגנט. וואָס האָט זי זיך צו איילן? — ער האָט אין אירע נאַיווע, כמעט קינדערישע רייד, גאָרנישט באַמערקט

איר פאַרבאַהאַלטענעם געדאַנק. ס׳איז אויסגעקומען, אַז זי איז נישט קעגן צו הייראַטן מיט אים, נאָר מער נישט, וואָס זי איז נאָך צו יונג, זאָל ער צוואַרטן אויף איר. מיטן תירוץ, אַז די מאַמע קען זיי שוין דאַרט אַרומזוכן, האָט זי זיך אויפגעהויבן פון באַנק, און ער האָט מער נישט געקענט טאָן, ווי באַגלייטן נאָך אירע קאַפּריזן און צוריק זיין ביי דער זייט פון איר מאַמען.

שפּעט ביי נאַכט, אין דער פינצטער, האָט זי ליגנדיק אויפן געלעגער זיך געגומען אַריינטראַכטן אין איר טרויעריקער לאַגע. זאָל זי זאָגן איר מאַמען פון אַלץ וואָס זי דענקט, וואָס זי פילט? צו זאָל זי טראָגן דעם סוד ביי זיך פאַרשלאָסן? קען דאָס דען פאַרבלייבן אַ סוד? און ווי לאַנג? — האָט זי זיך אַנגענומען מיט מוט און אויסגערופן: מאַמע, דו שלאָפסט שוין? נאָך נישט האָט איר די מאַמע האַלב פאַרשלאָפן געענטפערט. און ס׳איז ווידער שטיל געוואָרן. זי האָט זיך בעת מעשה דערשראָקן פאַר איר אייגענער שטימע, און נאָך מערער פאַר דער מאַמעס. זי האָט זיך ווידער גענומען וואַקלען מיטן געדאַנק, יאָ ריידן צו נישט ריידן? — אָבער עס איז שוין שווער געווען צו כאַפּן אויף צוריק, און זי האָט אָנגעהויבן מיט אַ ציטעריקער שטימע, אָבער גלייכצייטיק מיט אַנטשלאָסנקייט:

— דו הערסט מאַמע, וואָס איך וויל דיר זאָגן? איך בין שוין מער קיין קינד נישט, איך בין שוין אַ דערוואַקסענער מענטש איך האָב שוין מיינע אייגענע געדאַנקען און געפילן, וואָס קיינער קען מיט זיי נישט פאַרווערן. זיי זענען מיינע! און איך בין פאַראַנטוואָרטלעך פאַר מיינע טאַטן און אויפפירונגען. איך זע נישט איין, מיט וואָס מיין שול־חבר, מאַנועליטאָ איז אַנדערש פון דער יידישער יוגנט, וואָס איך האָב דאָ מיט זיי זיך באַקענט. זיי רעדן דעם זעלבן שפּאַניש. זיי עסן דעם זעלבן עסן, וואָס דו זאָגסט, אַז עס איז טריף. דו לאָזט קיין חזיר אין שטוב נישט אַריינגעמען, און זיי עסן עס פראַנק און פריי. איך זע נישט איין, מיט וואָס איז די יידישע יוגנט אַנדערש פאַר דער קובאַנער? זיי האָבן די זעלבע געווינהייטן, די זעלבע מאָראַל, די זעלבע אויפפירונג. און אויף וויפל די גאַנצע יידישקייט באַשטייט, ווי איך ווייס פון דער היים,

אין עסן איין וואָך אין יאָר ספּעציעלע אַמעריקאַנער „גאַיעטאָס“, מצות, ווי דו רופסט זיי, צי אין פאַרמאַכן דאָס געשעפט איין טאָג אין יאָר און פאָרן אין דער גרעסערער שטאָט צו בעטן גאָט, דאַן וועל איך פועלן ביי מאַנועליטאָן, דאָס ער זאָל אויך טאָן די יידישקייט צוויי מאָל אין יאָר. איך בין זיכער, אַז ער וועט עס מיט פרייד נעמען אויף זיך. טאָ פאַרוואָס, מאַמע, זאָלסטו מיר וועלן פאַרשלייערן מיט אָט דעם פליך, וואָס עקלט מיר בלויז זיין אָנבליק!

— פאַרוואָס זאָלסטו וועלן מיינע יוגנטלעכע חלומות, מיינע שענסטע טרוימען, מיינע הייליקע געפילן אין פרילינג פון מיין לעבן פאַרסמען? צו דען האָב איך נישט דאָס רעכט צו געניסן פון ליבע, אָט פון דעם לויטערן קוואַל, וואָס ריזלט אַזוי טיף ביי מיר אין הארץ, און וואָס מאַכט, אַז די גאַנצע וועלט זאָל טאַנצן אַרום מיר, זאָל זינגען אַרום מיר, און אַז די זון מיט דער לבנה און שטערן זאָלן זיין מיינע שטענדיקע באַגלייטער אויף דעם גאָלדענעם שטעג פון מיין יוגנט?!

— פאַרוואָס ווילסטו מיר פאַרקויפן צו דעם קרעמער, וואָס זאָגט מיר צו גאָלדענע גליקן מיט שטאָטישן ראַסקאָש, מיט בעלער, קאַבאַרעטן, פּלאַיעס און מאַשינען? אַז מיין גליק איז אין דעם שטילענקן שטעטל מיט די נידעריקע הייזער, מיט די בוימער און גראָזן, מיט די פעלדער און בלומען, מיט מיין ליבסטן ביי דער זייט, מיט מאַנועליטאָן? ער איז דאָך אַזוי שיין, אַזוי גוט, אַזוי הארציק און אַזוי ליב, אַז קיינער אין דער וועלט קען אים נישט פאַרבייטן! איך וויל אים און נישט קיין צווייטן! פיר מיך צוריק אין שטעטל אַריין! איך וויל די שטאָט נישט קענען! יאָ! וועסט מיר פירן? ענטפער, מאַמע!

אָבער קיין ענטפער איז נישט געקומען. אין דער שטילקייט פון צימער האָבן די זילבערנע שטראַלן פון דער לבנה זיך געפערלט אין די פאַרטרערטע אויגן, וואָס האָבן געזוכט אַן ענפער. נאָר קיין ענטפער איז נישט געקומען...

הײמלאָזע

דער טאָג איז געװען אַ הײסער, אַ גלײַיקער. די זון האָט פּאַרװאָרפֿן פֿײערדיקע נעצן און אַלעמען געפֿאַנגען אין איר הײסן אָטעם. די מענטשן האָבן זיך אַרומגעשלעפּט װי געפּענטעטע פֿון די אומזיכטבאַרע שטריק פֿון דער נעץ װאָס האָט זײ פֿאַרפּלאָנטן די טריט. די גאַנצע לופֿט איז געװען פֿול מיט אַן אָטעם פֿאַרכאַפּנדער היץ, אַז ס'האָט זיך געדוכט, אַז דער רױם איז אָנגעפּילט מיט פֿײער. אין אַזאַ הײסן טאָג לױפֿן די רײַכע צו די ברעגעס פֿון ים, װוּ זײ קילן זײערע צוהיצטע לײַבער אין די אָרעמס פֿון די בלױ־גרינע װעלן. ס'איז אַ מחיה זיך אַרײַנצװאָרפֿן אין די אָרעמס פֿון די שױמיקע װעלן און זיך באָדן גלײַך מיט דער זון — אין דער זון און אין דעם ים.

די אַרבעטער, װעלכע קומען אַהײם דורכגעװײקט מיט פֿאַרפֿױלטע העמדער אױף זײערע שװײסיקע לײַבער, פֿון װעמען עס פּילט זיך אַ זױערקײט, לױפֿן אַרונטער אונטער די דושן און באַנעצן זיך מיטן שפּריץ, װאָס קילט אָפּ און דערפֿרישט די צעהיצטע לײַבער. דאָס רױב קען מען הערן װי פֿון די קלײנע שמאָלע דוש־צימערלעך טראָגט זיך אַזאַ צופֿרידענער לוסטיקער געזאַנג, װאָס רײַסט זיך אַרױס מיט אַזאַ האַרציקײט, אַז מ'דערפֿילט אַז די פֿרײד צאַפּלט אַרױס פֿון יעדן קלאַנג. דאָס איז די פֿרײד פֿון אַ מענטשן, װעלכער װאַרפֿט אַראָפּ די שמוץ, די מידקײט פֿון אַ טאָג אַרבעט, און ער דערפֿילט זיך לעבעדיק, אָפּגעפֿרישט און געזונט. ער איז דאַן גרײט אונטער אַ קילן אָװנט װינטל און בײם שײַן פֿון דער לבנה צו גײן באַגעגענען זײַן געליבטע, װעלכע װאַרט אױף אים בײַ איר פֿענצטער מיט די גראַטעס. נישט באַמערקט פֿון קײנעם געלינגט

אים דורכשטופּן אַ הייסן קוש צווישן די קאַלטע אייזנס, וועלכע צאַמען אים אָפּ פון זיין געליבטער. אין אַזאַ הייסן טאָג האָט זיך אַ היימלאָזע מוטער אַרומגעשלעפּט איבער די הייזער צונויפקלייבן סענטן פאַר איר מיט איר פּופּצניעריקן זון, וועלכע וויינען שוין מער ווי אַ האַלב יאָר אויף דער גאַס... זי, אַ דאַרע פּרוי, הויט און ביינער, מיט אויגן וואָס זענען פאַרקראָכן טיף אין קאָפּ, ווי זיי וואָלטן מורא געהאַט אַרויסצוקוקן אויף דער ליכטיקער שיין. דאָס אַלט פּנימעל איז שאַרף און שפּיציק; די באַקן — צוויי שטשאַקעס וואָס אַט רייסן זיי אַדורך די געלבלאָסע הויט און באַווייזן זייער ביינערדיקן סקעלעט; די נאָז איז שאַרף און זאָגט עדות אויף איר פאַרביטערטקייט פאַר אירע ליידן און הונגער און פאַר דער שלעכטקייט פון די מענטשן, וואָס גייען זיך פאַרביי אַזוי געלאַסן, זיי ווילן נישט באַמערקן ווי זיי וואַלגערן זיך אויף דער ערד ווי אַרויסגעוואָרפענע פּעקלעך מיסט, און האָבן אפילו נישט קיין רחמנות ווען מען שטרעקט אויס אַ האַנט נאָך אַ סענט אויף צו קויפן אַ שטיקל ברויט. אויף איר לייב הענגט אַ שמוציק צעריסן פאַרלאַטעט קליידל אין וועלכן זי שלאָפט אייִנגעקאָרטשעט אויפן גאַס. אויף די פיס טראָגט זי אַ פּאָר אויסגעדרייטע שלירעס מיט עטלעכע שפּאַלטן, דורך וועלכן עס קוקן אַרויס שמוציקע פינגער מיט געלע צופּאַרעטע נעגל מיט בלאָטע פאַרפולט.

אָט אַזוי גייט זי אַרום אַ גאַנצן טאָג, פון הויז צו הויז שלעפּט זיך ביז אויפן דריטן און פערטן שטאָק, קלאַפּט אין די טירן און בעט אַ נדבה. אין מאַנכע הייזער עפנט מען בלויז די קליינע פענצטערלעך פון דער טיר, מען דערזעט אַן אָרעמע פרוי, פאַרקלאַפּט מען צוריק דאָס פענצטערל. זי שאַרט זיך דאַרט אַראָפּ פון די טרעפּ מיט אַ קללה אויף די ליפּן...

אין אַן אַנדער טיר קלאַפּט זי אָן, מען עפנט און מען הייסט איר וואַרטן ביז וואַנען מען דערלאַנגט איר אַ שטיקל צעדאַרטע ברויט, וואָס מען דאַרף שוין אַרויסוואַרפן. זי דאַנקט כלומרשט און ביים אַראָפּגיין בורטשעט זי צו זיך: „אַ קרענק אין זייערע ביינער אַריין — זיי האָבן דאָס נעכטן פאַרגעסן אַריינצוּוואַרפן אין מיסט, גיט מען דאָס היינט

מיר אַוועק. גוטע מענטשן... אַ כאָלערע זאָל זיי נעמען, אַרויספאַלן זאָלן ביי זיי די ציינער פון מויל, אַז זיי זאָלן נישט האָבן מיט וואָס צו עסן. אַ שטיקל צעדאַרטע ברויט געבן זיי מיר...״ זי האָט עס איבערגעלאָזן אויף די טרעפּ און ווייטער געגאַנגען.

זעלטן ווען עס עפנט זיך אַ טיר, און אַ קינד מיט אַ ריין נשמהלע און אַ גוט הערצעלע טראָגט איר צו אַ סענט. טויזנטער ברכות ציִען זיך ביי איר פון האַרצן אויף דעם קינדס קעפּעלע. ווען זי האָט נישט קיין מורא, אַז די עלטערן זאָלן עס נישט שלעכט אויסטייטשן, וואָלט זי דאָס קינד אַרומגענומען און אויסגעקושט מיטן גאַנצן האַרצן. „לאַנג לעבן זאָלן זיי״ — שעפּטשעט זי שטיל צו זיך נאָך לאַנג ווען זי איז שוין פון דער טיר אַוועק.

אַמאָל טרעפט זי אין אַ פּראָסטער אַרבעטער הויז, ווו אַז מען דערזעט איר, רופט מען איר אַריין מיט ליבע ווי אַן אייגענעם מענטשן. מען זעצט זי צום טיש און מען טראָגט איר צו אַ וואַרעמען טעלער זופּ און אַ שטיקל פליייש מיט רייז. זי ווייסט נישט ווי אָפּצודאַנקען די גוטע מענטשן, וואָס זענען אַזוי ווייניק פאַראַן. זיי גיבן איר נאָך מיט אַמאָל אַ פּאָר זאָקן, אַמאָל אַ פּאָר שיך. אַ גליקלעכע און אַ צופרידענע גייט זי צו איר פּלאַץ לעבן מויער, ווו זי האָט שוין אַ חזקה צו שלאָפן דאָרט שטענדיק.

איר זון, נאָך אַ ייִנגל כמעט, לויפט אַרום אַ גאַנצן טאָג פון פאַבריק צו פאַבריק, פון איין פאַרשטאָט צום צווייטן און זוכט אַרבעט. ער וואָלט זיך פאַרדונגען פאַר וויפל נישט איז, אבי אָנצוהויבן צו פאַרדינען עפּעס, אַז ער מיט זיין צעשראָקענער מאַמען זאָלן נישט דאַרפן שלאָפן אויפן גאַס און זי זאָל נישט דאַרפן גיין בעטלען אין די הייזער. אָבער אומעטום ווו ער קומט און אַז מ׳דערזעט פאַר זיך אַ אויסגעדאַרטן ייִנגל מיט דינע הענט און אַ קראַנקן אויסזען, דערשרעקט מען זיך פּשוט אים צו געבן אַרבעט, אַז ער זאָל נישט פאַלן אינמיטן. אַז מען נעמט אַן אַרבעטער, וויל מען זען פון אים אַרבעט. ווער וויל דאָס אָבער אַריינגעמען אַזאַ קראַנקן ייִנגל, וואָס לויט זיין פּנים איז כאָטש נעם און שיק אים אין שפּיטאָל אויף אַן אונטערזוכונג.

עס פֿאַרשטייט זיך, אַז קיין אַרבעט קריגט ער נישט און קומט יעדן אָוונט אַ פֿאַרמאַטערטער צו זיין דרויסנדיקער היים, ווו ער טרעפֿט שוין זיצנדיק זיין מוטער מיט אַ בלעכל ביי איר זייט, אין וועלכער עס געפֿינט זיך זייער אַ אָרעמער אָוונטברויט. דאָס באַקומט זי יעדן טאָג אין אַ געוויסן רעסטאָראַן, אַ ביסל זופּ אָדער אַ ביסל רייז מיט שוואַרצע בעבלעך, וואָס בלייבט איבער פֿון די שוין אָפּגעגעסענע געסט. ווען מ׳וואַרפֿט צונויף שטיקלעך פֿלייש, פֿיש און אַנדערע איבערבלייבעכצן — איז שוין דאָס ביי זיי אַ גאַנצער יום־טוב. נאָך פֿריִער נעמט דער זון אַ קריגל און לויפֿט צו איר אַ דערבייאיקע שפּייז קראָם און לאָזט זיך דאָרט געבן קאַלטע וואַסער. זיי גייען דאַן אַריין אין אַ שכנהשן פֿאַרהויז און שטעלן זיך אַוועק הינטער דער טיר, ווו זי אַנטבלויזט איר אויבערשטן האַלבן קערפּער. דער זון נעמט אַ שמאַטקע און אייַנטונקענדיק אין וואַסער וואַשט ער אַרום זיין מוטער דעם רוקן און לאָזט איר דערנאָך איבער דאָרט אַליין. זי מאַכט צו די טיר, קוקט זיך אַרום אויב עמעצער גייט נישט פֿון אויבערשטן גאָרן און גיך ווי אַ גנב וואָס היט זיך מען זאָל זי נישט פּאַקן, וואַשט זי זיך אַרום דעם אונטערשטן טייל פֿון קערפּער. זי מאַכט דאָס אַלעס פֿלינק, אין דער גרעסטער איילעניש און מיט שרעק אַז עמעצער זאָל נישט אָנקומען. ווען זי ענדיקט זיך וואַשן, ציט זי אָפּ דעם אָטעם פֿון דער דאָפּלטער באַפֿרייונג. פֿון שרעק און פֿון דער פּייניקנדער היץ.

זיי זעצן זיך ביידע אויף די טרעפּ און פֿאַרצערן זייער מאָלצייט פֿון דעם בלעכענעם קענדל. אַ צופֿרידנקייט לייכט דעמאָלט פֿון זייערע פּנימער. די מאַמע, אַן אָרומגעוואָקסענע, זעט אויס ביי אים אין די אויגן, ווי זי וואָלט יינגער געוואָרן, שענער געוואָרן. ער אַליין פֿילט זיך אויך מוטיקער; אַ נייע האָפֿענונג הייבט זיך אָן שפּינען ביי אים אין מוח — עס וועט נאָך קומען אַ צייט, ווען ער וועט קריגן אַרבעט און ער וועט דינגען פֿאַר זיך מיט דער מאַמען אַ קליין צימערל. זיי וועלן ביידע זיך לעבן גליקלעך און צופֿרידן — די מאַמע וועט שוין נישט דאַרפֿן גיין בעטלען, ווייל ער וועט פֿאַרדינען פֿאַר ביידן.

די מאַמע זעט ווי איר זון פֿאַרטראַכט זיך ביים עסן, ווערט זי דערשראָקן און גיט אים אַ פֿרעג:

— קינד מיינס, וואָס עסטו נישט, ביסט אפשר חלילה נישט געזונט?

— ניין מאַמע, — רופט זיך אָפּ דער זון אַרומנעמענדיק די מאַמען — מיר איז גאַרנישט, איך בין געזונט און טראַכט נאָר פון דעם ווי גוט עס וועט אונדז זיין, ווען איך וועל קריגן אַרבעט און מיר וועלן ביידע נישט דאַרפן עסן אונדזער אָוונטברויט אויף פרעמדע טרעפּ. ווי גוט וואָלט אונדז געווען, ווען מיר האָבן אַ קליין צימערל אויף צו שלאָפן!

— זאָרג נישט, מיין קינד, דו וועסט נאָך קריגן אַרבעט. דו וועסט פֿאַרדינען נישט נאָך פֿאַר דיר און פֿאַר מיר, נאָר אויך פֿאַר אַ גאַנצער פֿאַמיליע. דו וועסט זען. די אַרבעטער זענען שוין געקומען צום שכל און זיי פֿאָדערן פֿאַר זיך און פֿאַר זייערע פֿאַמיליעס עסן ביז זאַט. זיי זאָגן, אַז אַלע מענטשן זענען גלייך; עס דאַרף נישט זיין קיין רייך און אָרעם. דו פֿאַרשטייסט? מיר זענען דאָך אויך קינדער פון אַרבעטער. מיינע עלטער־זיידעס און עלטער־עלטערן האָבן זייער גאַנצן לעבן געאַרבעט. אויך דו וועסט נאָך קריגן אַרבעט. גיי און פֿאַרשרייב זיך ביי די אַרבעטער, וועלן זיי שוין אויפזוכן פֿאַר דיר אַרבעט. גיי נישט צו די פֿאַבריקאַנטן — גיי פריִער צו די אַרבעטער, פרעג מיך, איך ווייס אַז ביי די רייכע קריג איך גאַרנישט. קום איך אָבער צווישן אייגענע, צווישן אַרבעטער, רופט מען מיך אַריין און מען גיט מיר צו עסן און אַמאָל נאָך עפּעס מיטצונעמען אויך. אָט אַזוי זאָלסטו טאָן. גיי נישט מער בעטן ביי די פֿאַבריקאַנטן, נאָר גיי דירעקט צו די אַרבעטער, וועלכע וועלן דיר שוין באַזאָרגן מיט אַרבעט. דו וועסט זען, אַז איך בין גערעכט.

— יאָ מאַמע, איך וועל טאָן ווי דו הייסט מיר. מאָרגן גיי איך גלייך אין פֿאַראיין פון די אַרבעטער. דו האָסט מיר געעפֿנט די אויגן. איך האָב ביז איצט נישט פֿאַרשטאַנען. דו ביסט גערעכט.

אריינשטעלנדיק דעם לעפל אין דער בלעכענער פושקע צו נעמען אַ ביסל זופּ, האָט ער ביים צוטראָגן צום מויל דערפילט ווי צוויי געזאַלצענע טראָפּנס טרערן האָבן זיך דאָרט אַראָפּגעקייקלט פון די באַקן. ער האָט

בעת מעשה אַ קלער געטאָן, זיך אָפּגעהאַלטן פון עסן, נאָר גלייך האָט ער דעם לעפל ווידער צוגעטראָגן צום מויל און אַראָפּעשלונגען דאָס ביסל זופּ, ווי איינער זאָגט: „דאָס איז די ערשטע פּאָר טרערן, וואָס איך שלינג אַראָפּ", און ער האָט ווייטער געגעסן זיין אָרעמען מאַלצייט...

באַפּרייטע און שקלאַפן

די יולי־זון פלאַקערט מיט איר פייערדיקן קנויל און צינדט אונטער די טראָפּישע טעג מיט אַ שטראַליקן פּלייץ.

די לופט איז אָנגעגליט ווי אין אַ קאַלך־אויוון. עס דוכט זיך, אַז מען אָטעמט אַריין מיט יעדן אָטעם־צוג שטיקער פייער.

די מענטשן שלעפּן זיך אַרום מידע פאַרשוויצטע אַדורכגעווייקטע פון שווייס, וואָס הערט נישט אויף צו פליסן דורך אַלע פּונאַנדערגעשפּרייטע לייב־קעמערלעך.

אין אַזאַ הייסן זונטיק־טאָג לויפן מענטשן זיך צום לעשן ביי די ברעגעס פון ים, לאָזן זיך אַריינוואַרפן אין די קילע אָרעמס פון די הימל בלויע וועלן און פאַרשפּילן זיך מיט זיי. דער ים, נעמט זיי אויף מיט דער פולער ברייטקייט, וועלגערט אויס מיט די כוואַליעס די ברוינע אַריבער, דערפרישט זיי, קרעפטיקט און שפּריצט אַריין יוגנט־מוט אין די גלידער.

דער מענטש — דערפילט זיך ייִנגער, אַראָפּגעריסן ווי טראַנטעס די זאָרגן פון זיין מוח און ווערט מיטגעריסן פון דעם זאָרגלאָזן אַרום, די נאַטור ווייסט נישט פון קיין זאָרג, זי לעבט מיט דעם וויליקן איצט.

ביים ים דערפילט זיך יעדער איינער ווי אַ טראָפּעלע פון אים, און לאָזט זיך טראָגן פון די וועלן און זוניקן געבלענד... אויף די באַלקאָנען באַווייזן זיך נייגעריקע פּנימער וואָס באַוווּנדערן די געוואַגטקייט פון די יונגע און חוצפּהדיקע דעמאָנסטראַנטן.

ביקסן־קנאַלן שניידן איבער די קעפּ... עס ווערט אַ געלאַף. אין בלאָע אוניפאָרמס ווי צעיושעטע הינט, לויפן זיי פון אַלע זייטן, און

שניידן זיך אַריין צווישן די דעמאָנסטראַנטן און פּאַכען מיט זייערע קאָלבעס אויף רעכטס און אויף לינקס שפּאַלטן קעפּ, האַקן אונטער זייטן. אַ טייל, פון די וועלכע האָבן נישט פּאַספּייעט צו אַנטלויפן, פּאַלן אַריין צו זיי אין די הענט, וועלכע ווערן פאַרקייטלט, ווי געפּערלעכע פאַרברעכער.

אַרומגערינגלט פון פּאָליציי פירט מען אַ קאָמפּאַניע אַרבעטער רעוואָלוציאָנערן, צו דער נאָענסטער פּאָליציי סטאַנציע.

מיט פאַריסענע קעפּ און שטאָלצע טריט שפּרייזן זיי מוטיק אונטער דער וואַך פון דער פּאָליציי. אַריינקוקנדיק זיי אין די אויגן, און צוזעענדיק זייער גאַנצע האַלטונג, זעען זיי אויס ווי העלדן וואָס מאַרשירן אַהיים, נאָך אַן ענדגילטיקן זיג איבער דעם פיינד, זייער גאַנצע עזותדיקע האַלטונג, דענערווירט די שומרים, און זיי פּראָבירן באַפעלעריש צו טרייבן זיי, וועלנדיק דערמיט ברעכן זייער רויִקן און פעסטן גאַנג. עס געלינגט זיי אָבער נישט, זיי גייען זיך ווידער אין זעלבן טראָט, ווי די פּאָליציייסקע שטים וואָלט גאָרנישט אַריינגעדרונגען אין זייערע אויערן. אָדער פאַרקערט, זיי מאַכן זיך אַזוי ווי זיי וואָלטן געהערט און זיי פּאָלגן נישט בכיוון... זיי ווילן דורך דעם באַווייזן אַז זיי שרעקן זיך נישט.

אונטער די גרויע, מאַסיווע, פון דער צייט צעפרעסענע ווענט פון דער תּפיסה, זיצן אויף אַ הילצערנער באַנק אַ גרופּע אַרבעטער אין אַן אייזערנער קלאַטקע פאַרשלאָסן. אַנטקעגן זיי, דורך די גראַטעס זיצט דער קאַפּיטאַן פאַרפּראַטאַקאָלירט אין אַ גראָבן בוך זייער זינד... און פאַרצייכנט זייערע נעמען.

איינער אַ ברונעט, מיט גלײַזקע אויגן, קען נישט איינזיצן אויף דער באַנק, דרייט ער זיך אַרום הין און צוריק אין דער שמאָלער קלאַטקע ווי אַ געפאַנגענער טיגער. יעדער בליק פון זיינע אויגן, דוכט זיך, וואָלט אַדורכגעריסן די אייזערנע גראַטע, און זיך, מיט די חברים באַפרייט. ער שפּרייזט מיט אַ פאַריסענעם קאָפּ, רייכערט פּאַפּיראָסן, איינס נאָכן אַנדערן, און לאָזט דעם רויך אַרויס מיט אַזאַ שטאָלץ פונקט אַנטקעגן דעם קאַפּיטאַן, ווי ער וואָלט אים מיט דעם געוואָלט באַווייזן, אַז ער שפּייט אויף זיין געזיכט. די איבעריקע אַרעסטירטע זיצן און שמועסן

צווישן זיך גאַנץ געמיטלעך, ווי זיי וואָלטן געזעסן אויפן ראַנד פון פאַרט, און געפירט צווישן זיך אַ חברישע דיסקוסיע.

פון זייער גאַנצן אויסזען און האַלטונג. זעט מען פאַר זיך, באַפרייטע מענטשן. מיטן פולן באַוווסטזיין, פון זייער פליכט, וואָס זיי האָבן אַלס אַרבעטער אויף זיך צום טראָגן...

די דיקע תפיסה־ווענט ווערן צעשווומען פאַר זייערע אויגן, די גראַטעס פאַרשווינדן אין דעם מאָמענט ווען זייערע בליקן פאַלן אויף דער גרופע וואָס טראָגט אין זיך דעם פאַקל פון פרייהייט, דורך וועמעס אויגן עס לייכטן אַדורך די פונקען... ווער מיר אַרעסטירטע? וואָס מיר געפאַנגענע? באַפרייטע — זענען זיי... לייגט נאָר צו אייער קאָפּ צו זייערע ברוסטן וועט איר דערהערן, אַז דאָס קלאַפּן פון די הערצער, דאָס געזאַנג פון באַפרייונג... און דעריבער איז זייער חוצפּהדיקע האַלטונג, אַזוי שניידיק ווייל אַלע זייערע גלידער גייען נאָך צום טאַקט פונעם האַרץ...

אין דרויסן, אויפן ראָג פון גאַס, נעבן דער פּאָליציי סטאַנציע, שטייען פינף אויסגעפּוצטע, אין זונטאָגדיקע קליידער, פּאָליציאַנטן, אין זייערע הענט טאַנצן אַרום די קאָלבעס, וועלכע זיי שפּילן זיך נישט דענקענדיק גאָר וועגן דעם, שוין צוגעוווינט פון יאָרן, זיך אַזוי צו שפּילן מיט די שטעקלעך אין די הענט, און איצט גייט עס שוין אַלץ פון זיך אַליין מעכאַניש.

ביי די זייטן שטאַרצן אַרויס רעוואָלווערן, אָנגעלאָדענע מיט קוילן. זיי דערציילן זיך איינס די אַנדערע, די העלדישקייטן וואָס זיי האָבן באַוויזן, צעטרייבנדיק די מחנה יינגלעך... איינער וויל איבערשטייגן דעם צווייטן אין העלדישקייט, און זיי זוכן זיך צו באַרימען מיט נישט געשטויגענע און נישט געפלויגענע פאַרשטעלונגען...

פאַרבייגייער, זעען אין זיי גליקלעכע מענטשן, וועלכע קענען טאָן וואָס זייער האַרץ גלוסט, פאַר זיי איז אַלץ פריי... און זיך שרעקן האָבן זיי אויך נישט... פאַר דעם איז דאָ אַ רעוואָלווער ביי דער זייט.

אָבער דער וואָס קען אַריינקומען אין יעדער זאַך טיפער, ווי די אויסערלעכקייט דערזעט פאַר זיך מענטשן שקלאַפן.

זייער גאַנצער באַוווסטזיין איז פון אַ געהאַרכזאַמען שקלאַף, ער טוט אַלץ וואָס מען הייסט אים, קיין אייגענער ווילן איז נישטאָ. די גרעסטע פרייד איז ביי זיי, ווען זיי הערן די שטים פון באַפעלער. בכדי צו קענען אַרויסווייזן זיין געטריישאַפט. דעם זעלבן געפיל האָט אַ טרייער הונט ווען ער הערט דאָס געשריי פון זיין באַלעבאָס.

אין זייערע פאַרגליווערטע הערצער הערט זיך אָן עכאָ פון מה־יפית ליד, וואָס איז שטענדיק געגרייט צום קושן די האַנט פונעם שמייסער, וועלכער קאַרמעט אים.

איך שטיי ביי מיין פענצטער און קוק אויף אַמאָל אויף ביידע גרופּעס, און איך זע פאַר זיך די מענטשן מיט די בלויע אוניפאָרמעס אויף דרויסן נעבן דער תפיסה, וועלכע שפּילן זיך מיט די שטעקלעך גאַנץ געמיטלעך. — פולע הונדערט פראַצענטיקע שקלאַפן, כאָטש פריי איז פאַר זיי די וועלט...

און די אונטער די גראַטעס, אין אַייזערנעם שטייג, וואָס קענען קיין טריט נישט שטעלן איין טראָט מערער אַריבער דער גראַטע — זע איך באַפרייטע מענטשן מיט אייגענע ווילנס און אייגענע געפילן. זיי טוען אַלץ וואָס זיי ווילן טאָן, נישט קוקנדיק אויף קיין שום געפאַר...

אָט די הייסן באַפרייטע — וואָס פאַרשטייען אַז ס'נישטאָ אין דער וועלט קיין שום צאָם — צו פאַרשטעלן זייער ציל וועלכער טראָגט אין זיך די ליבע און פרייהייט, פון אַלע — אַלעמען...

אינהאַלט

זייט

פּוילן

דאָס אייביקע ליכט	11
מאָטינקע דער זיסער	17
זיידע און אייניקל...	25
די שטים פון וואַלד	31
ר׳ מרדכי הירשס נדר	35
אויפן אַלטן וועג	40
אַ דין־תורה מיט גאָט	47
אַ גרויליקע נאַכט...	54
דריי דורות...	59
דער סאַכאַרינטשיק	71

קובאַ

איבערגעריסן דעם פאָדעם...	81
אַ סוד פון ים...	95
צו כל נדרי...	108
טרערן און בלומען...	112
צוביידע געטער...	130
דער למד־וואָווניק...	145
דער שטעטלשער לערער...	155
אויף דער גיהנום־שיף	163
אויף די פעלדער פון קאַניע	168
אַ צלם פון מגן־דודלעך...	173
אונטערוועגס	178
דער אַלטער קראַוואַטן־פעדלער	183
פון דעם שטעטל	190
היימלאָזע	197
באַפרייטע און שקלאַפן	203

ביכער פון זעלבן מחבר

קובאַנער לידער — לידער און פּאָעמעס — „אויפגאַנג״, 1928.

טראָפּישע ליכט — לידער און פּאָעמעס — „אויפגאַנג״, 1930.

אויף צעגליטער ערד — לידער און פּאָעמעס — „אויפגאַנג״, 1934.

אין קאָנצענטראַציע־לאַגער בוכענוואַלד — „האוואַנער לעבן״, 1939.

געזאַנג פון קאָנטינענטן — לידער און פּאָעמעס, „האוואַנער לעבן״, 1951.

מאַרטי — פּאָעמע, אַרויסגעגעבן דורך דעם פּאַטראָנאַט פאַר אַ געזעל־שאַפטלעכער היים און בית־הכנסת פאַר די יידן אין קובא. האוואַנאַ, קובאַ, 1953.

מאַרטי — שפּאַניש, איבערגעזעצט פון אַנדרעס דע פּיעדראַ בוענאַ, 1954.

מאַסעאָ — שפּאַניש, איבערגעזעצט פון אַנדרעס דע פּיעדראַ בוענאַ, 11 אויפלאַגן.

קובאַ — לידער און פּאָעמעס, פאַרלאַג „ניי־לעבן״, ישראל, 1983.
לכבוד 100־יעריקער פייערונג פון דער קובאַנער פאַן „בני ברית מיימאָנידעס״, האוואַנאַ, 1950.